STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04466

GETRAYE LIBE

Kalman Segal

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלמן סעגאַל

געטרייע ליבע

פאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע

1960

KALMAN SEGAL

WIERNA MIŁOŚĆ

Redaktor: D. SFARD

רעדאַקטאָר: ד. ס פֿ אַ ר ד

Okładkę projektował: R. CHWOLES

הילע געצייכנט: ר. כ וו אָ ל ע ס

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 5941. Nakład 3000 egz. Druk ukończono w maju 1960 r.
Ark. druk. 10,5. Ark. wyd. 9. Papier druk. sat. III kl. 61×86 cm, 80 g.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. C-77

מאַראַנצן

דער טאַטע איז געלעגן אין בעט און געשוויגן. דער בליק זיינער איז געווען געווענדט צום באַלקן, פֿון וועלכן עס האָבן זיך געשפּילט שמיקלעך קאַלך אין פֿאַנטאַסטישע געשטאַלטן.

דער טאַטע איז געווען קראַנק. עס האָט אים ווי געטאָן אינעווייניק, עס איז אים אָבער שווער געווען צו זאָגן וואו און וועלכן אָרט דער דאָזיקער ווייטיק האָט זיך קאָנצענטרירט. ער האָט נישט גענומען קיין שום רפֿואות, ער האָט נישט צוגעלאָזט צו זיך קיין רופֿא. וועגן אַ דאָקטער האָט קיינער אין שטוב נישט גערעדט, ווייל אַ דאָקטער פֿלעגט מען ברענגען בלויז צו שטאַרבנדיקע. מיין מאַמען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז האָט ברענגען אַ דאָקטער וואָלט געווען איינדייטיק מיט דער פֿולער רעזיגנאַציע. און געהאַט האָט זי דאָך אַ האָפֿענונג, אַז דער טאַטע וועט געזונט ווערן.

זי איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב. שטיל, אויף די פֿינגער, זי האָט פֿאַרלוירן דעם געוויינלעכן שמייכל פֿון פּנים, זי איז געוואָרן נאָך שוואַכער, נאָך מער שוצלאָז, ווי עמעץ, וועלכער שטייט איבער אַן אָפּגרונט און עס ווערט ביי אים אַוועקגענומען דער איינציקער אָנשפּאַר.

מיר זענען אַרומגעגאַנגען נעבן טאַטן מיט זאָרג און מיט האַרצקלעמעניש. וואָלט ער כאָטש צו אונדז גערעדט אַ וואָרט. טיילמאָל נאָר, ווען עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז קיינער הערט אים נישט, האָט ער געפּליסטערט איינטאָניק, און אַלץ איבערגעחזרט דעם זעלבן זאַץ, אָן האָפֿענונג און אָן תּשובֿה.

— וואָס וועט זיין מיט זיי? וואָס וועט מיט זיי זיין?

די וועלט האָט פֿאַרלוירן די פֿאַרבן פֿון שיינקייט, דאָס גראָז האָט פֿאַרלוירן די גרינקייט, דער הימל האָט זיך באַהאַלטן אין גרויע וואָלקנס און אַפֿילו די פֿערד זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אַלץ איז געוואָרן געל, אַלץ איז געווען איינגעהילט אין אומעט, אַזוי ווי דאָס געלע געזיכט פֿון דעם קראַנקן טאַטן.

מיר זענען געווען פּראָסטע מענטשן, מיר האָבן נישט פאַרמאָגט קיין ווייכע און צאַרטע ווערטער, מיר האָבן נישט געקאָנט אַנטאָן אין זילבן די געפילן אונדזערע. מיר האָבן נישט געקענט די מוזיק פון טרייסטנדיקע ווערטער, מיט וועלכע עס באַנוצט זיך די מענטשלעכע האָפענונג און מיט וועלכע עס העלפט זיך דער מענטש אין שעה פון אומגליק.

דעם טאַטנס קראַנקהייט האָט לאַנג געדויערט. די מאַמע האָט שוין אויסגעשעפּט כמעט אַלע אָפּשפּאָרונגען, וועלכע עס פאַרמאָגט און שטוב אַ גוטע באַלעבאָסטע. עס איז אונדז בלויז איבערגעבליבן אַ ביסל קאַרטאָפל אין קעלער, און פון דער קאַמער האָבן זיך געטראָגן די שאַרפע גערוכן פון זויער קרויט. אין גרויסע פאַרטמאַליעטע איינזערנע טעפּ האָט די מאַמע געקאָכט קרויט און קאַרטאָפל, און דאָזיקע מאכלים האָבן אָנגעפילט די גאַנצע שטוב מיט דעם ריח פון אָרעמקייט. ווען עס איז שוין איבערגעבליבן זייער ווייניק קאַרטאָפל, האָט די מאַמע גענומען זיי שפּאָרן. זי האָט זיי איצט געקאָכט אין די שאָלן, אָדער געבראָטן אויף דער בלעך פון קיך. ווען זיי זענען שוין געווען ווייך, האָבן מיר זיי געגעסן מיט זאַלץ. זיי זענען געווען מעליק און געשמאַק. די מאַמע פלעגט זאָגן:

— די דאָזיקע קאַרטאָפל זענען ווי מאַראַנצן...

איינמאָל האָב איך בײַ איר געפרעגט:

— מאַמע, דו האָסט שוין אַמאָל געגעסן מאַראַנצן?

— ניין — האָט זי געענטפערט — אָבער האָס רעדט זיך אַזוי...

ברויט פלעגן מיר נעמען אויף קרעדיט אין קרעמל פון דער פרוי מעלער. זי איז געווען אַ דיקע ייִדענע, געהאַט האָט זי אַ גלענצנדיקן זכּרון, וואָס איז גאַנץ אָפט כאַראַקטעריסטיש פאַר מענטשן, וועלכע קענען נישט קיין כּתב. זי האָט געקאָנט חשבונען אויף די פינגער, און איך האָב זי צוליב דעם זייער מקנא געווען — זי האָט נישט געמוזט באַנוצן קיין בלײַשטיפט און פּאַפּיר.

אין דעם נישט געשריבענעם חובות=בוך פון דער פרוי מעלער זענען פאַרשריבן געווען לעבן אונדזער פאַמיליע=נאָמען אַ סך ציפערן, וועלכע מיר זענען איר שולדיק געווען. מיר זענען געווען שולדיק פאַר נאַפט און פאַר ברויט, פאַר שוועבעלעך און פאַר זאַלץ, און אויך פאַר דעם שוואַרצן ליולקע=טאַבאַק, אָן וועלכן דער טאַטע האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין.

די מאַמע פלעגט פון זיך טרייבן די געדאַנקען וועגן דאָזיקן חוב, אָבער זיי זענען געווען געדאַנקען איינגעשפּאַרטע און זלידנע, ווי די פליגן פאַר אַ רעגן. זיי האָבן זיך אַלץ ווידער און ווידער אומגעקערט, אָן

די מאַמע — זיפֿצנדיק, פֿלעגט מיך ווידער שיקן אין קרעמל אַריין נאָך אַ ברייטל. די פֿרוי מעלער האָט אויך שווער געזיפֿצט און געקרעכצט און קוקנדיק אין אַ זייט, פֿלעגט זי מיר דערלאַנגען דאָס האַלבע ברייטל און צוזאַמענרעכענען אויף די פֿינגער אונדזער וואַקסנדיקן חוב.

דאָס ברויט וואָס איך פֿלעג אַהיימברענגען פֿון קראָם, האָט — ווי געווײַנלעך — געהאַט אַ ברוינעם ראַנד, עס איז געווען גוט אויסגעבאַקן, ס'האָט געשמעקט מיט קימל — אָבער עס האָט נישט געזעטיקט דעם הונגער. עס האָט בלויז געבייצט דעם גומען און די נאָזלעכער, און באַין אופֿן האָט עס נישט געזעטיקט דעם מאָגן. מיר האָבן פֿון איר געשניטן דינע פּענעצלעך, פּונקט ווי עס טוען מענטשן רייכע און זאַטע. און פֿונדעסטוועגן — האָבן מיר עס נישט געקאָנט לאַנג דערהאַלטן אויפֿן טיש.

די מאַמע פֿלעגט עסן זייער ווייניק. זי האָט ליבער געהאַט די קאַרטאָפֿל מיטן טעם פֿון מאַראַנצן. דער טאַטע האָט זיך אויך אָפּט אָפּגעזאָגט פֿון ברויט. בלויז איך — בין געווען אומגעזעטיקט.

איינמאָל, קוקנדיק אויף די רעשטלעך פֿון דעם אָקאָרשט געבראַכטן ברייטל, האָט די מאַמע שטיל געזאָגט:

— דערבאַרעם דיך, דו עסט דאָך אַזויפֿיל....

דער ביסן איז מיר פֿאַרגליווערט געוואָרן אין האַלדז און די מאַמע איז בלאַס געוואָרן פֿון די האָזיקע ווערטער. זי האָט פֿאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און האָט זיך צעוויינט.

— וואָס האָב איך געזאָגט? — האָט זי געשעפּטשעט — וואָס האָב איך געזאָגט? הלוואי וואָלט איך זיך דערוואָרגן מיט די דאָזיקע ווערטער...

איינמאָל האָבן זיך אויסגעשעפּט דאָס געדולד פֿון דער פֿרוי מעלער. זי האָט אונדז נישט געוואָלט געבן מער קיין ברויט אויף קרעדיט. זעט אויס, אַז הער דאָזיקער באַשלוס איז איר אָבער נישט אָנגעקומען לייכט, ווײַל אין אַ שעה אַרום האָט זי אונדז אַליין געבראַכט אַ האַלב ברייטל. זי האָט געהאַט טרערן אין די אויגן און איבערגעבעטן מײַן מאַמען.

דעם צווייטן טאָג אינדערפֿרי האָט דער טאַטע געזאָגט:

— רויזע, האָסט אפֿשר אַ שטיקל ברויט?

— יאָ, פֿאַרוואָס רעדן נישט? — האָט זי געענטפֿערט.

— טאָ גיב מיר אַ שטיקעלע.

די מאַמע איז געוואָרן בלאַס, און באַלד איז איר פּנים געשטאַנען אין פֿלאַמען.

— איך גיי שוין ברענגען. עס דערווייל צוויי קאַרטאָפל, זיי זענען זייער גוט. ווי מאַראַנצן...

דער טאַטע האָט אויף איר געקוקט מיט פאָרוורף, אָבער מאָרגן וואַרעם. ער האָט רואיק געזאָגט:

— איך בין נישט הונגעריק. איך האָב בלויז געוואָלט וויסן, צי דו זאָגסט אמת. איך ווייס דאָך, אַז דו האָסט נישט קיין ברויט. פאַרוואָס נאַרסטו מיך אָפּ?

די מאַמע האָט פאַרדעקט האָס פּנים מיטן פאַרטעך

דעם דאָזיקן טאָג איז ביי מיר דייף געוואָרן דער באַשלוס צו גיין אַרבעטן. איך בין געווען בייז אויף זיך, פאַרוואָס איך האָב עס פריער נישט געטאָן. איך בין דאָך שוין אַלט געווען פערצן יאָר...

איך האָב זיך געלאָזט גיין ווייט הינטער דער שטאָט, דאָרט, וווּ מען האָט געבויט אַ פאַבריק.

צווישן קוסטעס און ביימלעך, זענען געלעגן בערג פון שטיינער, זאַמד, ציגל, זעקלעך מיט צעמענט, ברעטער און געוויקלטע בויגנס פּאַפּע. מענטשן זענען געלאָפן אין אַלע ריכטונגען, עס איז דאָ פיל געווען מיט גערודער און געשרייען. איינער האָט צוגעזאָגט דעם צווייטן, אַלע זענען געווען שטאַרק פאַרנומען. מען האָט געקאַרטשעוועט די יונגע בעריאָזקעס, מען האָט געגראָבן גריבער צו לעשן קאַלך און איבערגעוואָרפן די ערד פון איין אָרט אויפן צווייטן, די פורמאַנעס האָבן מיט די אַקסלען אונטערגעשפּאַרט די שווערע וועגענער מיט ציגל, וואָס האָבן געזונקען אין דער בלאָטע.

עמעץ האָט מיר אָנגעוויזן דעם מייסטער.

— וואָס ווילסטו?

— אַרבעטן.

— וויפל ביסטו אַלט?

— זיבעצן... — האָב איך געענטפערט און בין רויט געוואָרן, ווי שמעגדיק וועט עס איז מיר אויסגעקומען צו זאָגן ליגן.

— גיי אַהין. וועסט גראָבן.

— כ׳וועל גראָבן.

— און מאָרגן קום פריער.

איך האָב זיך פאַראייניקט מיט די אַרבעטנדיקע. איך האָב זיך געאיילט און געפלייסט נישט צו בלייבן הינטערשטעליק. איך בין געווען

שמאָלץ און גליקלעך. און אין אַ שעה אַרום האָב איך שוין געהאַט אויף די הענט גרויסע בלאָטערן און נאָך מיטאָג — רויטע וווּנדן. איך האָב זיך מיט דעם נישט איבערגענומען, כאָטש די שמערצן זענען געווען אַלץ גרעסער.

דער מייסטער איז עטלעכע מאָל צו מיר צוגעקומען, ער האָט באַטראַכט מיין אַרבעט און איך האָב באַמערקט, אַז ער איז פון מיר צופרידן.

— דו... — האָט ער געזאָגט פריינדלעך — לויף נישט אַזוי... אַרבעט ווי אַ מענטש. מאָרגן וועט אויך זיין אַ טאָג.

איך בין געלאָפן. עס איז מיר געווען פריילעך. אין האָב דאָך געאַרבעט אויף ברויט. איך האָב פאַרדינט אויף ברויט.

פאַרנאַכט, נאָך דעם פייראַבנט, בין איך געגאַנגען צום מייסטער נאָך דעם פאַרדינטן געלט.

— ביסט משוגע? — האָט ער זיך אָפּגעבייזערט — ביי אונדז צאָלט מען איינמאָל אין דער וואָך. שבת...

אין די אויגן איז מיר געוואָרן טונקל. עס איז ערשט געווען מאָנטיק. איך האָב געפילט ווי די מוסקולן פון געזיכט הייבן מיר אָן ציטערן און אַ נעפּל פאַרוועבט מיר די אויגן. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אַ גאַנצן טאָג האָב איך נישט געגעסן און אַז דער טאַטע איז זייער קראַנק.

דער מייסטער, אַן אַלטער פויער מיט לאַנגע וואָנצעס און גראָבע שטריכן פון געזיכט, האָט פאַרשטענדיק געקוקט אויף מיר, דערנאָך האָט ער גענומען זוכן אין דער טאַש פון רעקל און האָט געזאָגט צו מיר ווייך און כמעט האַרציק:

— נאַ, וועסט מיר אָפּגעבן שבת...

איך האָב געכאַפּט די מטבע און האָב זיך געלאָזט לויפן צו דער פרוי מעלער אין קרעמל. איך האָב פאַרגעסן וועגן מיין מידקייט און וועגן די בלאָטערן אויף די הענט.

די מאַמע האָט מיך באַגעגנט אויף דער שוועל פון שטוב. זי האָט געקוקט אויף מיין איינקויפעכץ, און אויף איר געזיכט האָב איך איבערגעלייענט פרייד און שטאָלצקייט פון איר זון. די הענט אין וווּנדן האָב איך באַהאַלטן הינטער זיך, איך האָב איר נישט געוואָלט פאַרשטערן די פרייד.

— מיין גוט קינד... — האָט זי געזאָגט, גלעטנדיק מיר מיינע האָר.

און, זינט פיל טעג, האָט זי צום ערשטן מאָל זיך צעשמייכלט, און

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז האָס האָט די זון איצט אויפֿגעשיינט, כאָטש די שעה איז שוין געווען אין דעמערונג.

איך האָב געוואָלט אויפֿוועקן דעם טאַטן, אָבער די מאַמע האָט נישט דערלויבט.

— שאַ... וועק אים נישט. לאָמיר אַוועקלייגן דאָס ברויט אויפֿן בענקל, דאָ, נעבן בעט. ווען ער וועט זיך אויפֿוועקן, וועט ער זיך דערפֿרייען...

מיר האָבן אַנידערגעלייגט דאָס ברויט נעבן טאַטן. מיר האָבן געוואַרט ווען ער וועט זיך אויפֿוועקן. מיר האָבן זיך געפֿרייט מיט דעם בליק זיינעם, וואָס וועט פֿאַלן קודם אויפֿן ברויט און דערנאָך אויף אונדז. אפֿשר וועט ער אַ שמייכל טאָן?...

אָבער דער טאַטע האָט זיך נישט אויפֿגעוועקט. ער איז געשטאָרבן אין שלאָף.

זיין פּנים איז געווען גוטמוטיק און האָרגלאָז, פּונקט ווי אין יענע צייטן, ווען מיר זענען נאָך נישט געווען הונגעריק...

דער טאַטע האָט שוין נישט געלעבט, נאָר אויפֿן טיש איז שוין איצט שטענדיק געלעגן ברויט. עס איז געווען שוואַרץ און זאַפֿטיק, אָנגעזעטיקט מיט זיסע ריחות, און טיילמאָל פֿלעגט עס אַפֿילו זיין ווייס, ווי אַ חלה. מיר האָבן ווידער געהאַט קרויט, און די קאַרטאָפֿל האָבן נאָך אַלץ געהאַט דעם טעם פֿון יענע אומבאַקאַנטע פֿרוכטן פֿון די הרום־לענדער.

ביי דער פֿרוי מעלער האָבן מיר געצאָלט מיט קלינגענדיקע ממתּקים. מיר האָבן שוין איצט געקויפֿט נאָכט אָנשטאָט אַ ליכטל, און יעדן אָוונט האָב איך שעהן לאַנג געקאָנט זיצן ביים טיש און לייענען ביכער. פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט שטענדיק איז עס געווען מעגלעך. זייער אָפֿט, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט איז דאָס לייענען אַ בוך געווען אַ שווערע מי, אַן אומטענטשלעכע מי. איך האָב דעמלט נישט פֿאַרלאַנגט קיין שום אַנדערע זאַך, ווי נאָר אַ שיסל הייסע זופּ און אַ דיקן פּענעץ ברויט. די אָרעמס, די הענט, אַלע גלידער און אַפֿילו די אויגן פֿלעגט אַרומנעמען אַ מידקייט, אַ מאַכטלאָזיקייט, און איך פֿלעג פֿאַלן אויפֿן געלעגער ווי אַ סנאָפּ. און די נאַכט האָט געדויערט אַזוי קורץ, דער פֿאַרטאָג האָט געוועקט די בלינדע ווער, איך האָב געקוקט אויף דעם נייעם טאָג מיט פּחד און באַדויערט, וואָס די קורצע זיסע נאַכט איז שוין פֿאַרביי.

איין מאָל אין דער וואָך פֿלעג איך דער מאַמען אָפּגעבן דאָס פֿאַרדינטע געלט, און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אָט די דאָזיקע פֿאַר גילדן ספּייען אויף אונדזער באַשיידענער פּרנסה. איך האָב נישט אַריינגעקלערט, וויאַזוי די מאַמע גיט זיך אַן עצה, עס איז מיר נישט געקומען אויף די געדאַנקען, אַז דאָס, וואָס איך פֿאַרדין איז צו ווייניק פֿאַר אונדזערע באַדערפֿענישן. איך האָב אַפֿילו נישט באַמערקט, אַז איר פּנים ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ בלאַסער און אַלץ מער איינגעהויקערט — אירע פּלייצעס. איך האָב דאָס אַלץ נישט געקאָנט הערן. איך האָב דאַך געשטעקט אין דער שטאָלצקייט, אַז איך בין דער פּרנסה־געבער. איך האָב געשטעקט אין דער מידקייט און אין מיינע ביכער.

איינמאָל האָב איך געענדיקט די אַרבעט פֿריער ווי געוויינלעך. איך בין געגאַנגען מיט די גאַסן פֿון שטעטל פּאַוואָליע, איינגעהאָרכט אין דעם גערויש פֿון די געוועלבלעך און ווירטהאַר פֿון די הורבגייער. כ'האָב באַטראַכט די פֿאַרביקע שויפֿענצטער און געלייענט אַ שטיקל צייטונג אין פֿענצטער פֿון דער טראַפֿיק. דאָס אַלץ איז פֿאַר מיר געווען גאַנץ אומגעוויינלעך אין דער דאָזיקער שעה, אין דער שעה, וואָס איך פֿלעג שוין זינט לאַנגע חדשים פֿאַרברענגען ביי דער אַרבעט.

פּלוצים האָב איך אויף דעם צווייטן טראָטואַר דערזען מיין מאַמע; זי איז געגאַנגען איינגעבויגן און באָרוועס, אירע אויגן האָבן אויסגעזען ווי זי וואָלט קיינעם נישט באַמערקט. אין די הענט האָט זי געטראָגן צוויי גרויסע עמערס וואַסער. עס איז מיר געוואָרן היים. דאָס זענען נישט געווען אונדזערע עמערס. איבעריקנס, מיר האָבן געוווינט ווייט הינטער דער שטאָט און נעבן אונדזער שטוב איז דאָך געווען אַן אייגענער ברונעם.

איך בין צוגעגאַנגען צו דער מאַמען און אָנגענומען זי ביי דער האַנט. זי האָט אַ ציטער געטאָן און איז געבליבן שטיין. איך האָב געקוקט אין אירע גוטע שיינע אויגן. זיי זענען געווען איבערגעשראָקן און פֿאַרשעמט.

— וואָס ווילסטו? גיי אַוועק... — האָט זי שטיל געזאָגט.

— שטעל אַנידער די עמערס, מאַמע. איך וועל שוין צוטראָגן...

— גיי אַוועק. דו וועסט זיי נישט באַהיטן. איך וויל נישט, הערסטו?

— איך וועל אַריינטראָגן די עמערס און מיר וועלן צוזאַמען אַהיימגיין. פֿאַר וועמען איז דאָס וואַסער?

— פֿאַר חב ישמשל...

ישימשל האָט געוווינט אויפֿן צווייטן שטאָק. ער האָט געהאַט אַ גרויס געשעפֿט ביי דער הויפּט־גאַס. מיט די מסחרים האָט זיך פֿאַרנומען זיין

ווייב, אַ יידענע אַ בייזע, פֿאַר וועלכער די גאַנצע שטאָט האָט געציטערט. ער איז געוויינלעך געזעסן אין שטוב און געלערנט תורה. ער איז געווען אַן איידעלער ייִד, אַ תלמיד חכם, אין שול איז ער געזעסן אייבן אָן און פֿלעגט אַפֿילו אינדערוואָכן גיין אין אַ זייַדענער בעקעשע און אין ווייסע זאָקן מיט האַלבשוך.

ביז ווי אַ שד, האָב איך זיך געלאָזט אויפֿן צווייטן שטאָק. דער רוגז האָט מיך געטריבן, געהאָלפֿן מיר איבערשפּרינגען צוויי טרעפּלעך מיטאַמאָל, דער רוגז איז געוואַקסן אין מיר, ווען איך האָב געקלערט, ווי שווער עס איז צו גיין מיט די האָזיקע טרעפּ פֿאַר מיין מאַמען און ווי מיד עס זענען אירע פֿיס, באָרוועסע און קראַנקע.

אין קאָרידאָר איז געווען טונקל און גליטשיק, מסתּמא פֿון שמוץ. איך האָב זיך אויסגעגליטשט און פֿאַרגאָסן אַ היפּש ביסל וואַסער. איך האָב געעפֿנט די טיר פֿון דער קיך און עס האָט אויף מיר אַ בלאָז געטאָן מיט יענעם טוכלע גערוך פֿון די וווינונגען, ווו די באַלעבאָסטע איז נישטאָ אין דער היים און די פֿענצטער זענען שטענדיק פֿאַרמאַכט.

איך האָב אַוועקגעשטעלט די עמערס מיטן וואַסער אין ווינקל און האָב אַריינגעקוקט אין צווייטן צימער, פֿון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן הב שימשלם שמימע. ער איז געזעסן ביים טיש ביי אַן אָפֿענער גמרא און האָט הויך און זינגענדיק געלערנט און געשאָקלט זיך ריטמיש צום טאַקט פֿון די אייגענע ווערטער.

— איך האָב געבראַכט וואַסער...

— הא? וואַסער? זייער גוט האָסטו געטאָן. אַ זון דאַרף העלפֿן דער מאַמען...

ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון בענקל און האָט גענומען זוכן אין דער קעשענע פֿון וועסטל.

— צוויי עמערס איז אַזויפֿיל ווי צען גראָשן.

— יאָ, האָב איך געזאָגט, מיט דעם זעלבן טאָן — אַזויפֿיל ווי צען גראָשן...

ער האָט געהאַלטן די מטבע צווישן די פֿינגער, אָבער עס זענען אים געוואָרן אויפֿפֿאַלנדיק מיינע נאַסע הויזן. ער האָט זעט אויס זיך געכאַפּט, וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט אין קאָרידאָר. ער איז צוגעגאַנגען צום ווינקל, ווו עס זענען געשטאַנען די עמערס און האָט זיך צעלאַכט.

— האָסט דאָך נישט געבראַכט קיין צוויי עמערס. פֿאַרוואָס זאָגסטו, אַז צוויי, ווען דאָ איז דאָ בלויז אַנדערטהאַלבן. דאָס וואָס דו האָסט פֿאַר-

גאָסן, רעכנט זיך נישט... — ער האָט זיך צעלאַכט כמעט האַרציק, אַ צופרידענער פון זיך.

ער האָט ווידער גענומען זוכן אין דער טאַש פון וועסטל און האָט אויסגעטווישט די מטבע אויף צוויי קלענערע. ער האָט מיר דערלאַנגט די זיבן גראָשן און געזאָגט:

— איצט שטימט שוין דער חשבון.

גייענדיק מיט דער מאַמען אַהיים, האָבן מיר דעם גאַנצן וועג געשוויגן, כאָטש איך האָב געוואָלט אַ סך זאָגן. איך האָב אָבער נישט געפונען קיין פאַסיק וואָרט. דאָס וואָס איך האָב אויסגעטראַכט איז געווען גאָר נאַריש.

— ווייסט, מאַמע — האָב איך געזאָגט — אונדזערע „מאַראַנצן" זענען פאָרט די בעסטע...

און איך האָב גלאַך צוגעגעבן:

— זאָג מיר צו, מאַמע, אַז וועסט שוין קיינמאָל דאָס נישט טאָן, ניט?...

יאָסעלע

אייִדער יאָסעלע איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, האָט מען זיך אָנגע־הויבן גרייטן צו אַ גרויסער שמחה, אויף וועלכער ער האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן מיט אַ דרשה. מען האָט זיך געריכט אויף אַ סך געסט — פאַרבעטענע קרובים און חסידים פון נאָענט און ווייט.

יאָסעלע האָט זיך עטלעכע חדשים צוגעגרייט צו דער דרשה. רב דן און אויך אַלע קרובים האָבן געוואָלט הערן פון יאָסעלעס מויל אַזאַ מין דרשה, אַז יידן, אַרויסגייענדיק פון דער שול, זאָלן פּאַטשמאַקעווען ווי נאָך אַ גוט שטיקל פיש און דערביי זאָגן: „איז דאָס געווען אַ דרשה!... די פינ־גער צו לעקן!...“ צווישן די פאַרזאַמלטע וואָס וועלן האָבן דאָס גליק צו הערן יאָסעלען, וועלן אויך זיין מענטשן רייכע, סוחרים וואָס האַנדלען מיט תבואה אָדער מיט וועלדער, מאַטעס פון שיינע מעבלער מיט נדנים, און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויף אַזאַ שמחה קאָן זיך אַמאָל אויספיקן אַ גוטער שידוך. און וועגן דעם טאַקע טראַכט רב דן ווען ער גרייט צו זיין ייִנגערן ברודער צו דעם אויפטריט אין בית־המדרש. דן איז טאַקע אָפט אַנטוישט פון זיין ברודער, אָבער אַלס קאָפּ פון דער רבני־שער משפחה טראַכט ער וועגן דער צוקונפט פון יאָסעלען, וועלכער איז שוין לאַנג ראוי לחופה.

יאָסעלעס דרשה האָט געדאַרפט פאָרקומען אין די עשרת־ימי־תשובה, ווען פרומע יידן מאַכן אַ חשבון פון זייערע מעשים פאַר אַ גאַנץ יאָר און זענען מתפּלל מיט אַ גרעסערן ברען ווי געוויינלעך, ווען די תפילות צע־רייסן די הערצער און גרייכן צו די הימלען, ווי דאָס געשריי פון ווילדע גענדז, וואָס פליען אָפּ אין אַ האַרבסטיקן רעגנדיקן אָוונט. פול מיט טרער־זענען זיי, די האָזיקע תפילות, און הייס, ווי דער רויטער קאָליר פון די בלע־טער, וואָס פאַלן אַראָפּ פון די ביימער. אויך יאָסעלעס דרשה האָט גע־דאַרפט זיין אין האָזיקן זין. זיינע יונגע, נאָך כמעט קינדישע ליפּן האָבן געדאַרפט רעדן וועגן זאַכן ערנסטע און טרויעריקע. זיין מוסר האָט גע־

האָרפּט וועקן אַנטציקונג אין די הערצער פון די צוהערער און מאַכן טרערן אין די אויגן פון פּשוטע מענטשן.

אין די האָזייקע טעג איז רב דן געשלאָפן אויף דער ערד. ער האָט נישט געגעסן קיין פעטע מאכלים, און מאַנטיק און דאָנערשטיק האָט ער אָפּגערעכט תעניתים. ער איז דעמלט געווען אַ גזלן אויף זיין אייגן לייב, און פאַר די מענטשן, וואָס זענען אים געקומען אויף די אויגן, איז ער געווען שטרענג און ברוטאַל.

עטלעכע טעג פאַר ראש־השנה האָט רב דן אַריינגערופן יאָסעלען צו זיך אין צימער. אין דער האַלב־טונקלקייט, וואָס האָט דאָ געהערשט, האָבן די אַלטע מעבל פאַרלוירן זייערע געשטאַלטן. אין פענצטער האָט זיך געשוואַרצלט דער הויכער מויער פון פאַרקן.

רב דן איז געזעסן אין אַ טיפן אויסגעריבענעם פאָטעל, זיין פנים איז געווען באַשאָטנט פון דעם ברייטן רבנישן קאַפּעליוש, וואָס זייגע ברעגן האָבן אויסגעזען ווי שוואַרצע גרויסע פליגל. אין אַ ווינקל איז געזעסן איינגעהויקערט דער שמש.

— קענסט שוין די דרשה? — האָט רב דן אַ פרעג געטאָן.

יאָסעלע האָט אויפגעציטערט.

— איך קען.

— זאָג...

יאָסעלע האָט פאַרזשמורעט די אויגן, זיך צונויפגענומען אין זיך און פאַוואָליע ווי איינער, וואָס דערמאָנט זיך אַ פאַרגעסענעם מאמר, אָנגעהויבן שטיל צו רעדן, דער טאָן פון זיינע רייד האָט נישט פאַרמאָגט קיין גרויסע איבערצייגעוודיקייט, ס'האָבן אָבער געקאָנט אַנטציקן די שיינע צוגעקליבענע ווערטער, משלים און פסוקים.

יאָסעלעס געזיכט איז געווען פול מיט צער און אומעטיק, ווי אַ האַרבסטיקער בין־השמשות.

און ווען ער האָט געענדיקט איז ער געגלעך געווען צו אַ יונגן נביא. גאָטס געזיכט איז שטרענג, און דער וועג צו אים פירט דורך שווערע און געפערלעכע נסיונות. בייזע פיינטלעכע כוחות טשאַטעווען אויף יעדן טריט און שריט; זיי לאָקן און פאַרפירן מיט דער מאַכט פון יצר־הרע און וואַרפן אַריין די אָרעמע נשמות אין שאול־תחתיה. פאַרפאָלגט און פאַרהאַסט איז דאָס יידישע פאָלק, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שווערן און זיסן עול פון אתה־בחרתנו. נישט מער ווי אַ פויזנדיקער וואָרעם איז דער מענטש אין ווי איז צו יענע, וואָס פאַרגעסן וועגן דעם און הייבן די קעפּ העכער איבער

אַנדערע מענטשן. ווי איז צו די בעלי גאווהניקעס און צו די זינדיקע, וואָס גיבן זיך אונטער דער שליטה פון שטן און אַנטציקן זיך מיט דער שיינקייט פון דער וועלט, וואָס איז באַשאַפן נישט פאַר די מענטשלעכע חושים, נאָר פאַר גאָטס שבח וועגן... די שווערד פון גאָטס גערעכטיקייט הענגט איבערן קאָפּ פון יעדן בשר ודם, און דער פסק פון גערעכטיקייט איז קיינעם נישט באַקאַנט, ווייל קיינער איז נישט אומשטאַנד אָפּצושאַצן די וואָג אַפילו פון דער קלענסטער זינד — אויך דער קלענסטער חטא ווערט אַ לייטער צום גיהנום... דעריבער לאָמיר זיך שלאָגן אין האַרץ, ברידער, פאַר די חטאים, לאָמיר פאַלן כורעים פאַר דעם האר פון דער וועלט, לאָמיר בעטן מחילה ביי די ברידער מקרוב ומרחוק, לאָמיר מוחל זיין אונדזערע שונאים און די וואָס מוזן אונדז שלעכטס, ווייל זיי זענען די האַנט פון גאָטס גערעכטיקייט און פירן אויס זיין ווילן. לאָמיר זיך מוחל זיין, ברידער, בכדי דער האר פון דער וועלט זאָל אונדז אויך מוחל זיין...

יאָסעלע האָט געענדיקט. אויף די שלייפן און שטערן זענען אים אַרויסגעקומען טראָפּנס שווייס. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן בענקל און אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף דער קאַלטער ברעט פון טיש.

דער שמש אין ווינקל האָט געצמאָקעט מיט די ליפּן פון אַנטציקונג.

רב דן איז געווען צופרידן.

אַ זוניקער שבתדיקער אינדערפרי. דער האַרבסט האָט זיך געבאָדן אין גאָלד און גערוך פון רייפע פירות. אין צדיקס הויז האָט זיך געראָיעט ווי אין אַ בינשטאָק. יאָסעלע — אָנגעטאָן אין אַן אַטלאַסענער בעקעשע, אין שוואַרצע האַלבשיך און ווייסע זאָקן — איז געווען דער העלד פון טאָג. מען האָט אים געווונטשן, דערלאַנגט מתנות, און אַלע האָבן צו אים געטרונקען לחיים.

מען האָט געדאַוונט אין דער אַלטער שול. נאָך דער הויכער שמיגה עשרה האָט מען אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַ טלית און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן באַלעמער. עטלעכע הונדערט מענטשן, ענג צוזאַמענגעדריקט זענען געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. די שטילקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געהערט זשומען אַ פליג, וואָס האָט זיך געשלאָגן אין דער פאַרביקער מאָזאיק פון אַ פענצטער.

יאָסעלע האָט אויפגעהויבן די אויגן אַרויף, געקוקט ערגעץ איבער די מענטשלעכע קעפּ, ערגעץ איבער די שוואַרצע קאַפּעליושן און ברוינע

שטריימלעך, און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער בחור איז באַלויכטן פון גאָטס שכינה, אַז דער רוח אלהים באַשיינט און באַגייסטערט זיין פנים.

און יאָסעלע האָט אָנגעהויבן זיין דרשה. זיין בליק איז מינוטנווייז געווען פאַרצויגן מיט אַ נעפּל פון גערירטקייט, און מינוטנווייז — אַזוי שאַרף, אַז עס האָט זיך געדאַכט, ער בויערט דורך די גראָבע מויערן פון דער שול. ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, האָט זיך אין אים פאַרלוירן דער גאַנצער פריערדיקער פחד און די צעשלאָגנקייט. ער האָט פאַרגעסן אין דער אויסגעלערנטער דרשה, אין די עצות פון רב דן, און אפילו נישט געזען רב הנס שוואַרצע אויגן, וואָס זיינען געהאָנגען אויף זיינע, יאָסעלעס, ליפּן.

די ווערטער זיינען אים געפלאָסן לייכט, ווי פייגל פאַרשפּאַרטע אין האַרץ, פייגל, וואָס האָבן לאַנג געוואַרט אויף דעם פרייען פלי און זיינען איצט באַפרייט געוואָרן. זיין נשמה האָט זיך אַרויסגעריסן צו דער וואָכעדיקער וועלט, צו די ברייטע פעלדער הינטער דער שטאָט, וווּ דער ווינט האָט אַרומגעטראָגן די מוזיק פון פייגל און דעם גערוך פון ווילדע בלומען

עס האָט אין יאָסעלען אויפגעברויזט עפּעס אַ מאָדנע ליידנשאַפט, און אים געצוווּנגען צו רעדן דאָס, וואָס ער פילט. און געפילט האָט ער די גרויסע האַרמאָניע פון דער וועלט און אַ גרויסע ליבשאַפט צו איר, צו אירע פאַרבן, געשטאַלטן און גערוכן. ער האָט אין זיך געפונען דעם באַוווּסטזיין פון דער דאָזיקער האַרמאָניע, אין וועלכער עס פאַראייניקן זיך — די שיינקייט פון דער נאַטור מיט די מענטשלעכע ליידנשאַפטן, דער שווייס פון די אַרבעטנדיקע מיט דעם ריח פון די האַרבסטיקע פרוכטן. אַלץ בינדט זיך אין איין ליד — אין דעם גרויסן געזאַנג פון לעבן.

אין דער ברייטקייט און רייכקייט פון דער וועלט האָט ער דערזען אַ קליין קליטקעלע, אין וועלכן עס שטייען צונויפגעדריקט מענטשן ווי צווערגן, פאַרשטעלן זיך מיט די הענט די אויגן און פאַרלייקענען דאָס עקזיסטירן פון דער שיינער וועלט. אָבער די וועלט לאַכט אויס זיי. זי וואַקסט און בליט. עס וואָיען געוויטערס גרויזאַמע און שיינע. עס גרינט דער פרילינג, דער זומער שמעקט מיט האָניק און ליפּעווע בליטן, און דער האַרבסט שפּיגלט זיך אין די ראָזעווע באַקן פון רייפע עפּל.

און צווישן דעם אַלעם, אינמיטן פון דער וועלט, זעט יאָסעלע המונים מענטשן פון פאַרשידענע אויגן-, האָר- און הויט-קאָליר. זיי גייען אין

פֿאַרשיידענע קליידער, ווי זייען תבואה און נעמען צוזאַמען דאָס גערעטעניש, ווי בויען הייזער און האַנדלען מיט פֿיש, מאַמעס גלעטן זייערע קינדער, בעטלערס ציִען אויס די הענט נאָך אַ ביסן ברויט, און טויזנטער אַנדערע פֿאַרנעמען זיך מיט אַנדערע זאַכן.

יאָסעלע האָט זיך פֿאַרגעסן, ער האָט זיך פֿאַרלוירן אין זיינע טרוימערייען. אַנשטאָט צו רעדן וועגן געטלעכע ענינים, האָט ער גערעדט וועגן זיין בענקשאַפֿט צו די מענטשן, וועגן זיין פֿאַרלאַנג צו דערקענען זייערע הערצער און געפֿילן, ליידן און פֿריידן. ער האָט גערעדט וועגן זיין ליבשאַפֿט צו די דאָזיקע ווייטע אומבאַקאַנטע, וועלכע זענען זיינע ברידער און וועלכע וואַקסן אַרויס ווי זאַנגען פֿון דער זעלבער ערד.

דער עולם האָט געהאָרכט אויפֿמערקזאַם און שטיל, אין דערוואַרטונג, אַז יאָסעלע וועט באַלד אָנהייבן צו רעדן וועגן פֿרומערע זאַכן. אָבער וואָס ווייטער ער האָט גערעדט, אַלץ מיט מער אַפּיקורסות האָט געשמעקט די דרשה. האָ און דאָרט האָבן די חסידים אָנגעהויבן דרייען מיט די קעפּ און סודען זיך. מען האָט געוואָנדן פֿרעגנדיקע בליקן אויף רב הנען. אַן אומרואיקייט האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן עולם.

רב הנן האָט זיך מיטאַמאָל אויפֿגעשטעלט פֿון בענקל, אַ ווייליע געקוקט אויף יאָסעלען, ווי ער וואָלט אים געוואָלט שטעכן מיט די שפּיזן פֿון זיין בליק, און אַ זעץ געטאָן מיט דער פֿויסט אין שטענדער. די מענטשן האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

רב הנס שטימע האָט איבערגעבראָכן די שטילקייט.

— אַפּיקורס! אַרויס!...

יאָסעלע איז אַ ווייליע געשטאַנען אַ צעמישטער און פּאַוואָליע אַראָפּ פֿון באַלעמער. דער שווייגנדיקער עולם האָט זיך פֿאַנאַנדערגערוקט און געמאַכט אים אַ וועג צום אַרויסגאַנג.

יאָסעלע האָט איצט געוווינט אין אַ בוידעם־שטיבל, וווּ עס איז געשטאַנען אַן אייזערן בעטל, אַ טיש און אַ בענקל. קיינער האָט אים דאָ נישט באַזוכט און ער האָט אויך אויף קיין שום באַזוך נישט געוואַרט. דער שמש פֿלעגט אים אַהער ברענגען וואַסער צום וואַשן זיך און אויך דאָס עסן. אַזאַ איז געווען רב הנס ווילן.

יאָסעלע האָט איצט זעלטן ווען אַריינגעקוקט אין אַ ספר. אין אָוונט האָט ער אַפֿילו נישט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, דערפֿאַר אָבער איז ער שעהן

לאַנג געזעסן ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אויף דער וועלט. ווען רבֿ
הן זאָל געווּסט וויסן, ווי שיין עס איז דאָ די דאָזיקע לאַנדשאַפט, וואָס
יאָסעלע זעט פון זיין בוידעם־שטיבל, וואָלט ער געוויס באַפוילן צו פאַר־
מויערן דאָס פענצטער.

נאָך יענער שלים־מזלדיקער דרשה האָבן זיך אַלע אָפּגערוקט פון יאָ־
סעלען. ווען ער פלעגט אַריינגיין אין בית־מדרש, האָבן אים די מענטשן ווי
גישט באַמערקט. ווען ער האָט געפּרוּווט זיך צוזעצן צום טיש, ווו זיינע
געוועזענע חברים האָבן געפירט אַ שמועס, זענען זיי שטום געוואָרן און
אים געוויזן די פּלייצעס. אומעטום האָט ער געהערט הינטער זיך דאָס
שיפּען: „אפיקורס“.

רבֿ הן האָט געוואַרט, אַז יאָסעלע וועט תשובה טאָן, בעטן מחילה,
אָפּהאַלטן תעניתים, אָדער לאָזן זיך שמייסן מלקות. אָבער יאָסעלע האָט
וועגן דעם נישט געטראַכט און זיך געמאַכט נישט הערנדיק, ווען דער
שמש — דער פאַרמיטלער צווישן די ברידער — האָט אים וועגן דעם
געגעבן אָנצוהערן.

ער האָט שוין איצט געלעבט מיט זיינע געדאַנקען אויסער אַלע
ענינים פון דאָזיקן הויז. ער האָט געבענקט. אין די מחשבות האָט ער
פריי געוואַנדערט ווייט אויסער די גרענעצן פון שטעטל, ער האָט זיך
געקלעפּט צו נייע מענטשן און נייע מנהגים. ער איז געווען אַ בעלן צו
לערנען זיך נייע זאַכן, האָט מיט זאָרג געקוקט אויף זיינע הענט און אַריינ־
געקלערט צו וואָס זיי קאָנען באַנוצט ווערן. ער האָט זיך געשראָקן פאַר
דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט: ער קאָן דאָך נישט גאָרנישט פון יע־
נעם וויסן, וואָס איז נייטיק צום פּראַקטישן לעבן.

אין אָוונט פלעגט ער זיך אַרויסכאַפּן פון הויז און אַרומבלאָנדזשען
אין די טונקעלע געסלעך פון שטעטל. ער האָט אַריינגעקוקט דורך די נ־
דעריקע פענצטער און געזען באַלמעלאָכעס ביי דער אַרבעט. שוסטערס
אויף נידעריקע בענקעלעך, מיט פלעקלעך צווישן די ליפּן, שניידערס,
וואָס איילן זיך ביי דער ניי־מאַשין, און רימערס וואָס מאַטערן זיך מיטן
אָנציען די נאַסע לעדער.

די שטובן זענען געווען נידעריק און שמוציק, ענג אויסגעפילט מיט
גראַטעס און מענטשן. קינדער זענען געהאָנגען ביי די מוטערס קליידער.
מיידלעך האָבן אַראָפּגענומען פון די זאַוויאַסעס די אינעווייניקסטע טירן

און אונטערגעשפּאַרט זיי מיט צוויי בענקלעך — דאָס איז געווען דער געלעגער. זיי האָבן זיך אויסגעטאָן צום שלאָפֿן, זייערע נאַכטהעמדער זענען געווען לאַנג ביז צו דער ערד; די שמאָלע אַרבל האָבן אַנטפּלעקט די ווינקלען פֿון די מיידלשע ברוסטן. קוקנדיק אויף זיי, האָט דער אַכצניאָריקער יאָסעלע זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ער איז שוין אַ דערוואַקסענער בחור — אַ מאַן.

אין די שטובן האָט געהערשט די נויט, אָבער די מיידלעך זענען געווען לוסטיק, די מאַמעס האָבן געצערטלט זייערע קינדער, און די מענער האָבן זיך געלאָזט ווילגיין מיט זייערע ווייבער. יאָסעלע איז געשטאַנען אין דער טונקעלער גאַס און דורך אַ שפּאַרע אין לאָדן געקוקט אויף זיי, געלאַכט צוזאַמען מיט זיי און געפֿרייט זיך מיט זייער פֿרייד.

איינמאָל איז קראַנק געוואָרן אַ קינד ביי דעם אָרעמען קאַמאַשן־שטעפּער. ביים בעט פֿון דעם קראַנקן מיידעלע זענען געזעסן די עלטערן מיט פֿאַרבראָכענע הענט. די מוטער, אַ גראָבע יידענע מיט פּאָקן אויפֿן געזיכט, האָט געוויינט. יאָסעלע האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפֿן. עס האָט אים פֿאַרפֿאָלגט דאָס ראָזיקע בילד פֿון מענטשלעכן אומגליק. אויפֿן צווייטן טאָג, ווי נאָר עס איז צוגעפֿאַלן די נאַכט, איז ער ווידער געלאָפֿן צום פֿענצטער פֿון קאַמאַשניק. דאָס קראַנקע קינד האָט זיך געשפּילט און געלאַכט, און די פּנימער פֿון די עלטערן זענען געווען רואיק און גליקלעך.

דער חודש נאָוועמבער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך נעפּלען און רעגנס. אין קוימען האָט געוואָיעט דער ווינט און געריסן די פֿענצטער, אַז די שויבן האָבן געקלונגען.

אין אָוונט פֿלעגט איצט יאָסעלע אָנצינדן דעם נאַפֿט־לאָמפּ, וואָס האָט זיך געהוידעט אויף אַ דראָט איבערן טיש. דאָס געלע ליכט האָט זיך געוויגט און געוואָרפֿן באַוועגלעכע שאָטנס אויף די פּוסטע ווענט. יאָסעלע איז אַרומגעגאַנגען פֿון איין וואַנט צו דער צווייטער, ווי אַן אַרעסטאַנט. עס האָט אים געשטיקט די איינזאַמקייט.

איינמאָל, שוין געגען שפּעט אין דער נאַכט, ווען עס האָט זיך געקאָנט אויסווייזן, אַז אַלע בני־בית שלאָפֿן שוין, האָט ער באַמערקט, אַז עס לייכט זיך נאָך אין צימער, וווּ עס וווינט די קעכין מיכאַלינע מיט איר טאָכטער.

די אַלטע מיכאַלינע איז אין דעם דאָזיקן הויז געווען אַ געטרייע דינסט זינט לאַנגע יאָרן. ווען יאָסעלעס מוטער איז אָפּגעשטאָרבן און פֿאַריתומט אים כמעט אין דער וויג, איז מיכאַלינע געווען זייִן דערציערין און פֿלעגערין. מיט אייגענער מילך און אויף דער אייגענער שוים האָט זי אים דערצויגן, צוזאַמען מיט איר טאָכטער ראָזאַליע, מיט דעם בלאָנדן באַשעפֿעניש, וואָס האָט נישט געוווּסט ווער עס איז איר פֿאָטער. מיט יאָרן צוריק, ווען יאָסעלע איז נאָך געווען אַ קליין קינד, פֿלעגט ער זיך אַוועקשטעלן בײַם פֿאַרקן פֿון דער רבנישער פּאָסעסיע און קוקן אין דער ווײַט. נעבן אים פֿלעגט זיך אַוועקשטעלן ראָזאַליע.

— ראָזאַלקע? — האָט יאָסעלע געפֿרעגט — וואָס איז דאָרט? דאָרט ווײַט...

— דאָרט איז די וועלט... — האָט געענטפֿערט די קליינע. און זיי האָבן געחלומט וועגן יענער ווײַטער וועלט, וואָס האָט געהאַט די גרינקייט פֿון גרינע פֿעלדער. אָבער דאָס אַלץ איז געווען מיט יאָרן צוריק.

איצט אין דער אײַנזאַמער הערבסט־נאַכט איז יאָסעלע שטיל אַראָפּגעגאַנגען פֿון די טרעפּ, אַדורך דעם לאַנגן שטילן קאָרידאָר, וווּ עס האָבן אַרומגעטאַנצט די מײַז, און האָט אויפֿגעעפֿנט די טיר פֿון דעם דינסט־צימערל.

מיכאַלינע איז געזעסן אויפֿן ראַנד פֿון בעט און האָט געצירעוועט אַ זאָק. בײַם טיש האָט ראָזאַלקע געלייענט אַ בוך. ביידע האָבן זיי געקוקט אויף אים איבערגעשראָקן, ווי אויף אַ געשפּענסט. ער איז געווען זייער דאַר, זײַן פּנים — מיד, און דער שטערן — אין קנייטשן, ווי בײַ אַן אַלטן.

ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען בײַ דער טיר ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט וואָס צו זאָגן און וואָס צו טאָן מיט זיך.

מיכאַלינע האָט אַוועקגעלייגט איר אַרבעט און אים צוגערוקט אַ בענקל. יאָסעלע האָט שווײַגנדיק זיך געזעצט בײַם טיש.

ראָזאַלקע האָט פֿאַרמאַכט דאָס בוך און געקוקט אויף אים פֿאַרחידושט. ער האָט איר געוואָלט שענקען אַ שמייכל, אָבער עס האָט זיך באַקומען בלויז אַן אומצײַטיקע גרימאַסע. ער האָט געזאָגט:

— פֿאַרוואָס רעדט איר גאָרנישט? אַלע שווײַגן לעבן מיר, ווי איך וואָלט שוין געווען אַ טויטער. לייען, ראָזאַלקע, לייען דײַן בוך, איך וויל הערן...

ראָזאַלקע האָט ווידער געעפֿנט דאָס בוך און מיט אַ ווייכער וואָרע־מער שטימע געלייענט וועגן ווייטע מדינות, וועגן ווייטע ימען און וועגן שיפֿן מיט שוואַרצע זעגלען, וואָס קומען שטענדיק צו שפּעט...

ווען ראָזאַלקע האָט פֿאַרענדיקט דאָס לייענען האָט יאָסעלע זיך אָנגעבויגן איבערן טיש און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די פֿויסטן, אַז מען האָט נישט געזען זײַן פּנים. ראָזאַלקען האָט זיך איצט אויסגעוויזן, אַז עס זיצט לעבן איר אַן עלטער ייִד מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און אײַנגעהויקערטן רוקן. עס האָט איר אַרומגענומען אַ טיף מיטגעפֿיל. זי האָט אַנידערגעלייגט די האַנט אויף זײַן אַקסל און דערפֿילט, אַז ער ציטערט. זי האָט פֿאַרנורעט די פֿינגער אין זײַנע האָר און אין דער דאָזיקער רגע געוואָלט, אַז איר באַריר זאָל האָבן די צאַרטקייט פֿון שוועסטער־געפֿיל און די ווייכקייט פֿון זײַד.

זי האָט געגלעט זײַן פּנים, און איר יעדע באַוועגונג האָט אין אים באַפֿרײַט אַלץ נײַע שטראָמען פֿון טרערן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער די ווערטער זענען אים פֿאַרשטיקט געוואָרן אין האַלדז און אין דעם שווערן כליפּען, אין וועלכן עס האָט זיך איבערגעבראָכן זײַן לאַנגע אײַנזאַמקייט און זײַנע טיפֿע בענקשאַפֿטן.

ער האָט זיך נענטער צוגערוקט צו איר, אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויף אירע קניען און געטוליעט זיך צו איר, ווי מיט יאָרן צוריק צו איר מוטער, צו דער גוטער נאַניע מיכאַלינע. ראָזאַלקע האָט געפֿילט אויף די פֿינגער זײַן אָטעם און זײַנע טרערן. און אים איז איצט געווען מאָדנע לײַכט און גוט. ער האָט זיך געפֿילט ווי ניי געבוירן און פֿריי פֿון אַלע פּײַנען. ער האָט געפֿילט דעם ריח פֿון איר לײַב, געקושט אירע קניען און זיך געשעמט אויפֿצוהייבן אויף איר דעם בליק.

און ווען עס האָט זיך אויסגעשעפּט דער קוואַל פֿון טרערן, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עפּעס אַ נײַע אומבאַקאַנטע גוטסקייט האָט זיך פֿאַרנעסטיקט אין זײַן האַרץ. ער האָט אויפֿגעהויבן דעם פֿאַרשעמטן בליק און אפֿשר צום ערשטן מאָל אין לעבן באַמערקט, אַז ראָזאַלקעס האָר זענען העל ווי זון־שטראַלן, אַז איר געזיכט איז אַזוי שיין און אַז אין אירע אויגן איז פֿאַראַן אַזויפֿיל הימל, אַזויפֿיל חסד.

מיכאַלינע איז געשטאַנען דערנעבן מיט צעשפּרייטע הענט.

— מײַן קינד... מײַן יתום... וואָס האָבן זיי מיט דיר געטאָן... וואָס וועט מיט דיר איצט זײַן?

יאָסעלע האָט געקוקט אויף דער מוטער און אויף דער טאָכטער אין מיט אַ געענדערטער שטאַנדהאַפטער שטימע אַ זאָג געטאָן:

— זאָרג נישט, ביאַניע. איצט וועט שוין זיין גוט....

ער האָט אָנגענומען ראָזאַלקען ביי דער האַנט און צוגעגעבן מיט אַנטציקונג און פרייד:

— מיר וועלן איצט גיין צו דער וועלט... מיר וועלן גיין צו מענטשן!...

סענדער

קיינער האָט נישט געוווּסט פֿון וואַנען סענדער האָט זיך גענומען אין שטעטל. קיינער האָט אַפֿילו נישט געקאָנט זיין פֿאַמיליע־נאָמען. מען האָט אים גערופֿן פּשוט — סענדער גולם, אָדער סענדער דער נאַר. עס איז שווער צו זאָגן, ווער עס האָט אים דעם דאָזיקן נאָמען געגעבן, אָבער אַ פֿאַקט איז, אַז אַלע איינוווינער פֿון דער שטאָט האָבן זיך באַלד צום דאָזיקן נאָמען צוגעוווינט.

עס איז אין דעם נישט פֿאַראַן קיין שום חידוש, עס איז אַן אַלטע און באַקאַנטע זאַך, אַז יעדע שטאָט, אין וועלכער עס וווינען ייִדן, האָט איר משוגענעם, אָדער איר נאַר. אַזוי איז געווען אין די צייטן פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים, און אַזוי איז נאָך אין פֿיל ערטער ביז היינט.

דער נאַר איז געוויינלער געווען אַ מענטש אַן איינזאַמער, אַ היימלאָזער. ער פֿלעגט שלאָפֿן — זומער אין בית־המדרש און ווינטער אין באָד, וווּ עס איז געווען וואַרעם ווי אין אַ גן־עדן. ער האָט זיך דערנערט מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט, און גאַנץ אָפֿט פֿלעגט ער בעטלען. דעם קערפּער פֿלעגט ער פֿאַרדעקן מיט דעם, וואָס מען האָט אים געשענקט. און שענקען אַ מלבוש פֿלעגט מען אים, ווען מען האָט פֿאַר פּסח געמאַכט אָרדענונג אין די שאַפֿעס און אין די קאַמערן און מען האָט געפֿונען עפּעס אַזוינס, וואָס איז שוין געווען דורכגעפֿרעסן פֿון מייז און מילבן. די שפּאָרזאַמע באַלעבאָסטע מיט רחמנות אין האַרץ, האָט נישט געקאָנט פֿועלן ביי זיך אַרויסצוואַרפֿן אויפֿן מיסט די רעשטלעך פֿון אַן אַלטער קאַפּאָטע אָדער פֿון אַ העמד און זי פֿלעגט זאָגן:

— רוף אַריין סענדערן, ס'וועט זיין אַ מצווה אים דאָס צו שענקען...

אויף אַזאַ אופֿן פֿלעגן זיך די ווייבער אין שטעטל איינקויפֿן עולם הבא.

יעדער משוגענער איז געווען אין אַ געוויסער מאָס נוצלעך פֿאַר דער גאַנצער קהילה. ער האָט אויסגעקערט דאָס בית־המדרש, איינגעהייצט

אין אויוון, ביי אַ לוויה איז ער געווען דער ערשטער מחותּן און האָט פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט צווישן די באַגראַבער, יעדן פרייטיק האָט ער אין שוויץ־באָד געזייפט די פּלייצעס פון די שטעטישע באַלעבאַטים און געשמיסן זיי מיט אַ גרין בעזעמל פון בערעזעווע צווייגלעך,

אויב עס גייט וועגן סענדערן, איז ער געווען אַזאַ משוגענער, מיט וועלכן דאָס גאַנציע שטעטל האָט שטאָלצירט. דער אָרעמער עולם, אין בפרט די ווייבער פון די באַלמעלאָכעס און באַלעגאָלעס און אויך די היימישע צניעות, האָבן פון אים געהאַלטן ווי פון אַ צדיק.

סענדער איז געווען אַ דאַרער און הויכער ווי אַ לולב, ער האָט געהאַט אַ בלאַס און ריין געזיכט, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט אַ בלאָנד בערדל. אויגן האָט ער געהאַט בלויע — זיי האָבן געקוקט אויף דער וועלט אומעטיק און גוטמוטיק. זיין פּנים האָט געהאַט אַזאַ מין באַגייסטערטן אויסדרוק, ווי מען באַגעגנט טיילמאָל אויף די פּאָרטרעטן פון אַלטע קונסטמייסטערס.

מיינט נישט, אַז דאָס איז געווען בלויז אַן אויסערלעכע מאַסקע. באַלד נאָך זיין אָנקומען אין שטעטל האָט זיך סענדער געלאָזט דערקענען, אַז ער איז אַ מענטש, וואָס קען אין די קליינע אותיות.

אויף דעם שולהויף, אָדער אין מאַרק, האָט סענדער געקאָנט דערציילן אַזעלכע מעשיות, אַז מענטשן האָבן זיך געשטיקט מיט די טרערן.

סענדער איז געווען מוטיק און האָט נישט געוווּסט וואָס עס הייסט פּחד, ווען ער האָט צעלאָזט די צונג. ער האָט געשיט פייער און שוועבל אויף די בכבודיקסטע און רייכסטע מענטשן אין שטאָט. ער האָט זיי געמוסרט, פאַרגעוואָרפן זיי, אַז זיי זענען פאַלש צו גאָט און נידערטרעכטיק צו די אייגענע ברידער. ער האָט זיי פאָרויסגעזאָגט אַלע שבעה מדורי גיהנום — און גאָטס קיניגרייך האָט ער צוגעזאָגט דעם אָרעמען עולם. די וואַסערטרעגערס און האָלצהעקערס. ער האָט זיך פאַררופן אויף הנביא ישעיה, און גאַנצע קאַפּיטלען פון דער דאָזיקער וווּנדערלעכער פּאָעזיע האָט ער געזאָגט אויף אויסנווייניק. זיינע אויגן האָבן געשיט פונקען פון צאָרן, און דאָס פּנים איז ביי אים געווען פול מיט פּיין און ווייטיק. עס האָט אַמאָל געטראָפן, אַז אין דער מיטן פון אַזאַ הייליקער אויפרעגונג האָט ער זיך געוואָרפן אויף דעם באַקאַנטן רייכן סוחר און קמצן, אויף ר׳ אשר פּראָצענטניק, און האָט אים שיער נישט אַרויסגעריסן אַ האַלבע באָרד.

אַזעלכע סצענעס פלעגן זיך געוויינלעך ענדיקן מיט דעם, אַז סענדער האָט זיך פאַרדעקט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און איז אַוועקגעגאַנגען, וויינענדיק ווי אַ קינד. נאָך אים איז נאָכגעלאָפן אַ כאַפּטע אָפּגעריסענע קינדער — זיי האָבן אים שטענדיק באַגלייט ווי געטרייע שילער זייער לערער.

אין מאַרק־טעג פלעגט סענדער מיט זײַנע באַגלייטער באַווײַזן זיך אויפן מאַרק, און די קצבים אין גלאַנצנדיק פאַרבלוטיקטע קאַפּאָטעס פלעגן אים באַגריסן מיט אַ ברייטן ברוך הבא.

— סענדער, זאָג עפּעס...

האָט סענדער געזאָגט. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, פאַרקנייטשט דעם שטערן, וואָס איז געווען הויך ווי בײַ אַ חכם, און האָט פאַר דעם פאַרזאַמלטן עולם אימפּראָוויזירט גראַמען. זײַן סאַמעטענע שטימע האָט אַרויסגעבראַכט די ווערטער ווייך און מיט געפיל. די קצבים האָבן געגלאָצט אויף אים און עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז פון סענדערס מויל פליען אַרויס נישט ווערטער נאָר ווײַסע טויבן. זיי זענען געשטאַנען אַרום אים ווי פאַרכישופט, מיט אָפענע מײַלער, זיי האָבן פאַרגעסן וועגן גאַנצן מאַרק, וועגן מסחר, וועגן די פעטע ביקלעך און דיכאַוויטשנע קלעמפּעס.

סענדער האָט דערציילט מעשיות וועגן דער שיינער רביצין, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ שנײַדער־געזעלן און איז מיט אים אַנטלאָפן קיין אַמעריקע; וועגן לאַמעדוואָוניקעס, וואָס וואַנדערן אַרום און אויף דער וועלט מיט זעקלעך שטיינער אויף די פּלייצעס און טראָגן טרייסט און הילף צו אַלע אָרעמע און אומגליקלעכע מענטשן.

סענדערס פאַנטאַזיע האָט נישט געהאַט קיין גרענעצן. ער האָט קיינמאָל נישט דערציילט צוויי מאָל די זעלבע מעשה. די וועלט, וועלכע סענדער האָט געזען און געפילט מיט זײַנע חושים — איז געווען פול מיט פאַרשידענע חידושים, און אַ צונג האָט ער געהאַט אַ שאַרפע, אַ געשליפענע, זי האָט אים קיינמאָל נישט פאַרפירט.

סענדער פלעגט אָנווינטשן אַלע קצבים און סוחרים, אַלע פויערים און טרייבערס, זיי זאָלן מאַכן גוטע און גליקלעכע געשעפטן, און דערמיט פלעגט איינער פון די עלטערע סוחרים אַראָפּנעמען פון קאָפּ דאָס פּיטערנע היטל אָדער די יאַרמלקע און צוזאַמענעמען נדבות פאַר אים. סענדער האָט צוגענומען די מטבעות און צוזאַמען מיט די קינדער, וואָס האָבן אים באַגלייט, זיך געלאָזט אין ערשטן קרעטשמל מיט צוקערוואַרג. דאָרט האָט ער גענוי אויסגעליידיקט די טאַש און פאַר גאַנצן געלט

געקויפט צוקערלעך פאַר זיינע קליינע פריינד. מיט אַ גליקלעכער מינע אויפן פּנים האָט ער געקוקט ווי זיי לאַכן און נאַגן דעם קאַנדל־צוקער. פאַר זיך האָט סענדער גאָרנישט איבערגעלאָזט, פאַר זיך האָט ער גאָרנישט באַדאַרפט. די וועלט אַרום אים איז דאָך געווען אַזוי רייך...

סענדערס בילד וואָלט נישט געווען גענוי, ווען מיר זאָלן פאַרשווייגן זיינע פעיקייטן צו צייכענען. אין דער רעכטער טאַש פון דער קאַפּאָטע האָט ער שטענדיק געהאַט עטלעכע שטיקלעך האָלץ־קויל, איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר. דאָס איז געווען זיין צייכן־מאַטעריאַל, מיט וועלכן ער האָט דעקאָרירט די שטאָטישע מויערן.

ווען יעקל כאַשטער, וואָס מען האָט אים געהאַלטן אין שטעטל פאַר אַ מיליאָנער, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן דאָס געלט, וואָס די קהילה האָט פון אים פאַרלאַנגט אויף צו רעמאָנטירן די ווייבערישע מקווה, האָט סענדער אויפגעצייכנט יעקלען אויף דער וואַנט פון באָד. די דאָזיקע צייכענונג האָט פאָרגעשטעלט אַ גרויסן לייטער, אויף וועלכן די פאַרשטאָרבענע נשמות קלעטערן אין הימל אַריין. לעבן דעם לייטער אויף דער ערד איז געשטאַנען דער סקנאַרע כאַשטער אויף צוויי געליימטע קרומע פיס, אָנגעשפּאַרט אויף שטעקנס, און האָט נעבעכדיק געקוקט אַרויף צום הימל. דאָרט אויבן, אויף די וואָלקנס, זענען געזעסן די הייליקע אבות און האָבן געקייכט פאַר געלעכטער, זעענדיק די אומגעלומפּערטע באַוועגונגען פון דעם קאַליקע. ווען יעקל דער מיליאָנער האָט דערזען דאָס דאָזיקע בילד, האָט ער זיך איבערגעשראָקן און באַלד איינגעצאָלט דאָס פאַרלאַנגטע געלט. ערשט דעמולט האָט סענדער אויסגעמעקט פון דער צייכענונג די שטעקנס און האָט יעקלען צוגעמאַכט אַ פּאָר פיינע פליגל. אויך דעם שמייכל פון די הימלישע איינוווינער האָט ער געענדערט. זיי האָבן איצט געלאַכט גאָר פריינדלעך.

אַזעלכע און נאָך אַנדערע שטיקלעך האָבן זיך געהאַלטן אין סענדערן אין יענע יאָרן, ווען מען האָט נאָך נישט געהערט וועגן מלחמה. אָבער ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין שטעטל די ערשטע פּליטים פון דייטשלאַנד, האָט סענדער אויפגעהערט צו צייכענען.

נישט אַלע אָרטיקע איינוווינער האָבן געגלייבט אין די פינצטערע ידיעות, וואָס די פּליטים האָבן מיט זיך געבראַכט. אָבער סענדער האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפגעהערט צו זאָגן גראַמען. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ טריבער און פאַרטראַכטער. זיין קינדערישע כאַליאַסטרע האָט אים פאַרלאָזט. די קינדער האָבן אינגיכן פאַרגעסן וועגן דער אַמאָליקער

פריינדשאַפט און ווען זיי פלעגן אים טרעפן אין דער גאַס, האָבן זיי אים מכבד געווען מיט אַ שטיין, אָדער אַריינגעשריגן אין אויער אַריין:

— משוגענער!...

האָט זיך איצט סענדער זעלטן ווען געוויזן אין דער גאַס. ער איז געזעסן אויף דער שוועל פון בית־המדרש, אָדער איז געלעגן אין ווינקל אויף דער באַנק, די אויגן אויסגעגלאָצט צום באַלקן, און גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום אים, האָט ער געעקבערט מיט אַ פינגער אין דער נאָז.

דעם טאָג, ווען מען האָט דערקלערט די מאָביליזאַציע, האָט דער רב באַפוילן, יידן זאָלן זאָגן תהילים. ער האָט אויך אָנגעזאָגט, אַז נאָך אין ניינציק יידישע פרויען זאָלן אַרויסגיין אויף דעם הייליקן אָרט, אָנציגדן דאָרט ניין און ניינציק ליכט און איינרייסן קברים. זייערע תפילות האָבן געדאַרפט צוניסט מאַכן די געפאַר פון מלחמה.

אין בית־המדרש לעבן אויוון איז געזעסן דער משוגענער סענדער. ער האָט געהאָרכט ווי דער עולם זאָגט תהילים און אַליין האָט ער אומ־פאַרשעמט געלאַכט. ווען איינער פון די גבאים האָט אים געוואָלט אַרויס־וואַרפן אויפן הויף, האָט ער זיך צעשריגן:

— נאַראָנים... צו שפּעט... צו שפּעט... קיינער האָרכט אייך נישט... קיינער...

אין עטלעכע טעג אַרום זענען די דייטשן אַריין אין שטאָט. חוץ זיי האָט מען אויף די גאַסן נישט געזען קיין לעבעדיקע נשמה. אין די שטובן, ביי פאַרמאַכטע פענצטער, זענען געשטאַנען מענטשן פאַרגליווערטע אין שרעק.

און וווּ איז דעמלט געווען סענדער?

ער איז געשטאַנען אין זיין שוואַרצער צעפליקטער קאַפּאָטע לעבן דער וואַנט פון ראָטהויז. אויפן פּנים האָט ער געהאַט — ווי אין די פרי־ערדיקע יאָרן — אַ גוטמוטיקן, נאָר אומעטיקן שמייכל. מיט דער לינקער האַנט האָט ער געגלעט דאָס בלאָגדע בערדל און אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטיקל קייל און צום לעצטן מאָל אין לעבן — גע־צייכנט.

ווען די דייטשן אויף מאָטאָציקלען האָבן זיך לעבן אים פאַרהאַלטן, איז די צייכענונג שוין געווען פאַרטיק. אויף אַ תליה, אַרומגערינגלט מיט טויטן־שאַרבנס איז געהאָנגען — אַדאָלף היטלער.

דער שאָס פון פאַשיסט האָט נישט באַוויזן מיטאַמאָל צו פאַרענדיקן סענדערס לעבן. ער האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט, אָבער זיין פּנים האָט זיך נאָך נישט געענדערט — עס איז נאָך אַלץ געווען גוטמוטיק און מעלאַנכאָליש.

ערשט ווען דעם מערדערס קאָלבע פון דער ביקס האָט אים צעשפּאָלטן דעם שאַרבן, איז ער אומגעפאַלן און דאָס בלוט צוזאַמען מיט די געהירן האָבן איינגעגאַנצן פאַרדעקט זיין אייזל געזיכט.

פליטים

איבער דער טונקעלער פלאַך פון טייך האָט זיך אַדורכגעגליטשט אַ ברייטע פּאַסמע ליכט פון רעפלעקטאָר. עס האָט זיך צעקנאַלט אַ מאַשין־געווער. געענטפערט האָט אים עמעצנס דערשטיקט געשריי — און ווידער איז געוואָרן שטיל.

דער שפּיגל פון טייך האָט זיך באַרויִקט און אויסגעגלעט. געגלאַנצט האָבן אין אים די האַרבסטיקע שטערן, קאַלטע ווי דאָס וואַסער און נישט רעאַלע ווי אַ חלום, אומנויטיקע — קיינער האָט זיי נישט געוואָלט באַמערקן.

אין די ווערבעס ביים טייך האָט אַ שאָרך געטאָן אַ פויגל. אין דעם נאָענטן דאָרף האָט געבילט אַ הונט. אין די זומפּן, אויף די לאָנקעס און אין די בלאָטיקע ברעגעס פון טייך האָבן די זשאַבעס געזונגען אַ ליד צו דער וואַרעמער האַרבסטיקער נאַכט.

די אַרומיקע פעלדער זענען געווען פאַרטונקען אין פינצטערניש. פון די קוסטעס האָבן זיך אַרויסגערוקט טונקעלע געשטאַלטן פון איינגעהויקערטע מענטשן. זיי האָבן געשטעלט פאָרזיכטיקע און שטילע שריט, כדי נישט אויפצוּוועקן ערגעץ אַ דרימלענדיקן הונט, אָדער אַ סאָווע, וואָס שטעקט אויף אַ טרוקענער צווייג פון אַ בוים, און קודם כל דעם בייזוויליקן מענטש, וואָס האָט געקאָנט זיין ערגעץ נאָענט אויף דער וואַך.

זיי זענען צוגעקומען צום ברעג, געבויגענע אונטער דער לאַסט פון זייערע פעקלעך, האָבן אויסגעטאָן די שיך און באָרוועס אַריינגעגאַנגען אין טייך.

דער טייך איז געווען שטיל, נאָר זיי האָבן געהערט זיין רויש. די ווערבעס אויפן ברעג זענען געווען רויִק און קיין שום ווינט האָט זיי נישט באַרירט — אָבער די מענטשן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי הערן פאַרדעכטיקע קולות. די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע, אָבער אין זייערע אויגן

האָבן די שטערן געלויכטן צו העל און די שוואַרצקייט פון טייך איז געווען צו שיטער.

מינוטנווייז זענען אַנטשוויגן געוואָרן אַלע קלאַנגען, יענע ווירקלעכע, און יענע מכלומרשטע, און די מענטשן האָבן געהערט אַ ריטמיש קלאַפּן, וואָס האָט געהאַמערט אין די שליפן — די אויערן זענען געווען פול מיט אומרו. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע טעמפע קלאַנגען זענען אײַנ־שטאַנד אויפצוּוועקן אַלע בייזע כוחות פון דער וועלט. און דאָס האָבן געשלאָגן זייערע הערצער.

זיי האָבן זיך פאַרגורעט אין די קאַלטע כוואַליעס פון טייך. דאָס וואַסער האָט געגרייכט צו די קניען, שפּעטער ביז צו דער ברוסט, ביז צום האַלדז. דאָס וואַסער האָט געקילט דעם קערפּער, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג געווען נאַס פון שוויים. עס איז שווער געווען צו כאַפּן דעם אָטעם.

דער טייך איז נישט געווען שלעכט. דער קערפּער פון מענטש איז אין אים געווען לייכט. ער איז נישט געווען שלעכט, און דאָך האָט דער רויש פון זיינע כוואַליעס פאַראַליזירט די באַוועגונגען און אָנגעפילט מיט פּחד. די ברעגעס זענען געווען ווייט פון זיך — אַן אָפּגרונט אָן אַ גרענעץ, אָן אַ סוף.

דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער. די שטערן אויפן הימל האָבן זיך געוואַקלט און באַוועגט אויף אַן אויסטערלישן אופן. די שטיינער אויפן גרונט פון טייך זענען געווען גליטשיק אָדער שאַרף. אויך אין זיי האָט געשמעקט אַן אומבאַקאַנטע שנאה.

ווען עס האָט פּלוצעם אויפגעשיינט דאָס ליכט פון רעפלעקטאָר, האָט דער טייך באַקומען אַ וווּנדערלעכע שיינקייט. פון ריינעם זילבער איז איצט געווען דער טייך, באַדעקט מיט מיליאָנען העלע לעבעדיקע שיפן. בלאָס און טויט זענען געווען די שטערן.

דער מענטש האָט געוואָלט פאַרנעמען וואָס ווייניקער אָרט אויף דעם זילבערנעם שפּיגל. ער האָט געוואָלט זיין אַ קליין פישעלע, אָדער אַ צווייגל פון אַ וואַסער־געוויקס. און ווען עס האָט אים אָנגעטאַפּט דאָס ליכט פון דייטשישן רעפלעקטאָר, האָט ער זיך נאָך מערער איינגעבויגן און באַהאַלטן דעם קאָפּ אין וואַסער. אָך, עס האָט געפעלט דערפאַרונג. עס האָט אים געפעלט לופט אין די לונגען און ער האָט געמוזט אַרויס־שטעקן דעם קאָפּ אַנטקעגן דעם פאַרטערישן ליכט.

געוואַקלט האָבן זיך די שטערן און זיי זענען פאַרלאָשן געוואָרן אין די אויגן פון אַ מענטש. עס איז ווידער געווען שטיל. אַ זעקל מיט עמעצנס אָרעמקייט איז אַוועקגעשווומען מיטן שטראָם פון טייך. אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער האָבן זיך אַרויסבאַקומען בלעזעלעך לופט, און אַרום זיי האָבן זיך געשאַפן קליינע כוואַליעס, ווי רינגען, וואָס אַנטלויפן פון זיך און ווערן אַלץ רואיקער, אַלץ רואיקער — ביז דאָס וואַסער איז ווידער געוואָרן שטיל, פונקט ווי עס וואָלט דאָ גאָרנישט געשען, גאָרנישט פאַסירט.

צום באַגינען איז נאָך געווען ווייט. די נאַכט איז לאַנג. די נאַכט — צו וועלכער די דאָזיקע מענטשן האָבן אַזוי פיל צוטרוי. אָט האָט זי געבראַכט צו דער גרענעץ נייע מענטשן.

דער טייך איז ענלעך צו אַ שוואַרצן אָפּגרונט, צו אַ ברייטן ים, וואָס האָט נישט קיין סוף. אַ מינוט איז ענלעך צו דער אייביקייט. די שטילקייט וועקט טויזנטער פאַרדאַכטן. פאַרשאָלטן איז די לבנה, וואָס האָט זיך פון ערגעצוווּ באַוויזן.

אַ פּחד.

די רעפלעקטאָרן שמייסן דעם טייך מיט בייטשן ליכט. דאָס מאַשינגעווער שניידט אַדורך די שטילקייט ווי אַ מערדער, וואָס שטעקט אַריין זיין מעסער אין דער ברוסט פון אַ שוצלאָזן מענטש.

מינוטנווייז פלעגט זיך אויפהייבן אַ ווינט און וואָיען טריב אין די צווייגן פון די ווערבעס.

אויפן שטראָם פון טייך האָבן זיך באַגעגנט צוויי נוצלאָזע זאַכן: אַ קאַפּעליוש פון אַ זקן און אַ שפּילעכל פון אַ קינד.

דער טייך איז סודותפול. דאָס לעבן איז סודותפול. פּראָסט און איינפאַך איז בלויז דער טויט.

אין וועלדל נישט ווייט פון ברעג האָבן זיך געזאַמלט אַלץ נייע מענטשן, מיט קינדער און זקנים, מיט דער אָרעמקייט אין די זעקלעך אויף די פּלייצעס. זיי זענען געקומען פון נאָענט און פון ווייט. זיי האָבן געוואָלט וואָס גיכער אַריינטרעטן אין די טונקעלע כוואַליעס פון טייך. דער נגיד האָט געוואָלט געפינען זיך אויף יענער זייט מיטן גאָלד, דער אָרעמאַן האָט געוואָלט מציל זיין דאָס לעבן.

דער זון איז געווען אַ גוטער וועגווייזער פאַר דעם בליינדן פאָטער. די מוטער האָט געטראָגן אין די אָרעמס דאָס קינד, און איר האַרץ האָט געקלאַפּט ווי דער דופק פון דער וועלט.

אין וואַסער האָבן זיך געפּערלט די שטערן. וועמען וועלן זיי ברענגען לעבן? וועמען — טויט?

איז נאָך ווייט צום ברעג? עס האָבן אַ פלאַטער געטאָן אין דער פינצטערניש וועמענס אָרעמס, ווי די פליגל פון אַ גרויסער אומזעבאַרער פלעדערמויז — און זיי האָבן צעשטערט די שטילקייט. אומגליקלעכער! האָסטו זיך פאַרטאָן, האָסט פאַרטאָן דיינע פריינד. איצט וועט דער רעפלעקטאָר עפענען די אויגן. איצט וועט איר דערגרייכן דעם סוף.

צום ברעג איז נאָך ווייט. דער קערפּער איז שוואַך, מאַטלאָז. אַ מענטש האָט אַנטדעקט די איינזאַמקייט פון טויט. וועט קיינער אים נישט געבן די האַנט?

פאַרהאַלט זיך נישט, מענטש! ווילסטו אויך אומקומען? ווילסטו, אַז איך זאָל בלייבן אַליין מיט דעם קינד אויף דער האַנט? נעם עס — איך האָב שוין נישט קיין כוח. און האַלט אים צו דאָס מויל מיט דער האַנט.

דאַכט זיך, אַז מען זעט שוין יענעם ברעג. יאָ, דאָס איז שוין גאָר נאָענט. ביימער, הייזער, מענטשן... דו זעסט נאָך אַלץ נישט?

מענטשן, האָט רחמנות. גיט מיר די האַנט. איך קאָן מיך נישט רירן פון אָרט. פאַרוואָס זענט איר אַזוי גלייכגילטיק? הערט איר נישט מיין רופן? איר דערווייטערט אייך. איך פאַרשטיי נישט — שטענדיק זענט איר דאָך געווען אַזוי גוט און באַרמהאַרציק.

קוק נישט אויף אים. פאַרהאַלט זיך נישט. גיי פאָרויס. נאָר פאָרויס. דאָ זוך נישט קיין פריינד. פאַרלאַנג נישט, מען זאָל דיר דערלאַנגען די האַנט. וועסט זיי באַגעגענען אויפן ברעג. אויב עס וועט ווער פעלן — איז פאַרפאַלן. אויב עס וועט ווער פעלן, זאָלסטו נישט זיין פאַרצווייפלט. לעבעדיק, וועסטו נישט זיין איינזאַם. מאָרגן וועלן מיט דעם זעלבן וועג קומען אַנדערע — הונדערט אַנדערע, טויזנט אַנדערע. דאָס יאָר האָט אַ סך אַזעלכע טונקעלע נעכט. וועסט נישט זיין איינזאַם. די איינזאַמקייט איז בלויז פאַר טויטע.

דער גרונט פון טייך הייבט זיך אַלץ העכער. די טריט און באַוועגונגען ווערן אַלץ מער זיכערע. דער ברעג איז שוין נאָענט. נאָך אַ הונדערט טריט. נאָך איינמאָל וועט אייך באַלייכטן דער פאַרפאָלגער. נאָך איינמאָל בלויז וועט זיך צעשפּילן דאָס מאַשין־געווער.

וועגן וועמען טראַכטסטו איצט? איז עס נישט אַלץ איינס? אויף דעם דאָזיקן אָרט איז שוין נישט פאַראַן קיין וויטיק, קיין פּיין... די וואָס וועלן

דערהנגרייכן צום ברעג, וועלן נישט איינמאָל נאָך פילן פיין — אָבער נישט אַלע וועלן דערגרייכן.

די מאַשין-געווערן שווייגן נישט.

שמע ישראל, אדוני אלהינו, אדוני אחד...

צי איז עס נישט אַלץ איינס אין וועלכער שפּראַך עס איז דער דאַזיקער פּליסטער? זאָל ער דויערן לאַנג, אויב ער ברענגט וועמען אַ טראָפּן מוט, אַ קערנדל טרייסט, אָדער אַ פונק פון האָפענונג.

זיי זענען אַרויסגעקומען אויפן ברעג. די קעלט האָט אַרומגענומען זייערע נאַסע קערפּערס. זיי האָבן געציטערט. זיי האָבן געלאַכט און געוויינט, אַרומגענומען זיך און געקושט.

— איך האָב געמיינט, אַז כ'וועל עס נישט איבערלעבן. שרעקלעך איז דאָס געווען. דער פּחד...

— עס האָט זיך דיר בלויז אַזוי געדאַכט. דאָס איז גאָרנישט געווען אַזוי שרעקלעך. דער מענטש מוז תמיד זיין שטאַרקער ווי אייזן...

— אַ שאָד, וואָס מיר האָבן נישט מיטגענומען אַלע.

— וואָס? ביי איך איז עמעץ פאַרבליבן אין דער היים?

יאָ. מיין מאַמע איז פאַרבליבן. זי איז אַלט זעכציק יאָר און זי האָט קראַנקע פיס.

— ווער לאָזט דאָס איבער אַ מאַמע, וואָס איז אַלט זעכציק יאָר און האָט קראַנקע פיס...

— ע, עס וועט איר חס ושלום גאָרנישט געשען. אַזאַ עלטערע פרוי וועלן זיי דאָך קיין שלעכטס נישט טאָן. מיין מאַמע פלעגט דערציילן, אַז...

— זי האָט דאָך נישט געוואָלט מיטגיין מיט אונדז. זי האָט זיך אָנגעזעצט אויף דער שוועל און אָנגעהויבן וויינען, אַז זי וועט נישט איבערלאָזן איר פּראַצע...

— אַוואַדאי איז זי געווען גערעכט. יעדער מענטש איז גערעכט אויף זיין אופן...

ס'איז טונקל. דער רעפלעקטאָר האָט געמאַכט זיינס און האָט צוגעמאַכט זיינע בייזע אויגן. מען זעט נישט קיין פאַרדעכטיקער. פון טייך קומען אַרויס אַלץ נייע שאָטנס. זיי אָטעמען שווער. זיי ציטערן. זיי פליסטערן: זיי זענען מתפּלל, אָדער שילטן. ווער קען עס וויסן? עס פאַרהילט זיי די געדיכטע האַרבסטיקע נאַכט.

וואַקלענדיק זיך ,רוקט זיך פֿאָרויס אַ מענטש, — אויף זיינע אויס־געשטרעקטע אָרעמס גוססט אַ מאַטלאָזער קערפּער. פֿאַרוואָס שווייגט איר?

דער מענטש, וואָס האָט נישט געגרייכט די האַנט, זאָגט איצט קדיש.

— יתגדל ויתקדש שמיה רבא...

— עך, נישט וועגן דעם גייט עס...

שווייגט בעסער, שטערט נישט די שטילקייט פֿון דער נאַכט. צום באַגינען איז נאָך ווייט. לויט אייערע שפּורן גייען אַנדערע מענטשן. זאָלן זיי אָנקומען מיט מזל.

אויף דער טונקעלער אויבערפֿלאַך פֿון דעם שמאָלן גרענעץ־טייך באַוועגן זיך ווייסע פּאַסמעס ליכט פֿון די דייטשישע רעפֿלעקטאָרן...

די מומע עלקע

עס איז שוין געווען דער חודש אָקטאָבער, נאָך די וועגן האָבן נאָך געהאַט אויף זיך שפּורן פון טראַגישן סעפּטעמבער. אויף די שטיינער האָט נאָך געגליווערט דאָס בלוט פון די דערהרגעטע זעלנער. די ערד איז נאָך געווען פריש צעאַקערט דורך דייטשישע באָמבעס. די בערגלעך זאַמד, וואָס האָבן באַדעקט די מאַסן־קברים, האָבן נאָך נישט באַוויזן צו באַוואַקסן מיט גראָז. אין די אויערן פון די לעבן־פאַרבליבענע האָבן נאָך געציטערט די דעטאָנאַציעס, די געשרייען פון אַנגסט, דאָס קרעכצן פון גוססדיקע.

אין די גריבער זענען נאָך געלעגן צעבראָכענע אויטאָס, מאָטאָציקלען, פּויערישע וועגענער. היינט האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אויף די פעלדער און גענערט זיך מיט דער שוין פוילנדיקער סטערווע פון געפאַלענע פערד.

אויפן ווינט האָבן זיך געהוידעט אָפּגעריסענע טעלעפאָן־דראָטן, אויף די באַן־סטאַציעס זענען געלעגן צעשמעטערטע וואַגאָנען. דורכגעלעכערטע ציסטערנעס, לאָקאָמאָטיוון מיט אויפגעריסענע געדערים — גאַנצע בערג פון צעשטערונג. און אַרום דעם חורבן האָט נאָך אַלץ געדויערט דער גערוך פון אַ טליענדיקער שׂרפֿה.

די פּויערים, וואָס האָבן געוווינט ביים שאָסיי, האָבן נאָך אַלץ געהאַט פאַר די אויגן דאָס בילד פונעם „גרויסן מאַרש" — עס איז געווען ערשט מיט אייניקע וואָכן צוריק. דער וועג האָט דעמאָלט געשטראָמט ווי אַ טייך בשעת אַ פאַרפלייצונג. טויזנטער, הונדערטער טויזנטער מענטשן זענען געלאָפן פאָרויס, ביי טאָג און ביי נאַכט — אויף מזרח. יונגע און אַלטע, פרויען און מענער, רייכע און אָרעמע — שווייגנדיקע, מיט פחד אין די אויגן, מיט פאַרביטערונג און פאַרצווייפלונג. זיי זענען נאָך דעמאָלט געווען שעמעוודיק — שעמעוודיק האָבן זיי געבעטן אַ שטיקל ברויט פאַר דעם הונגעריקן קינד, אַ טראָפּן מילך, אַ גלעזל וואַסער... ווען זיי האָבן

זיך אומגעקוקט הינטער זיך, האָט זיי פאַרפאָלגט אַ רויטער אָפּשײַן — דער אָפּשײַן פון ברענענדיקע פּוילישע שטעט. זענען זיי נאָך גיכער געלאָפן — עס האָט זיי געטריבן דער פּחד פאַר דעם אַלעם, וואָס זיי האָבן געזען נעכטן און אייערנעכטן, און וואָס עס האָט זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט צו זיי.

אַזוי איז געווען אין חודש סעפּטעמבער.

און אָט האָבן איצט, אין אַ חודש אַרום, ווידער אויפגעלעבט די וועגן אויף מזרח. ווידער האָבן דאָ געוואַנדערט מענטשן, מידע, באַלאָדענע מיט זאָרגן, און באַלאָדענע מיט די רעשטלעך האָב און גוטס, וואָס זיי האָבן באַוויזן אָפּצוראַטעווען פון זייערע היימען. פּליטים.

איצט זענען זיי שוין נישט געלאָפן אין פּחד. זיי האָבן זיך שוין נישט געדעקט אין דער פינצטערניש פון נאַכט, און נישט געקוקט מיט פּחד אין דער בלויקייט פון הימל. זיי זענען אַדורך דעם גרענעץ־טייך און דעם גאַנצן פּחד האָבן זיי אויף דער דאָזיקער גרענעץ איבערגעלאָזט.

איצט זענען זיי געווען אויף דער פרייער סאָוועטישער ערד.

זיי האָבן איצט געוואַנדערט בלויז בייטאָג. טיילמאָל פלעגן זיי דינגען אַ פויעריש פורל — די פויערים האָבן זיך לאַנג מישב געווען וועגן דעם פּרייז, זיי האָבן שוין נישט אַרויסגעוויזן יענעם מיטגעפיל פון חודש סעפּטעמבער. זיי האָבן שוין דאָ געזען צופיל נויט און צופיל בלוט — זיי זענען געוואָרן פאַרהאַרטעוועט, קאַלט און גלייכגילטיק. זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן שעצן דעם גראָשן. אָבער די פּליטים זענען נישט געווען קאַרג.

אַנדערע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט, זענען געגאַנגען צופוס. טיילמאָל פלעגט זיך טרעפן אַ מיליטערישער פורגאָן האָט מיטגענומען מיט זיך עטלעכע פרויען און קינדער. די זעלנער מיט רויטע שטערנדלעך אויף די פוראַזשקעס, פלעגן אַרויסנעמען פון מיליטערישן קלומיקל אַ שטיק שוואַרץ ברויט אָדער אַ ביסל זיסוואַרג און מכבד זיין די פּאַסאַזשירן. האָבן זיי געגעסן דאָס זעלנערישע ראַזעווע ברויט און האָבן זיך זייער שטאַרק געחידושט. דאָרט, פון וואַנען זיי זענען געקומען, אויף יענער זייט גרענעץ, האָבן זיי געזען אַנדערע זעלנער — אין שיינע, ריינע מונדירן, גלאַטיק ראַזירטע. דאָס זענען געווען דייטשישע זעלנער, דייטשישע אָפיצירן, וואָס האָבן געזייעט פּחד, טויט, פאַרניכטונג.

דער זעלנער, וואָס איז איצט געזעסן לעבן זיי, האָט געהאַט אַ פויעריש געזיכט, זיינע הענט זענען געווען טונקל פון דער זון און האַרט פון דער אַרבעט. און דער מונדיר זיינער איז געווען באַשיידן, כמעט אָרעם.

אָבער דאָס ברויט, וואָס זיי האָבן געגעסן פון זיינע הענט, איז געווען גוט, און יעדן ביסן האָבן זיי געפילט די פריינדלעכקייט פון דעם רויט־אַרמייער.

אַט אין אַזעלכע שטימונגען האָבן זיי זיך געררוקט אויף מזרח. און ווען זיי האָבן פון אַ בערגל דערזען אין טאָל די הייזער פון אַ שטעטל, האָבן זייערע הערצער געקלאַפט שטאַרק און אומרואיק.

— נישט געזאָרגט! — האָט אונדז געטרייסט די מאַמע, ווען מיר האָבן זיך שוין געפונען אין שטעטל — דאָ וווינט דאָך מיין שוועסטער. אַ דאַך איבערן קאָפּ וועלן מיר דאָ געפינען. און פון הונגער וועלן מיר נישט שטאַרבן...

די מומע עלקע האָט געוווינט אין צוויי אָרעמע צימערלעך. אין דעם ערשטן איז געשטאַנען אַ גרויסע פאַרצייטיקע קיך מיט אַ באַק־אויוון, פון וועלכן עס זענען אַרויסגעקראָכן שוואַרצע באַשעפענישן, ענלעכע צו וואַנצן. עס האָט געשלאָגן אין די נאָזלעכער אַ שליאַכטער גערוך־שימל, אַלטקייט, שמעק־טאַביק. די נידעריקע ווענט פון שטוב זענען געווען באַלויכטן מיט אַ מאָגערער שיין פון אַ נאַפט־לעמפּל.

דער טאַטע האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. ער איז געווען מיד. איך האָב איצט נישט געזען זיין פּנים. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם גרויען קאָפּ און פאַרפלאָכטן די הענט אויף די קני. די מאַמע האָט אויפגעבונדן אונדזער זעקל און גענומען גריבלען אין ער אָרעמקייט.

די מומע עלקע האָט לאַנג געשוויגן. דערנאָך האָט זי געדעקט דעם טיש מיט אַ ווייס געצירעוועט טישטעכל און אַוועקגעלייגט אויף אים אַ ברויטל, אַ זאַלץ־מעסטל און אַ טעפּל מילך. דאָס אַלץ האָט זי געטאָן שווייגנדיק, מיט אַ ברוגזדיקער מינע.

די מאַמע האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש.

— קומט עסן — האָט זי געזאָגט צו אונדז און גענומען פאַנאַנדער־גיסן די מילך אין די גלעזער.

דער טאַטע האָט גענומען פון איר האַנט אַ שטיקל ברויט.

— און דו? — האָט זי זיך געווענדעט צו מיר — פאַרוואָס עסט דו נישט?

דאָס עסן האָט מיר נישט געשמעקט, כאָטש איך בין געווען זייער הונגעריק. איך האָב געפילט, אַז פון צווייטן צימער קוקט אויף מיר די

שווייגנדיקע מומע עלקע — און דער ביסן איז מיר געבליבן שטעקן אין האלדז.

— דאָ בין איך געבוירן — האָט מיך באַרואיקט די מאַמע — דאָ איז איצט אונזער היים.

נאָך דער ווערמשערע איז די מומע אַרויסגעשוואומען פון דעם האלבּ־פינצטערן אַלקער. זי האָט גענומען דאָס ברויט פון טיש, לאַנג עס געוויגן אין דער האַנט און באַהאַלטן אין שענקל.

דער טאַטע האָט פאַרביסן די ליפּן.

איך בין אַרויס אין גאַס. עס האָט מיך אַרומגענומען די קילקייט פון האַרבסטיקן אָוונט. די גאַס איז קוים געווען באַלויכטן מיט דער קנאַפּער שיין פון די פענצטער. נאָר אויך אָן דעם האָזיקן געבעטנדיקן ליכט וואָלט נישט געווען פינצטער — די זילבערנע שיין פון דער לבנה האָט פאַרגאָסן דאָס גאַנצע שטעטל, די איינגעהויקערטע דעכער, די געסלעך, די מענטשן.

פון דער אָפענער אַכסניה האָבן זיך געטראָגן שטימען, אַלע האָבן גערעדט גלייכצייטיק. איך האָב זיך פאַרהאַלטן, געוואָלט אַריינגיין, בכדי צו זיין צווישן מענטשן און פילן אַרום זיך זייער נאָענטקייט. איך האָב אָבער נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם גערוך פון ביר און בין פאַרבליבן אין דרויסן. פון דאָרט האָב איך גיריק געשלונגען די ווערטער.

— כדי ס'זאָל ווערן טאָג, מוז צוערשט זיין זייער פינצטער — האָט געברומט אַן ערנסטע שטימע פון אַ זקן.

— וויפיל פינצטערניש האָבן מיר? — האָט זיך אָפּגעבייזערט אַ צווייטער — איז נישט גענוג, אַז מיר זענען אַוועק פון אונדזערע היימען?

— פון וואָסערע היימען? און וואָס איז דאָס בכלל אַ היים? אַ היים איז אין פרידנצייט. בשעת אַ מלחמה זענען אַלע היימען שטרוי, בלאָטע...

ביי דער טיר פון דער אכסניה איז געשטאַנען אַ מין חסידישע יונגעלייט, איינער פון זיי האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ צייטונג.

— די מלחמה מוז זיך באַלד ענדיקן. נאָך אַ חודש, נאָך צוויי. אַמעריקע וועט זיך אַריינמישן, וואָס מיינט איר, ס'איז אַ הפקר־וועלט?

— אָבער ווען, יידן? ווען וועט דאָס זיין? — האָט זיך געבייזערט אַן אַנדערער.

דערהדריקט פון די אייגענע און פרעמדע זאָרגן, האָב איך זיך אומגעקערט צו דער וווינונג פון דער מומע עלקע.

באַלד נאָך מיין אַרייַנקומען, האָבן זיך דערהערט טריט אויפן גאַניק און אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ מיידל — אַ יונגע און הויכע, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און טונקעלע האָר — שיין איז זי געווען מיין שוועסטערקינד, מלכה, די טאָכטער פון דער מומע עלקע. איך האָב זי נישט געזען זינט פיל יאָרן, און אפשר טאַקע דערפאַר האָט זי זיך מיר אויסגעוויזן אַזוי פרעמד. איר שייַנקייט איז געווען אַ ביסל אויסגעלאָשן, מיט איר יעדער באַוועגונג האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער שיינער שמייכל אירער שרייט צו מיר: זע, ווי שיין איך בין, זע און באַוווּנדער מיך.

זי האָט שוין געהערט אין שטעטל, אַז מיר זענען געקומען פון יענער זייט גרענעץ. זי האָט מיין מאַמען אַ קוש געגעבן אין דער האַנט, באַגריסט זיך מיט מיין טאַטן און מיר פאַרוואָרפן די נאַקעטע אָרעמס אויפן האַלדז. איך האָב פון דער נאָענט דערזען אירע אויגן: גרויסע און טיפע ווי ברונעמס, גיריקע אויגן...

— ווו ביסטו געווען אַזוי לאַנג? — האָט געוואָרקעט די מומע — ווידער אַרומגעשלעפט זיך מיטן קצב?

מלכה איז אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַניק און געבראַכט פון האָרט אַ שטיק פלייש, איינגעוויקלט אין אַ שמאַטע.

— מיין קצב געפעלט דיר נישט — האָט זי געזאָגט צו דער מוטער מיט אַ בייזן שמייכל — אָבער פלייש האָסטו ליב...

מיר האָבן געשוויגן, אַלע האָבן געשוויגן. עס איז געווען שטיל אין אומעטיק.

מלכה האָט געזאָגט „אַ גוטע נאַכט“ און איז אַרייַנגעגאַנגען אין צווייטן צימער.

דורך דער נישט פאַרמאַכטער טיר האָב איך געזען אין דער האַלבפינצטערניש איר נאַקעט געשטאַלט. אין שיין פון דער לבנה האָט זי געקוקט אויף מיר מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף די ליפּן. זי איז געווען שיין ווי אַ דענקמאָל.

— העלף מיר צונויפשטעלן די בענק — האָט געזאָגט די מאַמע — מיר וועלן מאַכן אַ געלעגער.

לאַנג האָב איך נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. דורך דער אָפענער טיר פון אַלקער האָב איך געהערט דעם אָטעם פון דער שיינער מלכה. אין פענצטער איז געהאָנגען אַ זילבערנער לאַמפּיאָן — די לבנה.

אינדערפרי האָט די מומע עלקע צו מיר געזאָגט:

— אויב דו ווילסט ברויט, מוזטו גיין אין דער בעקעריי...

און צו דער טאָכטער:

— מלכה, מאַך כשר דאָס שטיקל פלייש. און וואָס וועסטו קאָכן? — האָט זי זיך געווענדעט צו מיין מוטער — אויב דו ווילסט, וועט דיר מלכה געבן אַ ביסל קאַרטאָפל...

איך בין אַרויס אויף דער גאַס. ביי דער בעקעריי זענען שוין געשטאַנען הונדערטער מענטשן.

פּלוצים האָב איך דערהערט עמעצנס גיכע טריט — מלכה. זי האָט צו מיר דערגאַנגען איר געזיכט, אויף איר פּנים זענען געווען פאַרשריבן יענע איידעלע שטריכן פון דער שענסטער מענטשלעכער מעלה: גוטסקייט.

— גיי נישט אין דער בעקעריי — האָט זי געזאָגט — איך וועל אַליין גיין. איך וועל גיכער באַקומען דאָס ברויט.

איך בין געשטאַנען לעבן איר שוויגנדיק. זי האָט באַמערקט, אַז איך בין אַ ביסל צעטומלט.

— איך פריי מיך, וואָס איר זענט צו אונדז געקומען. באמת. מיר האָבן נישט געקוקט אויף זיך.

— האָסט מיך געזען נעכטן ביינאַכט? — האָט זי שטיל אַ פרעג געטאָן — האָסט מיך געזען? דו האָסט אויף מיר געקוקט, ווי אַ הונגעריקער וואָלף. בין איך נישט געווען שיין? די לבנה האָט אויף מיר אַזוי געלויכטן...

זי האָט זיך צעלאַכט מיט עפּעס אַ געקינצלט געלעכטער, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אירע אויגן זענען פול מיט טרערן...

— אין מיין לעבן איז גאָרנישט נישטאָ... — האָט זי געזאָגט שטיל און זייער ערנסט — גאָרנישט. גאָרנישט האָב איך נישט...

נישט קוקנדיק אויף מיר, האָט זי זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון דער בעקעריי.

ערשט נישט לאַנג האָב איך באַזוכט דאָס קליינע שטעטל, אין וועלכן ס'האָט געוווינט די מומע עליקע.

איך האָב געפרעגט ביי די שכנים וועגן גורל פון מיין מומען און פון איר טאָכטער.

— זיי זענען אומגעקומען אין אַן „אַקציע“ — האָט מען מיר געענטפערט.

קיינער האָט אָבער נישט געדענקט, ווען דאָס איז געשען און ווי אַזוי.

איך בין געשטאַנען ביים איינגעפאַלענעם הייזל, געקוקט אויף די יונגע ביימלעך, וואָס באַוואַקסן דעם פאַרפוילטן שינדל-דאַך, און כ'האָב געפּרוווט דערוועקן אין זכרון דעם שמייכל פון דער שיינער מלכה, וואָס איז געלאָפן אין דער בעקעריי נאָך אַ ברויטל פאַר איר שוועסטערקינד.

איך האָב געטראַכט וועגן אירע ווערטער: „אין מיין לעבן איז גאָרנישט נישטאָ... איך האָב גאָרנישט...“

איך האָב גערעדט מיט איר שאָטן:

— היינט, נאָך אַזויפיל יאָרן פאַרשטיי איך דיך, מיין ליבע. איך פאַרשטיי דיין אומעטיק לעבן. איך טרויער נאָך דיר און שטענדיק וועל איך דיך געדענקען. שטענדיק וועל איך דיך דערמאָנען מיט ליבשאַפט.

מיינע געדאַנקען האָט פּלוצים איבערגעריסן אַ געזאַנג. אַן ערנסט געזאַנג, וואָס איז געשוואומען דורך דער הויפּט-גאַס פון שטעטל. אין דער ריכטונג פון צווינטער איז געגאַנגען אַ גרויסער לוויה-צוג, מיט אַ גלאַנציקן קאַראַוואַן, צו וועלכן עס זענען געווען איינגעשפּאַנט צוויי קאַרע פערד. פאָרויס דעם לאַנגן צוג זענען געגאַנגען גייסטלעכע, מען האָט געטראָגן פענער און בלומענקרענץ.

— ווער איז געשטאָרבן? — האָב איך געפרעגט איינעם פון די דורכגייער.

— דער אַפּטייקער איז געשטאָרבן — האָט געענטפערט דער מענטש — ער איז געווען קראַנק אויף גאַלשטיינער. נו, אַזוי יונג איז ער שוין נישט געווען. ער איז אַלט געווען 76 יאָר. און מיט דער גאַל האָט ער געהאַט צו טאָן שוין לאַנג...

דער פרעמדער מענטש האָט לאַנג און גענוי דערציילט וועגן שווערן חולאת פון פאַרשטאָרבענעם.

איך האָב געוואָרפן דעם לעצטן בליק אויף דעם איינגעזונקענעם הייזל פון דער מומע עלקע און געלאָזט זיך צום וואָקזאַל.

— ווי גוט און בכבודיק — האָב איך געטראַכט — איז צו שטאַרבן אין צייט פון פרידן...

געטרייע ליבע

עס וועט אייך מסתמא וווּנדערן, ליבע פריינד, אַז איך, אַן אַלטער בחור מיט אַ גלאַנציקן פּליך, בין אַמאָל געווען פאַרליבט, און נישט נאָר פאַרליבט, נאָר אפילו גליקלעך פון דעם דאָזיקן וווּנדערבאַרן קעגנזייטיקן געפיל, וואָס האָט געדויערט אַזוי קורץ... און אַזוי לאַנג...

ער, ווען איר זאָלט וויסן, ווי אַזוי איך האָב געקאָנט ליבן — און געטריי זיין... אָט דורך דער דאָזיקער טרייקייט בין איך טאַקע פאַרבליבן אַן אַלטער איינזאַמער בחור.

אויב עס אינטערעסירט אייך — ביטע... איך וועל אייך גערן דערציילן וועגן מיין ערשטער און גרויסער ליבע. קאָן זיין, אַז עס וועט לויט אייער מיינונג זיין אַ באַנאַלע געשיכטע. איך פאַרזיכער אייך אָבער: כאָטש צייטן ענדערן זיך — די רעקווויזיטן פון לעבן בלייבן די זעלבע — ליבע, בענקשאַפט, אנטוישונג...

פאָרגעקומען איז די דאָזיקע זאַך אין יענע יאָרן, ווען איך בין נאָך געווען יונג. און די יוגנט איז די אייזלסטע צייט אין לעבן פון יעדן איינציקן מענטש.

א נשמה האָב איך דעמלט געהאַט אַ גלויבנדיקע און אַ האָפנדיקע. די לאַנדשאַפט פון מיין שטעטל האָט מיך באַווירקט מיט רואיקייט. מאָלעריש איז געלעגן אונדזער אומפאַרגעסלעך שטעטל — אין טאָל, ביים טייך, וואָס האָט זיך געצויגן און געשלענגלט צווישן צוויי וואַלדיקע מונקעלע בערג. שטופנווייז האָבן זיי זיך געהויבן צו די וואָלקנס, די דאָזיקע אוראַלטע קאַרפּאַטישע וועלדער, צו די וואָלקנס און צו די הימלען. נאָר אונטן, דאָרט ווו די שטעטישע באַלעבאַטים פלעגן שבת נאָכמיטאָג אַרויסגיין שפּאַצירן, דאָרט האָבן געגרינט די פלאַכע פוכיקע לאָנקעס, פול מיט בלומען ווילדע און דופטיקע, פול מיט שמעטערלינגען, גרינע טאַנצנדיקע גרילן און אַנדערע רעקוויזיטן פון פראָסטער מענטשלעכער פרייד.

די איינוווינער פון שטעטל זענען געווען ענלעך צו קינדער. און אַלעם

וואָס זיי האָבן געטאָן, זענען זיי געווען אָדער לעבערלעך פאַרביסן, אָדער ביז גאָר נאַאיוו. איך זע זיי נאָך היינט, איך טראָג זייער בילד און האַרצן און אין די געדאַנקען, און זאָלן מיינע דערמאָנונגען זיין פאַר זיי אַ יזכור פון אַ בן עיר.

אָרעמע קליינע מענטשן, וואָס האָבן נישט געוווסט וועגן קיין שום פראָפּאָרצן צווישן די ענינים פון דער גרויסער אומבאַקאַנטער וועלט... קינדער מיט איינגעהויקערטע פּלייצעס און גרויע בערד — זקנים. שטענדיק פאַריאָגטע, שטענדיק אין איילעניש. ס'אַ חידוש? די וועלט איז דאָך געווען אַזוי גרויס — זי האָט געגרייכט פון טייך, וווהין מען פלעגט גיין צו תשליך, ביז צום בערגעלע, אויף וועלכן עס האָט זיך געפונען דאָס הייליקע אָרט. גרויס איז געווען די וועלט, און שווערע זענען געווען אירע ענינים — און אין יעדן ענין איז שטענדיק געווען דערנעבן דער אַלמעכטיקער גאָט מיט זיינע ברכות און קללות, מיט זיין רחמנות און צאָרן, ער איז געווען אומעטום — אין גאָטישן קלויסטער און אין דער ביזאַנטישער צערקווע, און קודם כל אין דעם אַלטן הילצערנעם בית המדרש.

מיט רעליגיעזע ענינים האָב איך מיך שוין אין יונגע יאָרן נישט פאַרנומען. איך בין געווען אַלט אַכצן יאָר, ווען אין דעם דאָזיקן עלטער איז לייכט צו שאַפן זיך אַן אייגענעם רעליגיעזן סיסטעם. עס איז גענוג צו האָבן אָפענע אויגן און אָפענע אויערן, עס איז גענוג אַריינצוגיין אין דער געדיכטעניש פון לעבן און שטאַרק צו דערפילן דאָס דאָזיקע לעבן אין דער ליכטיקייט פון טאָג, און אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. מען דאַרף נאָר נישט שרעקן זיך פאַר דעם, וואָס איז גוט און שווער, מען דאַרף נישט פילן קיין פאַראַכטונג צו דעם, וואָס איז באַשיידן. מע דאַרף בלויז האָבן חושים פילבאַרע, וואָס זאָלן דערקענען וואָס איז אמת און וואָס איז פאַלש, וואָס איז שלעכט און וואָס איז גוט.

אַזוי פיל איז פאַראַן אויף דער וועלט גוטסקייט, וויפל אונדזער האַרץ קאָן אַרומנעמען. און איך האָב דעמלט געהאַט חושים אויסגעשאַרפטע און גיריקע, און געזען האָב איך אַזויפיל שיין און שיינקייט, אַז עס האָט געסטייעט אַרומצונעמען מיט ליבשאַפט און רחמנות די גאַנצע וועלט.

און זאָל זיך אייך נישט דאַכטן, אַז די דאָזיקע געפילן מיינע זענען געווען אַ געשאַנק אָדער אַ נדבה — זיי זענען געווען פשוט ווי דאָס קלאַפּן פון האַרץ, איינפאַך ווי דער אָטעם פון ווינט, באַשיידן ווי דאָס טעגלייך ברויט.

האָבנדיק אָט אַזאַ באַציונג צו מענטשן, האָב איך זיי געמוזט ליב האָבן.

און ליב געהאַט האָב איך מענטשן פאַרשיידענע, אפילו דעם ברייטפּלייציקן טרעגער, וואָס האָט געהאַט, נישט פאַר קיין שום ייִדן געדאַכט, אַ מיאוסן פאַרד אויף דעם קאָפּ און ווען ער האָט גערעדט מיט אַ מענטשן, האָט ער געשאָלטן ווי אַ שד. נאָר ווי צאַרט פלעגט ער רעדן צו זיין אַלטע־לונגן־קראַנקער שקאַפּע...

איך האָב אָפּגעגעבן כבוד אַ יעדן איינציקן בשר ודם — אפילו דעם לייזיקן בעטלער, וואָס איז געשטאַנען ווי צוגעוואַקסן צו דער וואַנט פון אַלטן בית־המדרש; אפילו דער אַלטער גאַסן־מויד, וואָס אַלע שטעטלשע פאָליציאַנטן פלעגן זי תמיד פאַרפאָלגן.

איך פלעג באַוווּנדערן דעם אַלטן רב, וואָס האָט געלעבט ערגעץ אין אַ נישט באַשטימטער געגנט צווישן הימל און ערד... און טיילמאָל פלעג איך באַגלייטן אין די געדאַנקען די געהיימפולע מאָנאַכן פון פראַנציסקאַנער־קלויסטער, איינזאַמע און פאַרטראַכטע — אין זייער שוואַרצער איינזאַמקייט איז געווען אַזויפיל סוד און אַזויפיל צויבער...

אַ פאַרבענקטער פלעג איך טיילמאָל וואַנדערן דורך די נאַכטיקע געסלעך פון דער שטאָט — אין קליינע הילצערנע, האַלב־איינגעזונקענע הייזלעך האָבן געוועלקט יונגע טעכטער און אַלטע מיידן — אַלע ענלעכע צו בלומען, וואָס וועלקן און בענקען צו דער זון.

מענטשן זענען געווען דורשטיק צו ליבע, דורשטיק — כאָטש איין יעדן פון זיי האָט געשלאָגן אַ לעבעדיקער קוואַל. איך האָב זיי אַלע ליב געהאַט — אַלע זענען זיי געווען מיינע ברידער.

איך פרעג וואָס פאַר אַ שייכות דאָס האָט צו דער דאָזיקער דערציילונג. קיין שום שייכות, סתם — עס דערציילט זיך, עס דערמאָנט זיך...

אין איינעם פון די דרייסיקער יאָרן, אין סאַמע מיט פון זומער, בין איך מיט מיינע עלטערן אַרויסגעפאָרן אויף דאַטשע אין אַ קליין באַרגיק דערפל אין די קאַרפּאַטן, טאַקע נישט ווייט פון אונדזער שטעטל.

איך האָב דאָרט געפונען אַ סך איינזאַמקייט און אַ סך שיינע לאַנדשאַפטן. געוווינט האָבן מיר אין אַ פויערישן אַלקער, ווו עס איז געווען זייער ריין און זייער באַשיידן.

יעדן נאָכמיטאָג פלעג איך פאַרברענגען אויף איינזאַמע שפּאַצירן אין דער געגנט. איינמאָל, שוין כמעט פאַרנאַכט, האָב איך מיך אויסגעקליבן אין דער ריכטונג פון טייך. אַרום מיר איז געווען אַ שמעקעדיקער וואַלד. עס איז געווען וואַרעם, פאַרנע. די ערד האָט געאָטעמט מיט פייכטקייט פונעם

געכמיקן רעגן, מיטן גערוך פון פוילנדיקע בלעטער און פון שוואָמען. די צווייגלעך פון זילבערנע בערעזעס האָבן זיך לייכט באַוועגט אויפן ווינט. אויף דעם דיקן שטאַם פון אַ סאָסנע האָט זיך געקייקלט אַ וועוויריק. פריילעך האָבן ערגעץ אין אין אַ דאָרף געבילט די הינט.

אַ געבענטשטע רו האָט געהערשט איבער דער וועלט. די געדאַנקען מײַנע זענען געווען געמיטלעך. מענטשן זענען געווען גוט. אַ געבענטשטע וועלט, אַ געבענטשט־שעה.

פאַרזונקען אין מחשבות, האָב איך פאַרגעסן, אַז עס איז שוין יענע שעה, ווען מײַנע עלטערן וואַרטן אויף מיר מיטן אָוונטברויט.

פּלוצעם האָב איך דערהערט אַ שאָרך פון עמעצנס טריט. איך האָב מיך אומגעקערט — אין דער געדיכטעניש פון וואַלד איז געשטאַנען אַ מיידל, אַן אָפּגעברענטע פון דער זון. מיט שוואַרצע, געקרייזלטע האָר. און אויגן — עד, ס'אַרא אויגן זי האָט געהאַט! — צוויי ברענענדיקע זוגען. אַ ווײַלע בין איך געשטאַנען שטום, פאַרכאַפּט פון איר שיינקייט.

אַ צאַרטער, אַ ביסל שעמעוודיקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר געזיכט.

— עס איז שוין שפּעט — האָט זי זיך אָנגערופן די ערשטע — אייערע עלטערן זענען שוין אומרואיק...

— מײַנע עלטערן? איר קענט מײַנע עלטערן?

אין דער שטילקייט פון וואַלד האָט זיך צעפּערלט איר געלעכטער.

— אוודאי קען איך זיי. איך וווין אין דער שכנותדיקער כאַטע. פאַרשטייט זיך, אַז איר האָט עס נישט באַמערקט. נו, לאָמיר שוין גיין, אינגיכן וועט צופאַלן די נאַכט.

זי האָט גענומען לויפן פאָרויס, מיט אַ טאַנצנדיקן טריט, ווי אַ קליין מיידעלע, און איך בין איר געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, אַנטציקט פון דער דאָזיקער נייער באַקאַנטשאַפט.

ווען מיר זענען אַרויסגעקומען אויף דעם שטראָז, וואָס האָט געצויגן דורכן דאָרף, האָבן מיר באַגעגנט מײַנע עלטערן.

— אָ... — האָט זיך צעלאַכט מיין מוטער — איך פריי מיך זייער, אַז איר האָט ענדלעך געשלאָסן באַקאַנטשאַפט...

אין וועגנדיק זיך צו מײַנע שיינע באַגלייטערין, האָט זי צוגעגעבן:

— קומט מיט אונדז, מיר פאַרבעטן אייך צום אָוונטברויט...

אונדזער באַלעבאָס, אַן אַלטער וואָנצעדיקער פויער, האָט צעברענט אינעם הויף אַ שייטער. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַרום. דאָס פייער

האָט באַלויכטן אונדזערע געזיכטער מיט אַ ראָזעווער שיין. עס האָט גע-שמעקט דאָס טרוקענע היי אויף דער נאָענטער לאָנקע. ערגעץ אין דאָרף האָבן יונגע פויערים געזונגען וועגן ליבע און צעשיידונג. די פלאַמען האָבן צוגעצויגן אונדזער בליק און געצוווּנגען צו אַ טרוימערישער פאַרטראַכ-טונג.

ווען דאָס פייער האָט שוין אָנגעהויבן צאַנקען און ביסלעכווייז זיך אויסלעשן, האָט מיין מוטער אָנגענומען דעם טאַטן ביי דער האַנט און געזאָגט:

— נו, קינדער... מיר גייען שוין. אויב איר ווילט, קאָנט איר נאָך פאַרבלייבן. דער אָוונט איז אַזוי שיין. פאַרשטייט זיך, אויב איר זענט נאָך נישט שלעפעריק...

איך בין נישט געווען שלעפעריק, און איך בין געווען אַרומגענומען מיט אַ גרויסער אַנטציקונג — צו דער וועלט, צו דער שטערנדיקער נאַכט, צום סובטילן געזיכט פון דער יונגער פרוי, וואָס איז געזעסן לעבן מיר.

מיר זענען פאַרבליבן ביים שייטער.

איך האָב זיך צוגערוקט צו איר און אָנגענומען איר האַנט. די גוס-דיקע פלאַמען האָבן באַלויכטן אירע באַקן, אירע האָר, אירע אָרעמס.

איך האָב דערנענטערט די ליפּן צו איר האַנט. זי האָט מיך אַרומגע-נומען און געזאָגט שטיל, מיט צאַרטקייט אין דער שטימע:

— איך פריי מיך אַזוי... דו ביסט מיר אַזוי ליב...

— דו קענסט דאָך מיך נישט... — האָב איך אויסגעשטאַמלט.

— ווי לאַנג דאַרף מען דען עפּעס קענען, בכדי אים צו ליבן?

איך האָב געקושט אירע ליפּן און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך קען זי שוין זינט פיל יאָרן, אַז איך פאַרשטיי יעדע רגע פון איר שווייגן.

אָנגעלענט אויף איר אָרעם, האָב איך געטראַכט, אַז עס איז נישטאָ קיין איינזאַמקייט, אויב איין מענטש קאָן דעם צווייטן דערנענטערן דעם הימל.

זי האָט געגלעט מיינע באַקן און געשעפּטשעט:

— זאָג, אַז דו האָסט מיך ליב. זאָג, אַז דו האָסט מיך זייער ליב. זאָג מיר דאָס אַפילו ווען עס זאָל זיין אַ ליגנט. איך וויל עס הערן...

צעשיידט האָבן מיר זיך שפּעט ביינאַכט — שיכור און זאַט — גליקלעך.

צומאָרגנס בין איך אויפגעשטאַנען שפּעטער ווי געוויינלעך. ביים פרישטיק האָט די מאַמע נישט געקוקט אויף מיר, זי האָט לאַנג געשוויגן, צום סוף האָט זי דאָך געזאָגט:

— פאַרוואָס ביסטו היינט אַזוי לאַנג געשלאָפן? גאַנץ פרי איז דאָ געווען אונדזער יונגע שכנטע, דיין גוטע באַקאַנטע. זי האָט זיך געוואָלט מיט דיר געזעגענען.

אַ שרעקלעכער אומרו האָט אַרומגענומען מיינע געדאַנקען.

— איז זי שוין אַוועקגעפאָרן? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ — האָט שטיל געענטפערט מיין מוטער — זי איז אַוועקגעפאָרן.

דעם אמת געזאָגט, וואָלט איך שוין דאָ געקאָנט פאַרענדיקן די דאָזיקע דערציילונג. איך זע אָבער אין אייערע אויגן אַ פונק פון אַנטוישונג, דעריבער וועל איך נאָך צוגעבן אַ פּאָר ווערטער. אַן עפּילאָג.

איר ווילט מסתמא וויסן, צי האָב איך וועגן איר פאַרגעסן, אָדער צי איך האָב זי נאָך ווען עס איז באַגעגנט. ניין, איך האָב נישט פאַרגעסן און נישט אויפגעהערט ליבן. און אַפילו היינט, וויפל מאָל איך טראַכט וועגן איר... אָבער די קעגנוואַרט איז תמיד שווערער צו שילדערן, דעריבער לאָמיר פאַרבלייבן ביי די דערמאָנונגען.

איך וועל נישט דערציילן קיין פּרטים. ס'איז גענוג, אַז איך וועל זאָגן איין וואָרט. איך האָב געליטן, נאָך איר פאַרשווינדן האָב איך געליטן פּונקט ווי עס ליידן אַלע אומגליקלעך פאַרליבטע. איך האָב נישט געקאָנט איר אַדרעס, און מיך געשעמט זי צו זוכן, אויב זי אַליין האָט מיך אַזוי ברוטאַל פאַרלאָזט...

איך האָב אָבער נישט פאַרלוירן די האָפענונג. מיין געפיל איז געווען איינגעשפּאַרט. איך האָב געגלויבט, בין כמעט געווען זיכער, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועלן מיר זיך באַגעגענען.

אַנטשולדיקט מיר, איך מוז פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס... אַ דאַנק. דערמאָנונגען רעגן מיך אַ ביסל אויף. איר מוזט מיך פאַרשטיין: עמעץ האָט אַ משפּחה, אַ פרוי, אַ קינד... איך לעב נאָר מיט מיינע דערמאָנונגען.

דערווייל האָב איך פאַרגעסן וו איך האַלט. אַהאַ... איך האָב געהאָפט, אַז מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען, און מיינע האָפענונגען זענען מקוים געוואָרן. מיר האָבן זיך באַגעגנט גענוי אין צען יאָר אַרום. און אין וואָסערע אומשטענדן!

יאָ, דאָס איז געווען אַ מאָרגנע באַגעגעניש. די צווייטע באַגעגעניש און — די לעצטע.

בקיצור... די גרויזאַמע מלחמה האָט מיך פאַרוואָרפן ווייט פון מיין היים, ווייט אויף מזרח, וווּ איך האָב געטיילט דעם גורל פון הונדערטער טויזנטער פוילישע פליטים.

די בענקשאַפט צו מיינע נאָענטע, דער פחד וועגן גורל פון מיין פאָלק, די שווערקייטן פון דער מלחמה־צייט, דאָס אַלץ האָט זיך געלייגט ווי אַ שווערער וואָלקן אויף מיין געמיט. איך האָב זיך נישט געזאָרגט וועגן מיין אויסערלעכן אויסזען, וועלכער האָט זיך זייער געענדערט — איך בין פון יאָר צו יאָר געוואָרן אַלץ מער גרוי און מיין פנים איז באַוואָקסן געוואָרן מיט אַ געדיכטער באָרד.

געאַרבעט האָב איך ביי פאַרשידענע פּראָפעסיעס, ווי מיין טאַטע פלעגט זאָגן: געדינט פאַרשידענע עבודה־זרות.

אין אַ געוויסער צייט, אַדאַנק דעם, וואָס איך האָב גוט באַהערשט די רוסישע שפּראַך, האָב איך באַקומען אַ שטעלע אין איינעם פון די מלוכהשע אַמטן פון אַ ווייט שטעטל אין די אוראַלער בערג.

איינמאָל ווען איך בין געזעסן ביי מיין אַמטלעכן שרייב־טיש, ווי געוויינלעך פאַרנומען מיט חשבונות און ציפערלעך, האָט זיך געעפנט די טיר, און איך האָב דערהערט יענע שטימע, וואָס איך וואָלט זי געקאָנט דערקענען צווישן טויזנט אַנדערע.

— גוט מאָרגן...

מיין האַרץ — צי ווייסט איר וואָס איך האָב אין יענער מינוט דערפילט אין האַרצן?

זי איז געשטאַנען לעבן מיר אין אַן אָרעם קליידל, אַ בלאַסינקע און פאַרזאָרגטע, מיט אויגן ווי צוויי זונען... ווי זונען? איך האָב באַגעגנט איר בליק, און זיך דערשראָקן. אירע אויגן זענען געווען קאַלט, זיי האָבן געקוקט אויף מיר פרעמד, אָן צוטרוי. זי האָט מיך נישט דערקענט.

שווייגנדיק, בלויז מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט, האָב איך זי פאַרבעטן צו זעצן זיך.

— איר קענט מיך? — האָב איך אַ פרעג געטאָן אויף רוסיש.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

פאַרוואָס האָב איך נישט גערעדט צו איר יידיש? פאַרוואָס האָב איך זי נישט אַרומגעאָרעמט? פאַרוואָס האָב איך זיך נישט געלאָזט דערקענען? פאַרוואָס האָב איך איר נישט דערציילט וועגן מיין בענק־

שאַפט, ווען מיינע טעג און נעכט, יאָרן גאַנצע...

— איך בין געקומען אין ענין פון אַ דירה... — האָט זי געזאָגט קאַלט און זאַכלעך — איך האָב נישט וווּ צו וווינען...

איך האָב אַרויסגענומען פון שרייבטיש אַ פאָרמוליאַר און גענומען שרייבן.

— איר זייט פאַרהייראַט? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ.

איך האָב אַוועקגעלייגט די פען און פאַרוויכערט אַ פאַפיראָס.

— משפּחה־לעבן איז אַ פּרעכטיקע זאַך — האָב איך געזאָגט מיט אַן אומעטיקן שמייכל — איך האָב אויך וועגן דעם געטרוימט... אַמאָל...

— אָ, יאָ, געוויס... — האָט זי צוגעשמייכלט, און איך האָב ווי־טער געצויגן מיינע צעשטערטע חלומות.

— מאַן און ווייב... בפרט ווען יעדער מענטש איז פאַרליבט צום ערשטן מאָל... די ליבע עפנט די טויערן צום גליק. די טויערן צום הימל.

איך האָב זיך צעלאַכט מיט אַ פינצטער ברוטאַל געלעכטער, וואָס איז ענלעך געווען צום וואָיען פון אַ פאַרוווּנדעטן הונט.

די פרוי האָט געקוקט אויף מיר פאַרחידושט. זי האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען.

— איך האָב נאָך נישט אַלץ פאַרשריבן — האָב איך געזאָגט ערנסט — האָט איר קינדער?

— יאָ, צוויי קינדער.

— איך דאַנק אייך — האָב איך פאַרענדיקט — איצט ווייס איך שוין אַלץ... אייער ענין וועלן מיר באַטראַכטן.

זי האָט זיך פאַרנייגט און איז אַרויס פון צימער. עס האָט זיך פאַרמאַכט די טיר, און איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז עס פאַרמאַכט זיך אַ קאַפּיטל פון מיין לעבן.

מער האָב איך זי שוין נישט באַגעגנט.

דאָס איז אַלץ.

דאָס יינגל פון מיידאַנעק

אין מיידאַנעק האָט מען אים אַוועקגענומען פון דער מוטער און אַריינגעטריבן אין באַראַק פאַר קינדער. דאָרט האָט מען אים אָפּגעשוירן די האָר פון קאָפּ, און זיין פּנים איז מיטאַמאָל געוואָרן ערנסט און פאַרעלטערט.

פון אַלע געפילן וואָס האָבן אים אַרומגענומען און באַהערשט, איז דאָס שטאַרקסטע געווען — די בענקשאַפט. פון פאַרטאָג אָן האָט ער געוואַרט אויף אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגיין אויפן הויף. ער האָט געהאַט די האָפענונג צו זען די מוטער, וועלכע איז געווען אין באַראַק פאַר פרויען, אויף יענער זייט פון די שטעכעדיקע דראָטן.

ער האָט נישט געפילט קיין הונגער און האָט נישט געוויינט. ער האָט זיך באַמיט צו זיין רואיק און צו באַהאַלטן פאַר דער מוטערס בליק זיינע ליידן.

פונדערווייטן האָט ער געזען די וואָלקנס רויך וואָס האָבן זיך דערהויבן צום הימל. אַלטע און יונגע, אַפילו קינדער — אַלע האָבן גערעדט וועגן טויט, אָבער ער, מענדעלע, האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס דאָס באַדייט.

פון דעם אַלעם, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, האָט ער אומבאַוואוסטזיניק געזוכט אַריינצוזאַפּן אין זיך וואָס מערער וואַרעמקייט, ווייל אַלץ אַרום איז געווען קאַלט ווי אייז. וואַרעמקייט איז געשטראָמען בלויז פון דער זון, און אויך פון דער מוטער, וועלכע איז געווען אין צווייטן באַראַק, הינטער די שטעכעדיקע דראָטן.

היינט, פונקט ווי נעכטן און אייערנעכטן, האָט ער געוואַרט אויף דער מינוט, ווען ער וועט זי קאָנען זען. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, און האַלטנדיק דאָס געזיכט אַנטקעגן דער זון, האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט אויף דעם הויף מיט פאַמעלעכע, כמעט זקנישע טריט.

די וואַרעמקייט פון דער זון איז געווען אַזוי צאַרט, ווי דער שמייכל פון דער מוטער אין יענע גוטע צייטן, ווען עס איז געווען אַ היים, ביכעלעך מיט בילדער, שמועסן מיטן טאַטן, און ווען מען האָט געקאָנט זיך צוטוליען צו דעם מאַמענס שלאַפראָק, וואָס האָט אַזוי אנגענעם געשמעקט מיט פיאַלקעס.

ער האָט ווידער אויפגעעפנט די אויגן. אויף יענער זייט פון די שטעכעדיקע דראָטן איז איצט געשטאַנען זיין מוטער. זי איז געווען באָרוועס, אין אַ קורץ קליידל מיט פאַסן, וואָס האָט איר געגרייכט קוים ביז צו די קניען.

די מוטער איז שוין נישט געווען ראָזעווע און שמעקעוודיק ווי אַמאָל — איר געזיכט איז געווען בלאַס און מאָגער, און אונטער אירע אויגן האָט מענדעלע געזען צוויי טונקעלע שאָטנס. אירע באַקן האָבן געציטערט, געציטערט האָבן אויך אירע ליפן — דאָס יינגעלע האָט פאַרשטאַנען, אַז זי באַהערשט, אַז זי פרווט צו באַהערשן איר געוויין.

ער האָט געוואָלט שמייכלען, ער האָט געוואָלט לאַכן, בכדי צו דערוועקן אַ געלעכטער אויף איר געזיכט.

— מאַמע — האָט ער געפליסטערט — זע, ס'אַרא שיינע זון מיר האָבן היינט...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן הימל און אַראָפגעלאָזט דעם בליק אויף דעם קאָפ פון קינד. זי האָט געזאָגט שטיל:

— דו ביסט מיין זון... — און אויף אירע ליפן האָט זיך באַוויזן אַ לייכטער שמייכל.

און ווידער האָבן זיי ביידע געשוויגן און געקוקט אויף זיך מיט אַנטציקונג און בענקשאַפט. זיי האָבן געהערשט איבער די טרערן, איבער דעם געוויין, וואָס האָט געשטיקט אין האַלדז, איבער דער בענקשאַפט און פאַרצווייפלונג.

— מאַמע, ווייסטו ווער עס האָט דיך אַזוי זייער ליב? — פונקט אַזוי פלעגט ער ביי איר פרעגן אין דער היים.

זי האָט אים געוואָלט ענטפערן: „מיין מענדעלע“ — אָבער דאָס איז שוין געווען איבער אירע כוחות. אירע ליפן האָבן ווידער געציטערט.

און ווידער:

— מאַמע, זע נאָר, דאָרט... בלימעלעך בליען...

זי האָט זיך אַנידערגעבויגן, בכדי אָנצורייסן עטלעכע געלע ווילדע בלימעלעך. אָבער מענדעלע האָט אַ געשריי געטאָן:

— מאַמע, מע טאָר נישט רייסן קיין בלומען. זיי לעבן דאָך...

איר האַנט האָט זיך אַ ווײַליע פאַרהאַלטן אין דער לופט, ווי א פאַר־שטאַרטע. דערנאָך האָט זי פאַרשטעלט די אויגן פונקט ווי צום ליכט־בענטשן, און האָט אויסגעבראָכן מיט אַ יאָמערלעך געוויין.

צומאָרגנס אינדערפרי איז די פרוי גוטמאַן אומזיסט געשטאַנען בײַם שטעכעדיקן דראָט. מענדעלע האָט זיך נישט באַוויזן. אַ דערשלאָגענע איז זי געגאַנגען צום אַפּעל.

ווען דער היטלעריסט האָט גענומען לייענען פון צעטל, איז איר נאָ־מען געווען צווישן די ערשטע. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף. אין דער ערשטער מינוט האָט זי עס אָנגענומען רואיק און כמעט גלייכגילטיק. קאַלט ווי אַ שטיין. זי האָט נישט געפילט קיין פּחד, און נישט געטראַכט וועגן טויט וואָס וואַרט איר. זי איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געטראַכט האָט זי וועגן מענדעלען, וואָס איז הײַנט צום ערשטן מאָל נישט אַרויסגעקומען אויפן הויף.

אַ מאָדנע אָנמעכטיקייט, ענלעך צו חלשות האָט זי אַרומגענומען. עס איז איר געווען קאַלט, קאַלט אין גאַנצן קערפּער, כאָטש די זון האָט געוואַרעמט ווי געוויינלעך אין חודש תמוז.

זי האָט דערפילט לעבן זיך עמעצנס פליסטער:

— זייט שטאַרק, שרעקט אײַך נישט, גאָט וועט אונדז נישט פאַר־לאָזן...

זי האָט נישט געוואָלט קיין טרייסט און אויך נישט קיין מיטלייד. אויף דעם האַזיקן אָרט זענען אַלע ווערטער געווען זינלאָז און נישט פּאַ־סיק. און וועגן וואָס פאַר אַ גאָט דערמאָנט מען דאָ איר?

פון דער צווייטער זייט לאַגער האָט זיך געטראָגן אַ רויך, מינוטנ־ווײַז אַ דינער און כמעט דורכזיכטיקער, מינוטנווײַז אַ שווערער און שוואַר־צער — אַ פינצטערע וואָלקן.

וווּ איז מענדעלע? פאַרוואָס איז ער נישט געקומען?

זי האָט געקלעטערט איבער דעם שטיינערדיקן וועג, באָרוועס, ווי אַ שיכורע. און געפילט האָט זי בלויז יענע אויסטערלישע קעלט, וואָס האָט זי אַרומגענומען דורך און דורך.

זי האָט געטראַכט וועגן קינד. קאָן זײַן, אַז אין אַ שעה אַרום, אָדער אין צוויי, וועט זי אויפהערן צו עקזיסטירן, צו דענקען, זי וועט אויפהערן

ליידן. האָט זי געוואָלט מציל זיין דאָס בילד פון איר זון, אַזוי לאַנג ווי עס וועט נאָר זיין מעגלעך. זי האָט געוואָלט טראַכטן בלויז וועגן אים, דער־וועקן אין זכרון זיין שמייכל, זיינע ווערטער — זיינע לעצטע ווערטער, און אויך יענע ערשטע, וועלכע ער האָט אַרויסגערעדט ווען ער איז נאָך געווען גאָר קליין. זי האָט געפילט דעם גערוך און וואַרעמקייט פון זיין לייב, די ווייכקייט פון זייַע האָר, די זיסקייט פון זיינע ליפּן און דעם זיסן ריח פון זיין אָטעם. זי האָט מיט אים געוואָלט רעדן אין די מחשבות. אַנדערש וואָלט יעדע רגע געווען אַ פאַרלוירענע, אַנדערש וואָלטן די דאָ־זיקע לעצטע שעהן געהאַט קיין שום זין, קיין שום אינהאַלט.

פאַרוואָס איז מענדעלע נישט געקומען? איז ער קראַנק? ער איז שטענדיק געווען אַזוי שוואַך. און אַזוי שעמעוודיק איז ער געווען. נאָר ביי דער מוטער, נאָר אונטער אירע פליגל האָט ער זיך געפילט זיכער.

עס האָט זי באַהערשט אַ ווילדער פּחד. זי פילט, אַז מענדעלע איז אין געפאַר. עס דערגייען צו איר די געדאַנקען פון איר קינד. מענדעלע וויינט איצט. זי זעט זיין פּנימל, זיינע ליפּן פאַרקרימטע אין געוויין, זי הערט זיין געשריי, זי זעט זיינע הענטלעך, וואָס ציען זיך צו איר נאָך הילף. איר דמיון איז פול מיט קלאַגעז. זי וויל שרייען, שרייען ביז צום משוגעת, טויב ווערן פון דעם דאָזיקן געשריי, און ווידער שרייען, אַז טויב ווערן זאָל די גאַנצע וועלט.

און אויב מענדעלע וועט מאָרגן ווידער קומען? ער וועט זיך אַרומקוקן מיט זיין אומעטיקן, בענקענדיקן בליק. מיט דעם פאַרצווייפלטן בליק פון אַ קינד, וואָס איז איינזאַם צווישן שטעכל־דראָטן. איר מענדעלע... און ווו וועט זי דעמלט זיין?

און ערשט אין דער דאָזיקער מינוט האָט זיך אין איר דערוועקט אַ גרויסער ווילן[*] פון לעבן, אַ דערוואַרטונג פון אַ נס — ל ע ב ן, לעבן כאָטש איין טאָג נאָך, בכדי צו קאָנען זען דעם זון. דאָס אַלץ וואָס איז געווען פריער, האָט געדויערט אַזוי קורץ. דאָס אמתדיקע לעבן האָט זיך דאָך אָנגעהויבן, ערשט ווען ער איז געקומען אויף דער וועלט. מענדעלע. אַלץ וואָס איז געווען פריער אין שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן.

זי גייט אַ צעטומלטע, אירע פויסטן זענען פאַרקלאַמערט, און דער בליק שווימט איבער דעם פּלאַץ, איבער די באַראַקן, איבער די דראָטן.

שרעקלעך איז דער אומזין פון דאָזיקן וועג. שרעקלעך איז די איינ־זאַמקייט פון דאָזיקן וועג. יעדער מענטש קומט אום איינזאַם. שרעקלעך

אין די שטילקייט. און אויך די קלאַנגען, די טריט, די קללות פון די דײַטשן.

— פאַרוואָס שווייגן מיר? — טראַכט מענדעלעס מוטער — פאַרוואָס שרייען מיר נישט? פאַרוואָס שפּײַען מיר נישט אין געזיכט פון די פאַרפאָלגער? פאַרוואָס זידלען מיר נישט? פאַרוואָס גייען מיר אַזוי געהאָרכזאַם און שווייגנדיק ווי די שעפּסן צו דער שחיטה? פאַרוואָס?

דאָס איז נישט געווען איר לעצטער וועג.

דער לאַגער אין מײַדאַנעק האָט באַדאַרפט צוצושטעלן אַ געוויסע צאָל פרויען צו דער אַרבעט אין דײַטשלאַנד. געווען איז עס דער איינציקער פאַל אין דאָזיקן גיהנום, פון וואַנעט — ווי די געסטאַפּאָ-לײַט פלעגן איראָניש שמייכלען — עס פירט בלויז איין וועג: דורכן קוימען.

די פרויען האָט מען אַרײַנגעפירט אין דעם „מעדיציניש" באַראַק. ביי אַ לאַנגן טיש זענען געזעסן עטלעכע אָפיצירן און דער קאָמענדאַנט פון לאַגער.

מען האָט נעבן זיי דורכגעפירט די נאַקעטע פרויען און זיי האָבן אָפּגעשאַצט די אַרבעטס-פעיקייט לויט דעם וווּקס און אויסזען. זיי האָבן אויסגעקליבן פרויען פעסט געבויטע, שיינע. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען מענדעלעס מאַמע.

מען האָט נאָך דערווייל נישט געוווּסט, ווען עס וועט פאָרקומען דער אַרויספאָר. די קאַפּאָ האָט געהאַלטן, אַז ערשט אין אַ וואָך אַרום.

מענדעלעס מוטער האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, בכדי צו געפינען זיך אַנטקעגן דעם באַראַק פאַר קינדער. אין בוזים האָט זי געהאַלטן איינגעוויקלט אין אַ שמאַטקעלע צוויי פּאָרציעס ברויט — פון נעכטן און היינט. זי האָט זיך געפרייט מיט דעם דאָזיקן אָפּגעשפּאָרטן ברויט, אין די געדאַנקען האָט זי געזען מענדעלען — ער וועט עסן. צוערשט וועט ער פּרוּוון זיך אָפּזאָגן, אָבער זי וועט אים איבערצייגן, אַז דאָס דאָזיקע ברויט האָט זי באַקומען אַ מתנה ספּעציעל פאַר אים.

אָבער דאָס ייִנגעלע האָט זיך נישט באַוויזן. האָט ווידער געקלאַפּט איר מוטערס האַרץ און עס האָט נישט געוואָלט פאַרנעמען די פינצטערע פאָרגעפילן.

זי האָט זיך אומגעקערט אין באַראַק. די קאַפּאָ האָט זי באַשאָנקען מיט אַ ווילדן בליק.

— ביסט ווידער געשטאַנען ביי די דראָטן?

און באַלד האָט איר עפּעס געריהרט, זי איז צוגעגאַנגען באַגעגנט צו דער פאַרצווייפלטער פרוי און נישט קוקנדיק אויף איר, אַ פרעג געטאָן.

— וועמען האָסטו דאָרט?

— מיין זון.

די קאַפּאָ האָט געקוקט אין אַ זייט, ווי זי וואָלט זיך שעמען, וואָס עס האָט זיך אין איר דערוועקט אַ פונק פון מענטשלעכקייט.

— וואַרט. איך וועל געווויר ווערן.

מענדעלעס מוטער האָט איר דערלאַנגט דאָס ברויט.

— דאָס איז פאַר אים.

עס איז פאַרביי אַ פערטל שעה, אפשר אַ שעה — אַן אייביקייט פון דערוואַרטונג און האָפענונג. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל פון באַראַק און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער וואַנט. זי איז געווען מיד און צעבראָכן.

נישט אויפהייבנדיק זיך פון אָרט, האָט זי דערזען פאַר זיך צוויי פיס, צוויי אויסגעגלאַנצטע שטיול פון דער קאַפּאָ.

— נעם — די קאַפּאָ האָט איר אָפּגעגעבן דאָס ברויט — נעם, מען דאַרף שוין נישט.

די פרוי אויף דער שוועל האָט לאַנג געשוויגן. דערנאָך האָט זי אַרויסבאַקומען פון האַלדז בלויז איין זילב:

— ווען?

— נעכטן.

זי איז אויפגעשטאַנען פון דער שוועל, אַ שטאַרע און בלינדע. זי האָט נישט געפילט און נישט געזען.

די קאַפּאָ האָט אַ ווייל דערזען צוויי פרויען, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער שוועל און צוגעהערט זיך צו זייער שמועס. ווי אַ ווילדע חיה האָט זי זיך אויף זיי געוואָרפן, געשלאָגן מיט שטעקן איבער די קעפּ, געשלאָגן מיט די פויסטן איבער די גלעט, אויסגעדאַרטע פּנימער.

ביים שטעכעדיקן דראָט, אַנטקעגן דעם אָרט וווּ עס איז צום לעצטן מאָל געשטאַנען מענדעלע, האָט איצט געקניט זיין מוטער. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי הערט זיינע ווערטער:

— מאַמע, רייס נישט די בלומען, זיי לעבן דאָך...

איינגעבויגן אין צווייען האָט זי געגומען רייסן מיט די וואָרצלען די דאָזיקע ווילדע געוויקסן, מיט די פינגער האָט זי געגריבלט אין דער שטיי,

נערדיקער ערד, בכדי עס זאָל דאָ נישט בלייבן קיין שפּור פון בלומען. און ווען זי האָט שוין דאָס באַוויזן צו טאָן, האָט זי זיך צעוויינט און גע־נומען שרייען מיט אַ שטים, אין וועלכער עס איז געווען דער כוח און דער טרויער פון מענטשלעכער פאַרצווייפלונג. עס האָבן זיך הורך איר געוויין דורכגעפלאָכטן ווערטער, פון וועלכע מען האָט געקאָנט פאַרשטיין בלויז איין געדאַנק:

— בלומען... צו וואָס בלומען?

אומזיסט האָט די קאַפּאָ געפּרווט זי באַרואיקן. די פאַריתומטע מוטער האָט נישט געפילט, אַז איבער איר רוקן וואַיעט דער שטעקן, זי האָט נישט געפילט קיין קלעפּ.

זי האָט געדריקט צו די ליפּן דאָס געלע בלימעלע, וואָס זי האָט אָקערשט מיט אַזאַ פאַרביסנקייט אַרויסגעריסן פון דער זאַמדיקער ערד פון מײַדאַנעק.

אַ דיאַלאָג אין פרימאָרגן

אין אַ פראָסטיקן פרימאָרגן זענען זיי געגאַנגען דורך די שטילע גאַסן פון דער שטאָט. זייער טראָט איז געווען אַ צוריקגעהאַלטענער, עס האָט זיך געקאָנט אויסוויזן — אַ שעמעוודיקער. זיי האָבן שטיל גערעדט איינע מיט דער צווייטער.

— העניע... — האָט געזאָגט דאָס מיידל מיט די בלאָנדע האָר, וועלכע האָט געהאַט אויף זיך בלויז אַ דין קליידל מיט קורצע אַרבל — מיר איז אַזוי קאַלט. אַזוי שרעקלעך קאַלט. דיר אויך?

— גיב מיר דיין האַנט — האָט געענטפערט איר חברטע — איך וועל דיך דערוואַרעמען.

— ניין, מיר איז קאַלט אינעווייניק. איך פיל מיך אַזוי, ווי דאָס האַרץ וואָלט אין מיר פאַרגליווערט געוואָרן.

— דאָס דאַכט זיך דיר נאָר אַזוי. — האָט געזאָגט העניע און געוויזן מיט דער האַנט אויף מזרח — זע, די זון ווייזט זיך שוין. ווען די זון וועט אויפגיין, וועט זיין וואַרעמער.

זיי זענען אַ ווײַלע געגאַנגען שווייגנדיק, זייערע טריט זענען געווען שטילע, ווייל זיי האָבן געטראָגן אויף די פיס זומערדיקע לייוונטענע שיכלעך אויף גומענע פּאָדעשוועס.

דערנאָך האָט דאָס בלאָנדע מיידל אָנגענומען איר חברטע ביי דער האַנט.

— העניע, וואָס זאָגסטו? ווען די זון וועט אויפגיין, וועט דאָך שוין זיין...

— מען דאַרף נישט! — האָט העניע איבערגעהאַקט די רייד — טראַכט נישט וועגן דעם און רעד נישט וועגן דעם.

העניעס שטימע איז געווען רואיק, פּונקט ווי איר טונקל געזיכט.

— איך האָב אַזוי מורא. עס איז מיר אַזוי שרעקלעך...

— זיי רואיק, דאָס וועט גאָרנישט ווי טאָן...

— איך וויל נישט! — דאָס מיידל מיט די בלאָנדע האָר האָט אָנגעהויבן וויינען.

— שריי נישט, רוזיע. דו ביסט דאָך נישט אַליין. איך בין דאָך מיט דיר.

זיי האָבן ווײַטער געשוויגן, פאַרזונקען אין די אייגענע געדאַנקען. און געדאַנקען זענען עס געווען כאַאָטישע, ווייל עס האָט אין זיי געוויטיקט דער באַוווּסטזיין, אַז די צייט איז געציילט אויף קליינע מינוטן, וועלכע וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן.

— וועגן וואָס טראַכסטו איצט? — האָט געפרעגט די בלאָנדע און אַליין געענטפערט — איך ווייס, וועגן וואָס דו טראַכסט. דו מיינסט, אַז איך האָב זיי אויסגעזאָגט. אַזוי מיינסטו דאָך, אמת?

איבער דעם טונקעלן געזיכט פון העניען איז פאַרביי אַן אומבאַמערקבאַרער שאָטן.

— פאַרוואָס פייניקסטו מיך, רוזיע? מיר זענען דאָך שטענדיק געווען ווי צוויי שוועסטער. ווייסט וואָס? ווען ער וועט נישט קוקן אויף אונדז דעמלט, בייג זיך צו מיר צו און גיב מיר אַ קוש. וועסט דאָס טאָן? אָ, איצט...

זיי האָבן זיך אָנגעבויגן צו זיך און אויף אַן אויגנבליק האָבן זייערע ליפּן זיך באַגעגנט.

— איך דאַנק דיר, העניע — האָט געזאָגט רוזיע — איצט בין איך שוין רואיקער. פאַרוואָס האָבן מיר זיך קיינמאָל נישט געקושט? ווייסט, וואָס איך האָב איצט געפילט? פונקט ווי דיין אָטעם וואָלט געווען מיין אייגענער אָטעם. ווי מיר וואָלטן ביידע געווען איין מענטש.

— באַלד וועט עס אַזוי זיין, רוזיעניו.

— איך האָב שוין איצט נישט אַזוי מורא... — דער פליסטער פון מיידל איז איצט געווען כמעט רואיק.

רוזיעס געדאַנקען האָבן געמאַכט אַ שפרונג אין אַן אַנדער ריכטונג.

— דו האָסט זיך ווען געקושט מיט אַ יינגל?

— ניין, דו ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט אַרומגעגאַנגען מיט קיין יינגלען.

— און איך האָב זיך געליבט אין דיין ברודער. אוי, ווען דו זאָלסט וויסן ווי איך האָב אים ליב געהאַט.

— פאַרוואָס האָסטו מיר קיינמאָל גאָרנישט געזאָגט?

— ער האָט אויך נישט געוווּסט. איך האָב דיך שטענדיק מקנא גע-

ווען, וואָס דו ביסט מיט אים אין איין שטוב. העניע... דו האָסט נישט קיין מורא?

— איצט איז שוין צו שפּעט. איצט האָב איך שוין נישט קיין מורא.

— און ווי מיינסטו? אפשר קאָן נאָך עפּעס געשען? — די פראַגע פון מיידל האָט נישט געהאַט קיין שום זין.

— יאָ — האָט געענטפערט העניע — עס קאָן נאָך געשען. זע, די זון איז שוין אויפגעגאַנגען.

רוזיעס העלע האָר האָבן איצט באַקומען אַ גילדענעם גיוואַנם.

— העניע...

— וואָס?

— גיי נישט אַזוי גיך, וועלן זיי אויך גיין פּאַמעלעך.

— גוט.

— העניע... איך מוז דיר דאָס זאָגן... דאָס האָב איך זיי דערציילט וועגן דיר. איך אַליין... די גאַנצע צייט האָב איך גאָרנישט געזאָגט, ערשט היינט אינדערפרי... ווען נישט איך, וואָלסטו איצט דאָ נישט געגאַנגען. העניע, דו הערסט מיך? פאַרוואָס זאָגסטו גאָרנישט? דאָס האָב איך גע־טאָן. איך האָב מורא געהאַט, איך האָב זייער מורא געהאַט צו בלייבן אַליין. צו גיין אַליין... און דו האָסט גאָרנישט געוווּסט.

העניע האָט אַ ציטער געטאָן.

— איך האָב געוווּסט. אָבער איצט טראַכט נישט וועגן דעם.

— איך בין אַזוי שלעכט. אַזוי געמיין. און צו וואָס האָט דאָס מיר געטויגט? מיר איז גאָרנישט לייכטער מיט דעם. מיר איז נאָך טויזנט מאָל ערגער. פאַרוואָס זאָגסטו גאָרנישט? פאַרוואָס שווייגסטו? דו ביסט דאָך בייז אויף מיר...

— ניין, רוזיע, אך בין נישט בייז. דו ביסט מיין קליין שוועסטערל.

— דו ביסט אַזאַ גוטע, ווייסט, איך וויל ביי דיר עפּעס פרעגן. נאָר זאָלסט מיך נישט אויסלאַכן. דו באַדויערסט נישט, וואָס דו האָסט נישט געהאַט קיין חתן? ווייל איך ווייס אפילו נישט וויאַזוי דאָס איז. איך בין שטענדיק געווען אַזוי קינדיש. פאַרוואָס זאָגסטו גאָרנישט? מיר מוזן איצט אַ סך רעדן. זעסט, זיי זענען גאָרנישט אַזוי שלעכט, זיי לאָזן אונדז רעדן. און איך האָב דיר נאָך אַזוויפיל צו דערציילן. און עס טוט מיר ווי, וואָס קיינער וועט אפילו נישט וויסן, וועגן וואָס מיר רעדן איצט און וועגן וואָס מיר טראַכטן. העניע, איך בעט דיך — זאָג מיר עפּעס. ווען דו

שווייגסט, האָב איך ווידער מורא און עס איז מיר ווידער קאַלט. אַז דו וועסט שווייגן, וועל איך אָנהייבן שרייען...

— גיב מיר די האַנט, איך וועל שוין רעדן. הערט. מאָל דיר אויס, אַז ערגעץ אין אַ שטוב שטייט אַ בעט. אַ געווייגלעך בעט מיט ווייסע קישנס. עס ליגט אַ פרוי, זי ליגט אין גרויסע ווייטיקן.

— זי וועט שטאַרבן? פאַרוואָס דערציילסטו מיר וועגן טויט?

— ניין, זי וועט נישט שטאַרבן. זי וועט האָבן אַ קינד. האָסט געזען אַמאָל אַ קליין קינד, וואָס איז ערשט געבוירן געוואָרן?

— קליינע קינדער זענען מיאוס.

— אָבער א יעדן טאָג ווערן זיי שענער. דאָס דאָזיקע קינד וועט זיך אַנטוויקלען. עס וועט לעבן. עס וועט זיך אויסלערנען רעדן. דו זעסט דאָס דאָזיקע קינד?

— ווען איך בין געווען קליין, האָב איך ליב געהאַט צו טראָגן לענטעס. דו געדענקסט, וואָסערע ציצפּ איך האָב געהאַט?

— כ'געדענק. אָבער היינט ביסטו שענער.

— אינדערהאמתן? — האָט זי זיך דערפרייט — אָבער היינט...

— דו האָסט אַזאַ שיינעם שמייכל, רוזיע... לאַך צו מיר...

— העניע, ווען דו רעדסט צו מיר, גלוסט זיך מיר וויינען. עס וואָלט מיר געווען לייכטער, איך זאָל דיר נאָך איין מאָל קאָנען געבן אַ קוש. דו האָסט מיר אַלץ מוחל געווען? דו גייסט דאָך איצט צוליב מיר. איך האָב מורא געהאַט צו גיין אַליין. ווילסט אַ שטיקל ברויט? איך האָב נישט באַוויזן אויפצועסן.

— עס אַליין, רוזיע, דו ביסט הונגעריק.

— ניין, אַז דו וועסט נישט עסן, וועל איך עס אַוועקוואַרפן.

— גיב. איך וועל עסן. ברויט וואַרפט מען נישט אַוועק. ברויט איז זיס.

— און ווען דו זאָלסט האָבן סם, וואָלסטו גענומען?

— ניין, ווען איך זאָל געווען נעמען סם, וואָלט איך דאָך איצט נישט געקאָנט גיין מיט דיר.

— דאָס איז מיין שולד.

— טראַכט נישט וועגן דעם. די הויפּטזאַך, אַז דו ביסט נישט אַליין. אַז מיר זענען נישט אַליין. צוזאַמען...

די שטאָט איז שוין איצט געלעגן הינטער זיי. אַרום האָבן זיך גע=

צווגן פעלדער און גערטנער, און אויפן נישט ווייטן האָריזאָנט האָט זיך געזען אַ טונקעלע פּאַסמע וואַלד.

רוזיע האָט אויפגעהויבן די אויגן.

— דאָס איז שוין דאָרט? העניע, דאָס איז דאָך שוין גאָר נאָענט. איצט קאָן שוין גאָרנישט געשען.

און ווידער:

— ווי מיינסטו? איך וואָלט אויך געקאָנט האָבן אַ קינד?

— אַוודאי, דו און איך... קינדער וועלן שטענדיק געבוירן ווערן.

— אָבער עס וועט שוין נישט זיין אַזוי ווי מיט אונדז?

— ניין, זיי רואיק.

— און איך... איך בין דאָך נאָך אויך אַ קינד... — האָט זיך געקלאָגט רוזיע — ער שטופּט מיך איך זאָל גיין שנעלער און איך האָב אַזעלכע שטאַרע פיס. איך האָב אפילו נישט געפילט, אַז ער שלאָגט מיך.

זיי זענען איצט געגאַנגען מיט אַ זאַמדיקן וועג צום בערעזעווע וועלדל, אין וועלכן עס האָבן זיך אַרומגעדרייט מענטשן — איינע פון זיי האָבן געקאָפּעט די ערד, אַנדערע האָבן פאַרגלייכט דעם באָדן.

רוזיעס פינגער האָבן אַרומגעכאַפּט העניעס אָרעם.

— דאָס איז שוין דאָ... איך האָב מורא. כ'וועל שרייען...

— פאַרוואָס ווילסטו שרייען? דיין מאַמע האָט אויך נישט געשריגן.

— און דערנאָך? וואָס וועט זיין דערנאָך? וועט עפּעס זיין?

— דאָס ווייסט קיינער נישט. אפשר וועט זיין, ס'וועט מסתמא עפּעס זיין.

— שטענדיק האָסטו געזאָגט, אַז ס'וועט גאָרנישט זיין, און איצט זאָגסטו אַנדערש. זאָג, אַז דו האָסט מיך ליב, העניע...

— איך האָב דיך ליב, שוועסטערל.

— דאָס איז שוין דאָ. די פּילסט ווי עס שמעקט?

עס האָט זיי אַרומגענומען דער אַראָמאַט פון וואַלד און פון פריש צעקאָפּעטער ערד. דער ווינט האָט אַראָפּגעטרייסלט פון די ביימער געלע און רויטע בלעטער און געטראָגן זיי צו די פיס פון די מיידלעך. זיי האָבן זיך פעסט געהאַלטן ביי די הענט, זייערע הערצער האָבן שטאַרק געקלאַפּט.

— וועגן וואָס טראַכסטו? זאָג גיכער...

— וועגן דיר און וועגן יענעם קליינעם קינד. און דו?

— איך ווייס נישט. וועגן מיין מאַמען. איך האָב אַזוי מורא. פאַר־

וואָס וועל איך קיינמאָל נישט האָבן קיין קינד? וואָס וועלן זיי איצט טאָן מיט אונדז? זאָג עפּעס, העניע... דו ביסט דאָך אַזאַ גוטע...

— רוזיע מיינע, מיין שוועסטערל... דו ביסט נישט איינזאַם. איך בין מיט דיר און איך האָב דיך ליב. דיך און דאָס דאָזיקע קינד וואָס איז געבוירן. ליב דו אויך, ס'וועט דיר זיין לייכטער.

אַ קליינע פּאַסמע פון פּיאָלעטן רויך האָט זיך אויפגעהויבן איבער דעם בערעזע וועלדל און איז באַלד צעשווומען אין לייכטן וואַרעמען ווינטל. אין דער לופט זענען אומרואיק אַרומגעלאָפן עטלעכע שוואַלבן.

— פאַרוואָס זאָל איך ליבן? — האָט געפרעגט רוזיע — און פאַרוואָס האָב איך געוואָלט זיין מיט דיר? דאָס האָט דאָך מיר גאָרנישט געהאָלפן. העניע! העניע! דו הערסט שוין נישט?

העניעס אויגן זענען געווען אָפן, פּונקט ווי זי וואָלט מיט זיי אַרומגענומען די גאַנצע שיין פון דער זון, וואָס איז געהאַנגען איבער דעם שיינעם גאָלדענעם האַרבסט.

אין בונקער

אַלע בליקן זענען געווען געוואָנדן אויף דער פרוי אולבאַך. אין בונקער איז געווען האַלב טונקל, אָבער זי האָט געפילט אויף זיך די דאָזיקע בליקן; קאָן זיין, אַז זי האָט זיי דערקענט אין דעם אויפגערעגטן שווייגן, וואָס האָט שוין געדויערט אַ לענגערע צייט, אפשר אַ שעה, אפשר צוויי.

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געוויגט דאָס קינד אויף דער האַנט. מינוטנווייז האָט זי דערנענטערט די ליפּן צו די ליפּן פון קליינעם מיידעלע, בכדי מיט אַ קוש צו שטילן איר געוויין. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דאָס קינד איז געווען רויט פון געשריי, זיין פּנימל איז געווען באַגאָסן מיט טרערן און שווייס, און יעדער קלאַנג פון דער קליינינקער ברוסט איז געווען ווי אַ שפּיז, וואָס דערלאַנגט אין האַרץ אַריין.

די פרוי אולבאַך איז געווען אויפגערעגט און אומגליקלעך. זי איז געווען בייז — בייז אויף דער גאַנצער וועלט און אויך אויף איר אייגן קינד. אויף איר קינד? זי האָט זיך פאַרשעמט. דאָס שווייגן וואָס האָט געדויערט אַרום איר, איז געווען אויסגעמאָסטן אַנטקעגן איר קליין טעכטערל. דאָס איז געווען איר קינד. י ע נ ע זענען געווען פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין. זייער פרעמדקייט איז געווען אַ דראָענדיקע. אַ געפערלעכע.

זי האָט שטאַרקער צוגעדריקט דאָס קינד צום האַרץ, דערנאָך האָט זי עס אַוועקגעלייגט אויפן בעט, און מיט אַ קאָץ צוגעדעקט זיך און די קליינע צוזאַמען. צו יענע פרעמדע מענטשן, וואָס זענען אירע שכנים און מיטאיינוווינער, איז דאָס געשריי דערגאַנגען שוין אַ ביסל שוואַכער. דערנאָך איז דאָס קינד מיד געוואָרן און איינגעשלאָפן.

דערווייל איז דער פאַרנאַכט געוואָרן געדיכטער און עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. די אויגן פון דער פרוי אולבאַך, צוגעוווינטע צו דער פינצטערניש, האָבן אַרומגענומען די מעליגע און אומגעקערט זיך צום קינד. עס האָט זיך געקאָנט אויסווייזן, אַז זי איז רואיק, אָבער דאָס איז

געווען א רואיקייט א געקינצלטע, א מכלומרשטע. זי האט געוווסט, אז איצט וועט זיך אנהייבן א שמועס מיט די איינוווינער פון בונקער, און געוואלט האט זי, אז עס זאל זיך אנהייבן וואס שנעלער.

זינט עטלעכע טעג איז די שטימונג דא געווען א מאדנע. א שטילקייט, נאך וועלכער עס קומט א געוויטער. די גאנצע פריינדלעכקייט וואס זי האט געפילט מצד די דאזיקע מענטשן, איז פלוצים פארשוווּנדן, פונקט ווי זי וואלט קיינמאל נישט געווען. אנטשטאנען איז א שעמעוודיקער אומחן, און באלד נאך איר — א שטילער פארביסענער האס.

— פרוי אולבאך — האט געזאגט דער יונגער ריימאן, וועלכער איז פאר דער מלחמה געווען אן אהוואקאט — מיר מוזן זיך מיט אייך דורכרעדן.

די שטימונג איז געווארן א געשפאנטע. אלע אנוועזנדיקע זענען געזעסן מיט אנגעשפיצטע אויערן, און דער פרוי אולבאך איז מיטאמאל געווארן זייער קאלט, כאטש אין בונקער איז אין אמתן געווען א היץ.

— ביטע — האט זיך אנגערופן די פרוי אולבאך — איך הארך אייך. זיי האבן געצעגערט.

— פארוואס רעדט איר נישט? — האט געזאגט די פרוי ריימאן, די מוטער פון דעם יוריסט — מען דארף רעדן אפענע דיבורים. הער דאקטער, אפשר איר?...

דער דאקטער קלעם האט אומגעדולדיק געשאקלט מיטן קאפ.

— פארוואס איך? איך בין דא דער עלטסטער און איך האב צום ווייניקסטן צום פארלירן.

— געוויס, געוויס — האט זיך איראניש צעלאכט דער אלטער נאגלער, א ייד, א ברייטפלייציקער מיט אן אויסזען פון א קצב — איר האט אזוי ווייניק צו פארלירן, אבער ערשט מיט א שעה צוריק האט איר געזאגט, אז איר זענט גרייט דאס צו טאן.

— איר זענט א שרעקלעכער מענטש — האט זיך דער דאקטער אפגעבייזערט — איר זענט א געמיינער מענטש, אן עם־הארץ זענט איר. אויב איך האב געזאגט, אז איך וואלט עס געקאנט טאן, זענען עס געווען טעארעטישע מעגלעכקייטן. איך האב בלויז געזאגט, אין וועלכע באדינגונגען איך וואלט עס געקאנט טאן, אבער איך האב נישט געזאגט, אז די דאזיקע באדינגונגען זענען גראד דא און גראד היינט. איר האט מיך

ניט פאַרשטאַנען און איך האָב בכלל נישט גערעדט מיט אייך רעדן וועגן דעם. איר זענט אַ געווינלעכער קצב, וועגן וועלכן די גמרא זאָגט: „טוב שבטבחים, שותף של עמלק...“

— הער דאָקטער — האָט זיך אַריינגעמישט די פרוי רײמאַן — איר דאַרפט אייך נישט אויפרעגן, איר ווייסט דאָך ווי זייער מיר שעצן אייך..

— איר האָט מיר געוואָלט עפּעס זאָגן — האָט דערמאָנט די פרוי אולבאַך.

— יאָ, איך האָב אייך געוואָלט זאָגן, אַז... — האָט פאַמעלער געצווגן דער יונגער רײמאַן — מיר האָבן געמאַן אַ גרויסן פעלער, אַריינגעמענדיק אייך אין אונדזער מעלינע. מיר האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון דער געפאַר, וואָס אייער אַנוועזנהייט שטעלט מיט זיך פאָר. איך פאַרשטיי און מיר אַלע פאַרשטייען, אַז איר האָט אַ קינד און אַז איר ליבט אייער קינד, אַזוי ווי אַלע מאַמעס ליבן זייערע קינדער. און איך אַליין — איך האָב אויך זייער ליב די קליינע, אַ פרעכטיק מיידעלע... איז... אַלס מוטער זייט איר גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאַר דער קליינער, כאָטש עס וואָלט געווען אַן אומזיסטיקער קרבן. אויב די דײטשן וועלן אייך כאַפּן, וועלן זיי אויך דאָס קינד אומברענגען. איך פאַרשטיי דאָס אַלץ און עס איז מיר זייער פּײנלעך מיט אייך וועגן דעם צו רעדן. אָבער איר מוזט אונדז אויך פאַרשטיין. פון אונדז קאָנט איר דאָך נישט פאַרלאַנגען קיין אומזיסטיקע קרבנות. מיר ווילן לעבן און דעריבער זיצן מיר אין דער דאָזיקער מעלינע. און אויב אייער קינד האָט נאָך ביז היינט נישט געבראַכט אויף אונדז קיין אומגליק מיט זיין געשריי — איז עס אַ נס...

דאָס, וואָס די פרוי אולבאַך האָט זיך געריכט, איז געשען — עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן. איצט איז ווידער געווען שטיל. אַ דערוואַרטונג.

זי האָט אָנגעטאַפּט אויפן טיש אַ גלעזל מיט וואַסער און באַנעצט די פאַרטרוקנטע ליפּן.

— וואָס זענט איר אויסן? — האָט זי געפרעגט — וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?

די אַלטע פרוי רימער איז אַראָפּ פון איר געלעגער, זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער פרוי אולבאַך און אָנגענומען זי ביי דער האַנט.

— איר מוזט אונדז פאַרשטיין און איר מוזט זיין שטאַרק. איר זייט נאָך אַ יונגע פרוי. ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועט איר נאָך האָבן קינדער. מיר טרייבן דאָך אייך נישט אַרויס, גאָר אין איצטיקן מאָמענט הענגט אונדזער לעבן אויף אַ פאָדים. איך בין דאָך אויך אַ מאַמע, איך האָב אַ זון. און אייער קינד...

— וואָס ווילט איר פון מיר? — האָט אויסגעשריגן די פרוי אולבאַך.

— פאַרוואָס ווילט איר נישט פאַרשטיין, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין אַנדער אויסוועג. עס איז גענוג. אויב עמעץ וועט הערן דאָס געוויין פון קינד, און שוין זענען מיר פאַרלוירן, איר האָט נישט קיין אַנדערן אויסוועג. אויב אפילו איר וועט זיך פאַסן אונדז צו פאַרלאָזן, וועט איר אויך ווייט נישט דערגיין...

ערשט איצט האָט זי פאַרשטאַנען קלאָר. זי האָט אויף זיי געקוקט אַ צעטומלטע, זי האָט אין דער פינצטערניש געזוכט זייערע פנימער, זייערע אויגן.

— מערדער — האָט זי געזאָגט שטיל, פאַרקלעמענדיק די פויסטן — אָרעמע מערדער.

— און איר? — האָט זי זיך געוואָנדן צום דאָקטער קלעם — איך קען דאָך אייך אַזויפיל יאָרן. איר זענט שטענדיק געווען אַ מאָראַליסט, אַ מענטש מיט ריינע הענט און מיט אַ ריינעם געוויסן. איר זענט געווען אַ קינדער-דאָקטער און וועגן מענטשלעכן לעבן האָט איר תמיד גערעדט, ווי וועגן אַ הייליקייט. און איצט... וועגן וואָס האָט איר גערעדט מיט נאַגליצן? וועגן וואָסערע טעאָרעטישע מעגלעכקייטן?

דער דאָקטער האָט זי געוואָלט אָננעמען ביי דער האַנט, אָבער זי האָט אים אַוועקגעשטופּט פון זיך.

— האָרכט מיך אויס — האָט געבעטן דער אַלטער מענטש — איך מוז אייך דאָס אויפקלערן...

— מערדער! — האָט געשריגן די פרוי אולבאַך — נאַרישע, אומגליקלעכע מערדער. במילא וועט דאָך קיינער פון אייך נישט בלייבן ביים לעבן, די דאָזיקע מעלינע גיט נישט קיין שום גאַראַנטיע. פאַרוואָסזשע ווילט איר דאָס טאָן? און ווען עס זאָל אפילו געלונגען — וויאַזוי וועט איר קאָנען לעבן, אויב מיין קינד וועט נישט לעבן? וויאַזוי?

דער דאָקטער קלעם האָט זיך צוגעשלעפּט צו זיין געלעגער און אני=

דערגעלייגט זיך מיטן פנים צו דער וואַנט. דער יונגער ריימאַן האָט נערוועז גערויכערט אַ פּאַפּיראָס. זיין מוטער האָט עפּעס שטיל געשעפּטשעט צו דעם אַלטן קצב.

די פרוי אולבאַך האָט זיך שווייגנדיק געפּאָרעט אין דער פינצטערניש. דערנאָך האָט זי פאַרהילט דאָס שלאָפנדיקע קינד אין א קאָץ, און נישט געזעגענענדיק זיך מיט קיינעם, האָט זי פאַרלאָזט דעם בונקער.

די טאָכטער

איך בין נאָך יונג, גאַנץ יונג, אָבער פרעגט נישט ביי מיר וויפל איך בין אַלט. נישט שטענדיק זאָגן די יאָרן עדות וועגן מענטש. איך בין יונג, אָבער קיינער פון אייך ווייסט נישט וויפל שווערע דערפאַרונגען עס הערדריקן מיין יוגנט.

מען זאָגט וועגן מיר אַזוי: „זי איז אַ ביסל ווילד. זי איז אַ ביסל מאָדנע. זי איז פאַרמאַכט אין זיך". אָדער: „זי איז מאָדנע ערנסט, צו ערנסט ווי אויף אַזאַ יונג מיידל".

הערנדיק אַזעלכע ווערטער, אויבערפלעכלעכע און באַנאַלע, שמייכל איך. וואָס קאָן דען איין מענטש ווייסן וועגן צווייטן? אַזוי אָפט זאָגן מיר אַרום באַנאַלע מיינונגען וועגן מענטשן, און אפילו ווען מיר אורטיילן זייערע טאַטן, טוען מיר עס אויך אויבערפלעכלעך, ווייל ווער האָט דען געדולד אָדער צייט — ווער האָט דען די פליכט צו גרייכן ביז צו די וואָרצלען פון טאַט? נישט יעדער פון אונדז איז דאָך אַ געלערנטער פסיכאָלאָג, אַ יוריסט, בכדי קאַלטבלוטיק און גענוי און לאָגיש צו אַנאַליזירן די מענטשלעכע טאַטן, זייערע גוטע און שלעכטע מעשים, זייערע רעטענישן... מיר זענען פשוטע מענטשן — איר און איך — מיר האָבן נישט קיין צייט, מיר האָבן נישט קיין פאַראינטערעסירונג, מיר האָבן נישט קיין האַרץ צו פרעמדע ענינים. נישט אַ יעדער איז געבוירן צו זיין אַ ריכטער.

און אויב אפילו דאָס האַרץ קלאַפט שטאַרק, שטאַרק און פיינפול, ווי מיין האַרץ אין יענע מינוטן, ווען איך קלער וועגן א י ר... צי קאָן איך, צי מעג איך זיין איר ריכטער.

זינט פיל יאָרן, זינט איך האָב אָנגעהויבן זעלבשטענדיק צו טראַכטן, שטעל איך מיר אָפט די זעלבע פראַגע: צי קאָן איך זיין איר ריכטער? צי קאָן איך בכלל פאַרשטיין, פאַרוואָס עס איז געשען אַזוי און נישט אַנדערש?

איך ליב זי, איך ליב זי און דערפאַר... דערפאַר לייד איך, דערפאַר זע איך זי בייטאָג אין חלום; צענדליקער מאָל, הונדערטער מאָל האָב איך זי געזען, געקושט אירע הענט, אירע ליפּן, אירע אויגן. אין קיינמאָל האָב איך נישט באַוויזן צו פאַרגעסן איר געזיכט. טייל מאָל ווען איך בין שוין מיד פון וויינען, מאַך איך צו די אויגן און זי קומט צו מיר, ווי דאָס ליכט פון טאָג. מיר קוקן אויף זיך שווייגנדיק. אין אירע אויגן לייען איך הונגער און דורשט, פּיין פון לעבן און פּיין פון טויט. זי קוקט אויף מיר און בעט ביי מיר מחילה. זי קוקט מיט אַנטציקונג — זי פרייט זיך מיט אונדזערע באַגעגענישן, וועלכע זענען נישט מער ווי אַ חלום. מיר באַטראַכטן זיך לאַנג, מיר צעשיידן זיך אין דער זעלבער מינוט, ווען דאָס האַרץ איז שוין פול מיט געוויין, ווען די טרערן אין האַלדז שטיקן, שטיקן... איך וועק מיך, איך ריר אָן מיינע באַקן ווו עס וואַרעמט נאָך מיין הויט איר קוש, און איך מאַך ווידער צו די אויגן, ווייל איך האָף, ווייל איך גאָר מיך, אַז עס וועט מיר געלונגען זי צו פאַרהאַלטן, צו פאַרהאַלטן...

אָבער דאָס איז נישט מער ווי אַ חלום. אין וואָר, אין דערווירקלעכקייט, האָב איך זי קיינמאָל נישט געזען. אַלץ וואָס איך ווייס וועגן איר, האָבן מיר דערציילט מענטשן, אייגנטלעך איין מענטש — די פרוי וועלכע האָט מיך דערצויגן.

. און דערציילט האָט זי מיר דאָס דעמלט, ווען איך בין שוין געווען גענוג גרויס צום פאַרשטיין, צום פאַרשטיין און צום פרעגן. אָבער אויך זי האָט נישט געוווּסט קיין סך פּרטים וועגן מיין מאַמען, און דאָס וואָס זי האָט געוווּסט, האָט זי שוין פיל מאָל פאַרגעסן אָדער גאָר פאַרענדערט.

איינמאָל האָט זי געזאָגט, אַז מיין מאַמע איז געווען אַ פּראָסטע אָרעמע פרוי, אַן אַנדערש מאָל — אַז זי איז געווען אַ שיינע. אַז זי האָט געהאַט אַן איידל געזיכט. אַז זי איז געווען לייכטזיניק. איך הערט — לייכטזיניק! פאַרשטייט זיך, אויב מען וויל קאָן מען אויך אַזוי זאָגן. איך האָב געגלויבט, אַז די אַלע מיינונגען זענען ריכטיק — און איך האָב געוווּסט, אַז אַלע זענען זיי אַ ליגנט.

איך האָב געוווּסט און איך ווייס ווער זי איז געווען. זי איז געווען אַ פרוי. זי איז געווען אומגליקלעך. זי איז געווען אַ מוטער. מעגלעך, אַז זי איז געווען אַ יידישע פרוי. דאָס דאַרף אייך אָבער נישט איבערשרעקן. האָרכט מיך אויס געדולדיק, אפשר וועט עס אייך צונוצקומען, אפילו אויב איר זענט נישט קיין ייד.

איך בין אַלט געווען צוויי יאָר, ווען זי איז פון מיר אַוועק. צו וואָסערע אויספירן קאָנט איר דערגייין מיט דער דאָזיקער פעסטשטעלונג? עס טרעפט, אַז מאַמעס גייען אַוועק פון זייערע קינדער, אײנע טוען עס צוליב ליבשאַפט, אַנדערע צוליב נויט, טיילמאָל צווינגט זיי דערצו אַן אומגליקלעכע ליבע, אָדער אַנדערע טראַגישע געשעענישן, וואָס אַנטוויקלען זיך ביי יעדן מענטשן אַנדערש. מיין מוטער איז פון מיר אַוועק גאָר אַנדערש. כאָטש עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך אין דעם דאָזיקן פאַל האָט געווירקט אויף איר עפּעס אַ געפיל, אַ גרויס געפיל, כאָטש איך קאָן עס נישט אָנרופן ביים נאָמען.

זי איז פון מיר אַוועק — דאָס איינע איז זיכער. אַלץ אַ חוץ דעם — זענען בלויז רעטענישן. צי האָט זי מיך געמוזט פאַרלאָזן? צי האָט איר געדראָט אַזאַ גרויס געפאַר, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין האָפענונג אויף אַן אַנדערער לעזונג, אויף אַן אַנדערן אויסוועג? די גוטע פרוי, וואָס האָט מיך דערצויגן, זאָגט, אַז מיין מאַמע האָט געהאַט האָר בלאָנדע ווי לײַן און בלויע אויגן, און אַז זי האָט אויסגעזען ווי אַ פּוילישע פרוי, כאָטש — לויט איר מיינונג — האָט זי אויך געקאָנט זיין אַ יידישע. אין יענע צייטן האָבן יידישע מאַמעס אָפּט אַוועקגעגעבן זייערע קינדער — זיי האָבן זיי איבערגעלאָזט ביי ווילדע. — עס האָט זיך געלאָזט. מיט האָפענונג האָבן זיי דאָס געטאָן, אָבער וויפל איז אין זיי געווען פאַרצווייפלונג און פחד? זיי האָבן גערעכנט אויף רחמנות, און טיילמאָל, טיילמאָל פלעגן זיי דאָס דאָזיקע מיטגעשלעפט געפיל באַגעגענען.

— מעגלעך, אַז זי איז געווען אַ יידישע — זאָגט מיין דערציערין — און אפשר איז זי געווען אַ פּוילישע, נאָר איר מאַן איז געווען אַ ייד. ווער קאָן דאָס וויסן?

אַן אַנדער מאָל זאָגט זי מיט אַ נאַאיווער זיכערקייט:

— דיין מאַמע איז נישט געווען קיין יידישע. זי האָט געהאַט אַזעלכע פּוילישע אויגן.

איך חזר איבער שטיל:

— זי האָט געהאַט פּוילישע אויגן... — און איך פאַרשטיי דאָס נישט. שטענדיק דאַכט זיך מיר, אַז די אויגן פון מיין מאַמען זענען נישט געווען פּוילישע און אויך נישט יידישע. זיי זענען געווען — פשוט שיין, שיינע אויגן — איז עס דען נישט גענוג?

איך טייל מיך אָפּ מיט מיין בענקשאַפט פון דער וועלט. איך זוך יענע

צוויי מענטשן, וואָס זענען אַ קורצע צייט געווען מיינע עלטערן. און וועלכע זענען אַוועק.

אין דעם זכרון פון מיין דערציערין איז פאַראַן אַ דאַטע: 15 אַפּריל 1943. ניין, נישט דעמלט בין איך געבוירן געוואָרן. דאָס איז געווען דער טאָג, ווען מיין מאַמע האָט מיך געבראַכט צו דער דאָזיקער גוטער פרוי און געפרעגט:

— אויב איך וועל זי דאָ איבערלאָזן... וואָס וועט איר מיט מיין קינד טאָן?

— מוזט איר זי איבערלאָזן? — האָט געפרעגט די פרוי.

— איך מוז — האָט מיין מאַמע געענטפערט.

— וועל איך טאָן אַזוי, ווי מיין האַרץ זאָגט מיר אונטער.

נאָך זעכצן יאָר קער איך זיך אום צו יענעם שמועס פון צוויי פרויען. צו יענער מינוט, ווען אייגע האָט איבערגעגעבן אירע פליכטן לגבי מיר.

— וויאַזוי האָט זי אויסגעזען? — פרעג איך אַלץ ווידער און ווידער.

— זי איז געווען זייער בלאַס. זי האָט אַזוי פאַרביסן די ליפּן, אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט זיך אויף זיי באַוויזן בלוט.

— און שפּעטער? — פרעג איך — וואָס איז געווען שפּעטער?

— דיין מוטער איז אַוועקגעגאַנגען. איך בין איר נאָכגעלאָפן, איך האָב ביי איר געוואָלט פרעגן וויאַזוי זי הייסט, און ווי דו הייסט... אָבער זי האָט זיך שנעל דערווייטערט. זי איז געלאָפן אין דער ריכטונג פון געטאָ. און איך האָב זיך דערמאַנט, אַז דו ביסט פאַרבליבן אַליין אין צימער — ביסט געלעגן אויפן בעט האַלב לעבעדיק. ביסט געווען מאָגער און קליין, ווי אַ ליאַלקע.

— און שפּעטער?

— שפּעטער האָב איך מיט דיר געהאַט פיל זאָרגן. ביסט געווען קראַנק. אַ לאַנגע צייט האָב איך דיך געמוזט באַהאַלטן פאַר שלעכטע מענטשן. האָסט געהאַט אַזעלכע שוואַרצע האָר... אונדזער לעבן איז שטענדיק געווען אין געפאַר. דיין לעבן און מיין לעבן...

— און זי? וואָס איז מיט איר געשען? וואָס האָט מיט איר געקאָנט געשען?

— איך ווייס נישט — ענטפערט די פרוי — איך ווייס דאָך נישט, ווער זי איז געווען. אפשר איז זי געווען אַ יידישקע, און אפשר נישט...

—און אויב יאָ...

— אויב זי איז געווען אַ יידישע... אפשר איז זי טאַקע צוריקגעגאַנ-

גען אין געטאָ. אין עטלעכע טעג אַרום איז דאָרט אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד.

אַזוי זאָגט מיין פּוילישע דערציערין. און איך...

ערשט נישט לאַנג האָב איך געזען אין קינאָ די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ. איך האָב געקוקט אויף דער דאָזיקער וויסטעניש און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך זע די שפּורן פון מיין מאַמעס טריט.

זוך איך זיי די דאָזיקע שפּורן, און איך פאַרגעס, אַז ס'איז אוממעגלעך זיי צו געפינען, ווייל שפּורן ווערן דאָך פאַרווישט און פאַרשוווּנדן.

איך האָב אַמאָל געפרעגט אַ וואַרשעווער אַרבעטער, צי ער האָט געזען, צי ער געדענקט דאָס קעמפנדיקע געטאָ. ער האָט מיך אַ ווײלע באַטראַכט פאָרשנדיק, אָבער מיינע שוואַרצע האָר האָבן אים אויפגעקלערט מיין פאַראינטערעסירונג. ער האָט געזאָגט שטיל:

— קיין סך האָב איך נישט געזען. איך האָב דעמאָלט געוווינט ווייט הינטער דער שטאָט. נאָר דאָס וואָס כ'האָב געזען לאָזט זיך נישט באַשרייבן. אין די לעצטע טעג פון אויפשטאַנד אין געטאָ האָבן מיך די דייטשן געכאַפּט צו דער אַרבעט. זיי האָבן מיך געפירט אין דער ריכטונג פון וואָקזאַל און פון דאָרט האָב איך געזען. נאָר איין מענטשן האָב איך געזען. איין פרוי. אויף אַ קורצע ווײלע האָט זי זיך באַוויזן אין די וואָלקנס רויך — זי איז געשטאַנען אויפן דאַך פון אַ הויז, מיט אָרעמס אויפגעהויבענע צום הימל. איך האָב נישט באַמערקט, צי זי האָט עפּעס געהאַט אין די הענט — אַ ביקס אָדער אַ גראַנאַט. מעגלעך, אַז זי האָט גאָרנישט געהאַט. און אונטער איר — איר האָרכט מיך? אונטער איר האָט געברענט, און די פלאַמען האָבן זיך געצויגן אַלץ העכער און העכער. איר האָרכט מיך נישט? פאַרוואָס וויינט איר?

איך האָב נישט געוויינט — איך האָב דערשטיקט אין האַלדז מיין געוויין. און שטיל, זייער שטיל האָב איך געפרעגט:

— און די האָר? די האָר... האָט זי געהאַט בלאָנדע האָר?

דער מענטש האָט געקוקט אויף מיר מיט רחמנות, דערנאָך האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם בליק.

איך האָב מיך פאַרשעמט און בין געלאָפן אַהיים. ווי אַ משוגענע בין איך אַריינגעפאַלן אין שטוב און טוליענדיק זיך צו, מיין איצטיקער מוטער, האָב איך געשריגן:

— מאַמע! מאַ—מע! מאַ—מע...

די פרוי, וואָס האָט מיר אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן, האָט מיט די

העניט פאַרדעקט דאָס פּנים. דערנאָך האָט זי מיך לאַנג געקושט און מיט א ציטערנדיקער שטימע האָט זי געזאָגט:

— דו ביסט מיינע, מיינע. איך האָב נאָר דיך, און דו האָסט נישט קיינעם א חוץ מיר. איך האָב דיך ליב און דו ווייסט וועגן דעם. און דאָך דאַרפסטו מיך נישט רופן מ אַ מ ע. דאָס דאָזיקע וואָרט ג ע ה ע ר ט איר, דיין אמתדיקער מוטער. זי איז געווען אומגליקלעך — וויאַזוי קאָן איך איר אַוועקנעמען דעם קלאַנג פון דאָזיקן וואָרט?

פּלוצעם דערוועקט זיך אין מיין מוח א פינצטערער גיפטיקער געדאַנק.

— זאָג מיר — דו האָסט זי אַרויסגעטריבן? דו האָסט זי אַרויסגעטריבן פון שטוב...

— קיינמאָל האָב איך קיינעם נישט פאַרטריבן פון מיין שוועל. דו באַליידיקסט מיך מיט אַזאַ חשד. קאָן זיין אַז זי האָט ג ע מ ו ז ט אַוועקגיין.

קאָן זיין. אפשר איז זי געגאַנגען צום טאַטן. אפשר איז ער געווען אין געטאָ. אפשר איז ער געווען איינער פון יענע, וואָס האָבן געוואָלט שטאַרבן אין קאַמף. אפשר.

אָבער זי — מיין מאַמע — זי האָט דאָך געקאָנט בלייבן. זי האָט דאָך מיך געליבט. געוויס האָט זי מיך געליבט. צי האָט זי אויסגעקליבן צווישן איין ליבע און דער צווייטער? זי האָט געליבט מיין טאַטן. אויך ער האָט מיך געמוזט ליב האָבן. אַלע טאַטעס האָבן ליב זייערע טעכטער. האָט זי אויסגעקליבן די שווערערע ליבע. אַזאַ ליבע וואָס פירט אויף דעם דאַך פון א ברענענדיק הויז אין געטאָ.

און אפשר איז זי נישט געווען צווישן די קעמפנדיקע. אפשר איז זי געלאָפן פון איין הויז צום צווייטן, בכדי צו טראָגן הילף פאַר די פאַרוואונדעטע און קראַנקע. אפשר האָט זי פון בראַנד אַרויסגעטראָגן קליינע קינדער, ענלעכע צו איר קינד, וואָס איז פאַרבליבן ביי א פרעמדער פרוי. קיינער ווייסט דאָס נישט, פונקט ווי קיינער ווייסט נישט פאַרוואָס מיינע אויגן זענען שטענדיק אַזוי רויט.

פאַרוואָס קאָן איך נישט געוווירווערן, וויאַזוי עס איז געשטאָרבן מיין מאַמע. צי איז זי געווען דורשטיק אין שעה פון טויט? צי איז זי געווען פאַרוואונדעט? צי האָט איר זייער וויי געטאָן? צי איז זי געשטאָרבן לעבן טאַטן, אָדער איז זי געווען אַליין? פאַרוואָס קאָן איך דאָס נישט געוווירווערן?

איך קען נישט איר נאָמען און איך קען נישט זיין נאָמען. איך ווייס

נישט, וויאַזוי זיי האָבן מיך גערופן. און מיינע באַקאַנטע און פריינד קאָנען נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס איך בין נישט אַזוי לוסטיק ווי זיי.

טיילמאָל פיל איך, ווי עס באַטראַכטן מיך נייגעריקע בליקן פון מענטשן, וואָס ווילן וויסן ווער איך בין. אין אַזעלכע מינוטן ציטער איך אויף און איך דערפיל אַ פחד. טיילמאָל פרעגט מען מיך:

— איר זייט אַ ייִדישע?

פאַרוואָס שטעלט מען גראָד מיר די דאָזיקע פראַגע.

איך שווייג, נאָר געוואָלט וואָלט איך ענטפערן אַזוי:

— איך בין די, וואָס איז אַלט זיבעצן יאָר און האָט שוואַרצע האָר און פאַררויטלטע אויגן. איך בין די, וועמענס מוטער האָט געהאַט האָר בלאָנדע ווי ליאָן און פוילישע אויגן. איך בין די. וועמענס מוטער האָט געזויגט אויף די הענט קליינע קינדער, וואָס האָבן געגוסן אין וואַרשעווער געטאָ, און אין אַלע געטאָס פון דער וועלט. איך בין די, וואָס קאָן נישט לאַכן אַזוי, ווי עס לאַכט געווייגלעך די יוגנט. איך בין די, וואָס איר מוטער האָט געמוזט אַוועקגיין. צי ווייסט איר שוין איצט ווער איך בין?

פאַרשטייט מיך גוט. ווען איך הער די פראַגע „ווער ביסטו?" — גלוסט זיך מיר שרייען הויך, אַז די גאַנצע וועלט זאָל הערן:

— הערט אויף! הערט אויף שטעלן אַזעלכע פראַגעס! צוליב אַזעלכע שאלות האָט מיין מאַמע געמוזט אַוועקגיין. פרעגט נישט ווער איך בין! צי איז נישט גענוג אַז איך בין אַ מענטש?

פרעגט נישט ווער איך בין. איך ווייס עס נישט און מיין גוטע דערציערין ווייסט עס אויך נישט. אפשר בין איך נישט קיין ייִדישע? מיין מאַמע האָט דאָך געהאַט בלאָנדע האָר און קיינער ווייסט נישט צי זי איז געווען אין געטאָ...

פרעגט נישט ווער איך בין. פרעגט נישט קיינעם, ווער ער איז. און אויב איר וועט באַגעגענען אַ מיידל, אַז ענלעכע צו מיר — געדענקט וועגן איר פיין און וועגן פיין פון איר מוטער. אויב עס איז אייך נישט שווער, קאָנט איר איר שענקען אַ שמייכל, אַ גוט וואָרט, אַ האַנט־דרוק. נאָר אויב דאָס וואָלט געווען פאַר אייך אַ טירחה — איז מינדעסטנס טוט איר נישט קיין שלעכטס...

מצבֿות

זינט אַ פּאָר טעג האָט מאַרקוס זיך אַרומגעדרייט אין דעם קליינעם גאַליציאַנער שטעטל, זוכנדיק אין אים אַן אָפּקלאַנג פֿון די אַמאָליקע, פֿאַרגאַנגענע יאָרן. אָבער דאָס שטעטל איז אים איצט געווען פֿרעמד. די גאַסן האָבן זיך אים אויסגעוויזן שמעלער און שמוציקער ווי אַמאָל, די הײַזער נידעריקער און נעבעכדיקער. עס איז געווען אומעטיק און פּוסט. מאַרקוס האָט אַרומגעבלאָנקעט מיט זײַנע אַלטע דערמאָנונגען, און יעדע דערמאָנונג איז פֿאַר אים געווען אַ קוואַל פֿון טרויער.

פֿיל שעהן האָט ער פֿאַרבראַכט אויף דעם אַלטן בית־עולם, וואָס איז על־פּי נס ניצול געוואָרן פֿון די היטלעריסטישע הענט. אַ הויכע מויער באַוואַקסן מיט ווילדן ווײַן האָט פֿון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט דעם דאָזיקן גאָרטן פֿון פֿאַרשטאָרבענע. דער בית עולם איז געווען פֿאַרוואַקסן מיט ווילדע קרײַטעכצער, ערטערווײַז איז שוין נישט געווען צו דערקענען, אַז אונטער די דערנער און גרעזער זענען פֿאַראַן קבֿרים. אָבער וווּ־נישט־וווּ האָבן נאָך צווישן די געדיכטע קאַלינע־צווײַגן געגלאַנצט גילדענע אותיות, אויסגעקריצטע אויף דעם איידעלן מאַרמאָר. באַזונדערס איין מצבֿה האָט אויף זיך געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט. דאָס איז געווען אַ סקולפּטור פֿון ווײַסן מאַרמאָר, וועלכע האָט פֿאָרגעשטעלט אַן אָפּגעהאַקטן שטאַם פֿון אַ בוים, מיט יונגע צווײַגעלעך און קנאָספּן, וואָס שפּראָצן אַרויס פֿון דער ערד. דער דאָזיקער דענקמאָל איז דאָ געשטאַנען נאָך פֿון פֿאַר דער מלחמה. וועגן וועמענס גורל האָט געטראַכט דער מצבֿה־קריצער, שאַפֿנדיק דעם דאָזיקן דענקמאָל?

נישט אויף אַלע מצבֿות זענען געווען קענטיק די אויסגעקריצטע אותיות. די צײַט האָט פֿאַרווישט פֿיל נעמען, דער מאָך האָט באַוואָקסן די אַלטע שטיינער, אויסגעקרישלטע דורך רעגנס און ווינטן. אויף אַנדערע קבֿרים איז אַפֿילו קיין שפּור נישט פֿאַרבליבן. דער צופֿעליקער דורכגייער וועט קיינמאָל נישט געוווּיר ווערן קיין שום פּרט פֿון דעם דאָזיקן פֿאַר־

שטאַרבענעם, וועלכער האָט אַמאָל געלעבט און געליטן, געלאַכט און געוויינט, געליבט און געהאַסט. זיין נאָמען איז פאַרווישט געוואָרן, זיין קבר האָבן באַדעקט ווילדע גראָזן, עס האָט אים אַרומגענומען די פאַרגעסנקייט.

מאַרקוס איז געשטאַנען צווישן די דאָזיקע פאַרוואָרלאָזטע קברים און געקוקט אויף די שוואַרצע שטאָלצע מאַרמאָר=בלאָקן מיט די גאָלדענע אויפשריפטן. אָ, יענע וועלן נאָך אין הונדערט יאָר אַרום פאַרבלייבן. אויב די פאַשיסטן האָבן נישט אויסגעברוקירט מיט זיי די גאַסן, וואָס קאָן זיי איצט נאָך דראָען.

אָבער צי קאָן ווען אַ קאַלטער טויטער מאַרמאָר=שטיין מציל זיין פון פאַרגעסנקייט? ווער וועט געדענקען די נעמען פון די דאָזיקע אויפשריפטן, אַז די זין און טעכטער פון די פאַרשטאָרבענע זענען פאַרברענט געוואָרן אין די אויוונס פון אָשוויענטשים און מיידאַנעק. און אַפילו די אייניקלעך, אַרויסגעריסענע פון די וויגעלעך און פון די מוטערס אָרעמס, זענען אויך אומגעקומען.

און דאָך זענען נישט אַלע קברים דאָ געווען פאַרגעסן און פאַרוואָרלאָזט. אין ווינקל פון בית=עולם, אין שאָטן פון אַ יונגער קאָסנע איז געווען איין קבר זאָרגעוודיק אַרומגעפלאַנצט מיט בלומען. עמעצנס גוטע האַנט האָט זיך באַמיט, אַז קיין שום ווילד גראָז זאָל נישט פאַראומרייניקן דאָס דאָזיקע אָרט. קיין מאַרמאָר=דענקמאָל האָט דער דאָזיקער קבר נישט געהאַט. אויף אַ געוויינלעכן גענוג גרויסן שטיין, פון יענע שטיינער, וואָס מען באַגעגנט טייל מאָל ביים ברעג פון טייך, זענען געווען אויסגעקריצט מיט לאַטייניש בוכשטאַבן אין דער פוילישער שפּראַך די ווערטער:

מ אַ ק ס   ל אַ נ ד ו י
געשט. דעם 3 סעפּטעמבער 1938
אין ליבע איז אונדזער אומשטערבלעכקייט...

יעדן טאָג האָט מאַרקוס באַטראַכט דעם דאָזיקן אויפשריפט, און אויך די בלומען — טעגלעכע בלאַסע פיאָלקעס און אַ ריי בלויע בלימעלעך, וואָס מען רופט זיי „פאַרגעס מיך נישט“.

שוין לאַנג איז ער דאָ געזעסן ביים קבר פון זיין מוטער — עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אין דער שטימונג פון שטילן פאַרגעסענעם בית=עולם דערנעענטערן אים צו דער מוטער זיינע דערמאָנונגען און זיין בענקשאַפט. ער האָט אַרומשפּאַצירט אויף די סטעזשקעס באַוואַקסענע

מיט קראָפּיווע און, זעענדיק די בלומען אויף דעם אומבאַקאַנטן מאַקס לאַנדוים קבר, האָט ער געפילט אַ גרויסע דאַנקבאַרקייט צו יענער אומבאַקאַנטער האַנט, וואָס האָט זיי פאַרפלאַנצט. ווער איז ער, דער אומבאַקאַנטער גערטנער — דעם פאַרשטאָרבענעמס אַ פעטער, אָדער אַ ברודער? און אפשר פשוט אַ געטרייער פריינד?

אין דעם פוסטן, האַלב־חרובן טהרה־שטיבל האָט מאַרקוס געפונען אַ פאַרזשאַווערטן עמער. פון יענער זייט מויער איז געווען אַ סאַזשלקע. פאַרנאַכט האָט מאַרקוס באַגאָסן די בלומען אויפן קבר פון מאַקס לאַנדוי. אָבער קומענדיק מאָרגן נאָכמיטאָג, האָט ער דערקאָנט, אַז אין זיין אָפּוועזנהייט איז שוין דאָ געווען אַן אַנדערער גערטנער — די ערד אַרום די בלומען איז געווען פייכט און פריש באַרירט.

איינמאָל אין אַ זונטיק, ווען מאַרקוס האָט זיך שוין געקליבן צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל און איז געקומען זיך געזעגענען מיטן שאָטן פון זיין מוטער, האָט ער באַמערקט, אַז די בלימען אויפן קבר פון מאַקס לאַנדוי זענען מסתמא זינט צוויי טעג נישט אונטערגעגאָסן — דער „גערטנער“ האָט זעט אוים נישט געהאַט קיין צייט פאַר זיין געוויקסן באַזוך. די דאָזיקע פעסטשטעלונג האָט מאַרקוסן באַאומרואיקט, אפשר איז יענער אומבאַקאַנטער מענטש קראַנק געוואָרן? אפשר האָט מיט אים פּאַסירט אַן אומגליק? אפשר האָט ער פאַרלאָזט דאָס שטעטל און די בלומען אויף מאַקס לאַנדוים קבר וועלן איצט פאַרוויאַנעט ווערן, אָפּשטאַרבן, און דער פאַרגעסענער בית עולם וועט פאַרלירן זיין לעצטן באַזוכער?...

צומאָרגנס איז מאַרקוס אויפגעשטאַנען פריער ווי געוויינלעך. ווען ער איז געקומען אויפן בית־עולם, איז נאָך געווען גאַנץ פרי, אויפן גראָז האָבן געפינקלט טראָפּנס טוי, כאָטש די זון איז שוין געווען הויך. ער איז געזעסן אַ לענגערע ווײַלע ביים קבר פון דער מוטער, דערנאָך האָט ער זיך גענומען באַגיסן די בלומען. ער האָט עס געטאָן מיט אַ מאָדנער, פאַר זיך אַליין אומפאַרשטענדלעכער פרייד.

— אַ גוט מאָרגן דיר, מיין פריינד... — מאַרקוסעס שטימע האָט מאָדנע געקלונגען אין דער אַרומיקער שטילקייט — צי איז דאָס נישט קאָמיש, וואָס איך האָב זיך צו דיר אַזוי צוגעבונדן? נישט צוליב די דאָזיקע געבעכטע בלימעלעך קום איך דאָך אויף דיין קבר. איך טו עס צוליב דיר, מיין ליבער... און איך ווייס אַפילו נישט ווער דו ביסט געווען ביים לעבן — אַ יונגערמאַן, צי אַ זקן... אויף דעם דאָזיקן שטיין, וואָס דינט דיר פאַר אַ מצבה, איז בלויז אויסגעקריצט דער טאָג פון שטאַרבן.

און איך מיין, אַז דאָס איז ריכטיק. וואָס באַדייט דען די דאַטע פון געבורט און אָנבליק פון טויט... דאָס וויכטיקסטע איז אָבער, אַז דו ביסט היינט דער גליקלעכסטער פון די אַלע, וואָס באַוויינען דאָס דאָזיקע טרויעריקע אָרט: מען האָט דיך נישט פאַרגעסן. דו ביסט נישט אַליין, אויף דיין קבר בליען בלומען...

ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם פאַרזשאַווערטן עמער און זיך אַנידערגעזעצט אַנטקעגן דער זון ביי דער וואַנט פון דעם האַלב־חרובן טהרה־שטיבל. עס איז געווען שטיל און וואַרעם. אַ גרענעצלאָזע רו האָט אָנגעפילט מאַרקוסעס האַרץ. זיין מוטער איז געווען נאָענט לעבן אים, ער האָט געזען פאַר זיך איר קבר מיט דער באַשיידענער מצבה, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעקריצט אַ זאַץ פון תהילים. וועמען נאָך האָט ער געהאַט אַ חוץ איר?

פּלוצעם האָט ער דערהערט טריט ביים טויער. ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, אַ פאַרגליווערטער אין דערוואַרטונג. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט פון אויפרעגונג. ער האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם — אָט וועט ער זען מאַקס לאַנדרויס פריינד...

זי האָט זיך באַוויזן צווישן צוויי רייען מצבות, מיט אַ בינטל ווייסע רויזן אין דער האַנט. ער האָט נישט געזען איר פּנים, ער האָט בלויז געזען אירע לאַנגע בלאָנדע האָר, אַראָפּשווימענדיקע אויף די אַקסלען; זי איז געווען אַ הויכע און שלאַנקע, אין אַ באַשיידן טונקל זומער־קלייד. ער האָט זי באַטראַכט — אַליין אַ נישט באַמערקטער. ער האָט געזוכט די שטריכן פון איר געזיכט — אַ נידעריקער שטערן, דינע ברעמען אונטערגעשטראָכענע מיט אַ בלייער, און רויטע, געשמינקטע ליפּן. זי איז נישט געווען קיין יונגע, נאָר אירע באַקע האָבן נאָך פאַרמאָגט אַ סך פרישקייט. איר פּנים איז געווען חנעוודיק, כמעט שיין.

זי האָט זיך אָנגעבויגן איבער מאַקס לאַנדרויס קבר, און זעענדיק אַז די בלומען זענען פריש באַגאָסן, האָט זי זיך אַרומגעקוקט. ווען זי האָט קיינעם נישט באַמערקט, האָט זי זיך אַ ווילע פאַרטראַכט און צוגעגאַנגען צום קבר פון מאַרקוסעס מוטער. דאָרט האָט זיך אויך געזען דער שפּור פון מענטשלעכע הענט. זי האָט צעטיילט דאָס בינטל בלומען און די העלפט אַוועקגעלייגט אויפן קבר.

אַ וואַרעם געפיל פון דאַנקבאַרקייט האָט אָנגעפילט מאַרקוסעס האַרץ. ער האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע פרוי פילט צו אים די זעלבע געפילן — אויך זי ווייסט וועגן זיינע שעהן, וואָס ער פאַרברענגט דאָ.

אויך זי פרייט זיך, וואָס דער אַלטער בית־עולם איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. יאָ, אויך זי זוכט דאָ שפּורן פון מענטשלעכע טריט, פון מענטשלעכע הענט...

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און איז צו איר צוגעגאַנגען. זי האָט אויף אים אויפגעהויבן דעם בליק, נאָר נישט געריקט זיך פון אָרט. אויף אירע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ לייכטער, וואַרעמער שמייכל.

— איר זייט אַ גוטער זון — האָט זי אים געזאָגט אין דער פּוילישער שפּראַך.

זי האָט נישט געוווּסט וויפיל ווייטיק אירע ווערטער האָבן אין אים דערוועקט. זי האָט פּלוצים דערזען טרערן אין די אויגן פון אַ מענטש, וועלכער האָט שוין נישט אויסגעזען אַזוי יונג און נישט אַזוי פּילבאַר.

ער האָט איר געוואָלט אָפּענטפערן מיט יענע ווערטער, וועלכע זענען געווען אויסגעקריצט אויף מאַקס לאַנדויס מצבה.

— אין ליבע איז אונדזער אומשטערבלעכקייט...

אָבער זיינע ליפּן האָבן אָנגעהויבן ציטערן פון געריהרטקייט.

זי איז צו אים צוגעגאַנגען, אים אַרומגענומען, אַזוי ווי אַ פרוי נעמט אַרום אַ וויינענדיקן מאַן אָדער ברודער. און זיי האָבן זיך געטוליעט צו זיך, ווי צוויי אומגליקלעכע באַשעפענישן, פאַרלוירענע אין אַ וועלט פון שוואַרצע מאַרמאָר־שטיינער און פאַרגעסענע קברים. זיי זענען געווען ווי יתומים, וואָס האָבן זיך ווידער געפונען אין אַ וועלט פון גרויסן טרויער.

די שוועסטער אַנאַסטאַזיע

זינט עטלעכע טעג האָט מאַרעק געהאַט פיבער. ער האָט געפילט, אַז די היץ ברענט אים דאָס פנים און די הויט פון גאַנצן לייב, און אינעווייניק ציטערט אין אים אַלץ פון אַ פראָסטיקער קעלט.

ווען אינדרויסן איז געווען וואַרעם, פלעגט ער אַרויסגיין אויפן הויף, זעצן זיך אונטער דער דרומדיקער וואַנט פון געמויערטן פאַרקן, אָנשפאַרן זיך אין די וואַרעמע ציגל און אָנשטעלן דאָס פנים צו דער זון. אָבער דאָס שוידערן האָט נישט אויפגעהערט, פאַרקערט — עס האָט זיך נאָך געשטאַרקט.

די אַלטיטשקע באַלעבאָסטע זייגע, די פאַני מיקושאָוואַ, איז לעבן אים אַרומגעגאַנגען און האָט אים באַדינט אַזוי ווי זי האָט געקאָנט.

ער איז געלעגן אויפן בעט, צוגעדעקט מיט וואַרעמע קאָצן און קאָלדרעס און אויך מיט אַ גרויסער פוכענער פערינע. דורכן פענצטער האָט זיך אַריינגעגאָסן די תמוזדיקע היץ, און ער האָט געפרירט און געציטערט פון אַן אינעווייניקסטער קעלט, פונקט ווי ער וואָלט געזעסן אויף אַן אייזבאַרג. ער האָט זיך געטרייסלט, דאָס בעט האָט אונטער אים געסקריפעט און די פרוזשינעס פון מאַטראַץ האָבן געקלונגען ווי קליינע גלעקעלעך.

די פאַני מיקושאָוואַ פלעגט אַוועקלייגן איר האַנט־אַרבעט און לויפן אין דער קיך אַריין נאָך אַ גלעזל ליפעווע טיי, אָבער מאַרעק איז נישט אימשטאַנד געווען צו האַלטן דאָס גלעזל אין דער האַנט. די פאַני מיקושאָוואַ פלעגט זיך דאַן אַוועקזעצן אויפן ראַנד פון זיין בעט, אַרומנעמען אים מיטן לינקן אָרעם און מיט דער רעכטער האַנט האָט זי אים צוגעטראָגן צום מויל דעם הייסן געטראַנק. ער האָט געטרונקען, דאָס ציטערן האָט פאַוואָליע אויפגעהערט און פון דעם שטערן האָבן זיך געקייקלט גרויסע טראָפנס שווייס, די אַלטע פרוי האָט אים זאָרגעוודיק פאַרראַכטן די קישנס אונטערן קאָפּ, זי האָט אים וואַרעם אַרומגעוויקלט די פיס און ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

אין אַ שעה אַרום האָט ער זיך ווידער געוועקט, אינגאַנצן אַ נאַסער פֿון שווייס. און ווידער איז די באַלעבאָסטע אַרומגעגאַנגען לעבן אים, אָנגעריבן אים מיט עסיק, איבערגעטאָן אים אין אַ טרוקן העמד און געלופֿטערט אין פֿענצטער די גאַסע וועש.

די באַמיִונגען פֿון דער אַלטיטשקער האָבן אים געבראַכט אַ פֿאַרלייכטערונג, אָבער זיי האָבן אים נישט געקאָנט געזונט מאַכן. די הויכע טעמפּעראַטור פֿון לייב האָט זיך אַלץ ווידער און ווידער אומגעקערט.

ווען די אַלטיטשקע פֿלעגט אַרויסגיין פֿון שטוב איינקויפֿן, אָדער אין דער קירכע, איז שווער געווען מאַרעקן אָן איר אָנוועזנהייט, צו באַגיין זיך אָן איר הילף. זיין בליק האָט דעמלט אַרומגעבלאָנדזשעט אויף די ווענט פֿון צימער, אויף דעם געלן סופֿיט, וואָס איז געווען באַשפּריצט פֿון פֿליגן — און האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויף דעם קליינעם וואַזאָנדל מיט דער פּעלאַרגאָניע, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן פֿענצטער. ער האָט די דאָזיקע בלום אַנומלט געפֿונען אין הויף און האָט זי אַריינגעבראַכט אין צימער. די פּעלאַרגאָניע איז שוין געווען האַלב פֿאַרוועלקט, נאָר פֿון די וואָרצלען האָבן זיך אַרויסגעפּיקט יונגע קליינע קנאָספּעלעך, און מאַרעק האָט זיך יעדן טאָג געפֿרייט, באַטראַכטנדיק ווי דאָס קליינע שוואַכע געוויקסל לעבט אויף און אַנטוויקלט זיך.

פֿון דער גאַס האָט זיך געטראָגן דער שטאָטישער גערויש. מיט אַ טאַראַראַם זענען ערגעץ אין דער נאָענט פֿאַרבייגעפֿאָרן שווערע לאַסט-אויטאָס, עס האָבן געגרילצט און געקלונגען די טראַמווייען, מינוטנווייז האָט זיך דערהויבן איבער זיי דער קלאַנג פֿון די פֿאַבריק-סירענעס, אין הויף האָבן די פֿורמאַנעס געקנאַלט מיט די בייטשן און דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער ביים שכן האָט זיך געהערט ראַדיאָ-מוזיק.

דער קראַנקער מאַרעק האָט זיך איצט פֿאָרגעשטעלט, וויאַזוי עס זענען אויס די שטאָטישע גאַסן, אויף וועלכע עס באַוועגן זיך טויזנטער מענטשן. ער האָט געזען פֿרויען אין פֿאַרביקע זומערדיקע קליידלעך, מענער אין גרויע אַרבעטס-קאָמבינעזאָנען — און ער האָט זיך געוואָלט געפֿינען צווישן זיי און לאָזן זיך מיטרייסן מיט דעם דאָזיקן שטראָם פֿון מענטשן — אומבאַקאַנטע, אָבער דאָך נאָענטע, אויף אַ געוויסן אופֿן נאָענטע. ער האָט געוואָלט געפֿינען זיך צווישן זיי, פֿילן זייער אָנוועזנהייט, הערן זייער לאַכן, באַטראַכטן דעם אויסדרוק פֿון זייערע פּנימער.

מאַרעק מאַכט צו די אויגן, עס מאַטערט אים דאָס קוקן אויף דער פּוסטער און מיאוסער וואַנט אַנטקעגן דעם בעט. אָט די פֿאַרשאָלטענע

וואַנט פאַרשטעלט אים אַלץ. ווען נישט די וואַנט — וואָלט ער איצט אַרויסגעגאַנגען אין דער גאַס, אָדער אַרומשפּאַצירט אין פּאַרק.

דורך זיין צעהיצטן מוח לויפן געשווינד אַדורך פאַרשיידענע געדאַנקען: ער וואָלט זיך איצט אַוועקגעלייגט ערגעץ אויפן גראָז; אונטער אַ ברייטן בוים און וואָלט פון אונטן באַטראַכט די צווייגן. עס מוז מסתמא זיין זייער אינטערעסאַנט צו קוקן פון אונטן ווי דער ווינט וויגט די בלעטער, איבער זיי שווימען די וואָלקנס און נאָך העכער איז דער הימל, דער בלויער און ווייטער. ווען מען ליגט אַזוי פאַרקוקט אין דער גרינקייט פון דער וועלט און אין דער בלויקייט פון הימל, דעמלט פילט זיך דער מענטש אַ גוטער און ריינער. עס וויל זיך דאַן אויפשטיין און צוגיין צום ערשטן באַגעגנטן דורכגייער און זאָגן אים: ברודער, זע, ווי דאָס אַלץ איז שיין. ער, ברודער, עס איז כדאי צו לעבן. אָבער אונז איז שווער צו לעבן אין דער איינזאַמקייט, אונז איז שווער זיך צו באַגיין אָן פריינדשאַפט. דעריבער — גיב מיר דיין האַנט. מיר זענען דאָך ביידע — מענטשן, און איך — זעסטו, בין שוואַך און קראַנק, און איצט בין איך נאָך מערער איינזאַם, ווייל די פאַני מיקושאָוואַ איז געגאַנגען איינקויפן. איז לאָמיר ביידע זיין פריינד. זע, די יונגע פרוי, וואָס זיצט דאָרט אויף אַ באַנק — דאָס איז מיין שוועסטער. זי האָט שוואַרצע האָר און בלויע אויגן. זי איז אַזוי שיין. און דאָך איז זי נישט מיין שוועסטער, ווייל איך האָב קיינמאָל קיין שוועסטער נישט געהאַט. איך האָב געהאַט טויזנטער שוועסטער, אָבער איך האָב זיך קיינמאָל נישט פאַרטראַכט, צי זיי זענען שיין, אָדער נישט, צי זיי האָבן אויגן בלויע, אָדער שוואַרצע. מיר דאַכט זיך, אַז די ראָזיקע פרוי איז פונקט ווי איך — איינזאַם. זי וואַרט אויף מיר, מיר וואַרטן ביידע אויף זיך. און וויאַזוי הייסט זי? ער, נישט דאָס איז וויכטיק. זי קאָן דאָך דאָרט נישט זיצן אַזוי אַליין. אָט נעמט זי אַרויס אַ טיכעלע און ווישט זיך אויס די אויגן. וויין נישט, מיין ליבע. פאַרוואָס איז נאָך אַלץ דאָ אַזויפיל באַטריבטע מענטשן, וואָס וויינען? עס איז דאָך שוין אַזויפיל יאָרן נאָך דער מלחמה. פאַרוואָס וויינט זי?

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פערינע און איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט. אין דער זעלבער רגע האָט דער דיל זיך אָנגעהויבן וויגן אין איין זייט און אין דער צווייטער, די וועלט, אין וועלכער מאַרעק האָט זיך געוואָלט אָנשפּאַרן, האָט זיך גענומען אַוועקרוקן פון אים און דאָס מיידל פון פּאַרק האָט אַ געשריי געטאָן...

געווען איז עס דאָס געשריי פון דער פאַני מיקושאָוואַ, וועלכע האָט אין

דער מינוט אויפגעעפנט די טיר און האָט זיך געוואָרפן מיטאַרן מאַרצעלן, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד אַ פאַרחלשטער.

אַן אויטאָמאָביל פון רויטן קרייץ האָט אים איבערגעפירט אין שפּי־טאָל אַריין.

די קראַנקן־שוועסטער האָט אים געמאָסטן די טעמפּעראַטור פון לייב. וויפל? כמעט פערציק. שטערבן? ער האָט נישט געהאַט קיין שטערבן.

די געזיכט־שטריכן פון דער שוועסטער זענען זיך צעשווומען אין אַ נעפּל.

אַ ווייסע געשטאַלט האָט אָנגענומען מאַרצעלן ביים אָרעם און אַוועק־געפירט אים דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר, וווּ עס האָט געהערשט דער גערוך פון מעדיקאַמענטן און קאַרבאָל.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שוין געלעגן אויפן בעט. און ווידער האָט ער געפילט אין זיך די אויסטערלישע קעלט, דאָס בעט האָט צוזאַ־מען מיט אים געציטערט. די באַנע, מיט אַ מאָדנע נאָמען — אַנאַסטאַזיע, האָט אים געבראַכט אַליין בייזע קאַצן און צוגעדעקט אים און צוגעדריקט זיי צו זיין לייב. אָבער זי איז נישט אומשטאַנד געווען צו פאַרלעשן דאָס פייער, מיט וועלכן זיין פּנים האָט געברענט און אויך נישט צו הערוואַרע־מען אין אים די פרירנדיקע גלידערים.

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. זיין בליק איז איצט געווען מיד פון דעם זון־ליכט אין פענצטער און פון דער אידעאַלער ווייסקייט פון צימער.

די שוועסטער אַנאַסטאַזיע האָט געהאַלטן איר ווייבע האַנט אויף זיין פּולס און מיט אַן אָנגענעמער שטימע האָט זי צו עמעצן געזאָגט:

— אַ שווערער צושטאַנד...

דערנאָך האָט זי זיך דערווייטערט, דער שאָרך פון איר וויסן, אָנגע־קראָכמאַלטן פאַרטעך איז זיך צעשווומען אין דער שטילקייט פון שפּי־טאָל.

אויפן צווייטן בעט איז געלעגן אַ יונגער, אפשר צוואַנציקיעריקער פאַרשוין און האָט ענערגיש זשעסטיקולירט מיט די הענט. זיין אָטעם איז געווען כראַפּענדיק, זיינע ווערטער כאַאָטיש — מיט אַ הייזעריקער שטימע האָט ער גערעדט צו זיך און פון זיך. די אויערן האָבן ווי געטאָן, ווען מען האָט זיך צוגעהערט צו זיין פּלאַפּלען.

עטוואָס ווייטער — ווידער אַ בעט, אויף וועלכן עס זיצט אַן עלטערער מענטש מיט טיף איינגעפֿאַלענע אויגן, און מיט פֿאַרברענטע פֿון היץ ליפּן. ער האָט זיך געוויגט אין אַלע זייטן, מסתמא פֿאַר שוואַכקייט. אַ שוועסטער אין ווייסן פֿאַרטעך האָט אים אַרומגענומען מיטן אָרעם און צוגעהאַלטן זיין שמאָלע פּלייצע, ער זאָל זיך חלילה נישט איבערדרייען. דער קראַנקער האָט איצט אויסגעזען ווי אַן אומבאַהאָלפֿן קינד אין די זאָרגעוודיקע אָרעמס פֿון דער מאַמען. כאָטש דעם אמת געזאָגט, איז ער שוין געווען אַן עלטערער מענטש מיט גרויע שלייפֿן און מיט אַ באַלעבאַטישן פּליך. די דאָזיקע לאַגע האָט אָבער אָנגענומען אין אַ געוויסער מאָס אַ ברוטאַלן כאַראַקטער, ווען דער פּאַציענט האָט עפּעס געמאַכט נישט אַזוי ווי מען האָט באַדאַרפֿט און די ענערגישע פֿרוי איז געצוווּנגען געווען צוריקצוברענגען אים צום גלייכגעוויכט אויף דעם נאַכט־געשיר, אויף וועלכן ער איז געזעסן. זי האָט עס אַפּגים געטאָן נישט גענוג סובטעל און דער קראַנקער האָט אָנגעהויבן מאַכן יעלות.

פֿון דער שפּיטאָל־ווייסקייט, וועלכע האָט זיך מאַרעקן אויסגעוויזן ווי אַ נעפּל, פֿלעגן זיך דערנענטערן די דאָקטוירים און נאָנעס.

עטלעכע מאָל האָט מען אים געביטן די פֿאַרשוויצטע וועש, מען האָט אים אָנגעריבן דאָס לייב מיט קאַלט וואַסער און דאָס האָט אים אַ ביסל אָפּגעפֿרישט און אויפֿגעמונטערט.

מינוטנווייז האָט ער געדרימלט.

ווען ער האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן, איז איבער אים געשטאַנען אָנגעבויגן די נאָנע מיט דעם מאָדנע נאָמען אַנאַסטאַזיע. זי איז געווען גענוג הויך, מיט אַ קיילעכדיק און ראָזעווע געזיכט, מיט בלויע אויגן, בכבודיקע באַוועגונגען און מיט אַ ליבן פּראָוויאַנישן שמייכל. זי האָט אין זיך נישט געהאַט קיין שפּור פֿון יענער אויסערלעכער שטרענגקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר נאָנעס און מאָנאַכן. עס איז אָנגענעם געווען אויף איר צו קוקן, עס איז אָנגענעם געווען איר צו ענטפֿערן און אָפּצודאַנקען מיט אַ שמייכל — פֿאַר דער זאָרגעוודיקייט פֿון אירע הענט, וואָס האָבן אַזוי צאַרט געגלעט מאַרעקס געזיכט.

— לאָמיר האָפֿן, אַז היינט ביינאַכט וועט זיין דער קריזיס. מאָרגן וועט איר זיך שוין פֿילן בעסער — האָט זי געזאָגט — און אפֿשר דאַרפֿט איר עפּעס?

איך דאַנק אייך, שוועסטער. איך דאַרף בלויז אייער אָנוועזנהייט. דאָס מאַכט מיר גוט.

זי האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט מיט אַ פֿאָרוואָרף:

— און אַנדערע קראַנקע? איך וועל שפּעטער ווידער קומען.

און שוין איז זי געשוואומען ווייטער מיט אירע שטילע אומהערבאַרע טריט צו דעם צווייטן קראַנקן, וואָס איז געלעגן אָן באַוווסטזיין אויף אַ נאַסן ליילעך, ווייל די באַדינערין האָט נישט באַוויזן באַצייטנס אים אָוועקצונעמען אויף דעם נאַכט־געשיר. די באַדינערין איז איצט געשטאַנען אַ בייזע, אַן אויפגערעגטע. מיטן שפּיץ פֿון פֿאַרטעך האָט זי געראַמיעוועט די נאָז פֿאַר דעם שרעקלעכן געשטאַנק און שטילערהייט געשאָלטן די מיאוסע שפּיטאָל־אַרבעט.

די שוועסטער אַנאַסטאַזיע האָט זיך דערנעענטערט צו דעם קראַנקן און מיט איר געווייניקלעכן ליבן שמייכל האָט זי אים גענומען אַרומוואַשן און אַרומווישן אַזוי זאָרגעוודיק און פּעדאַנטיש, ווי עס טוט געווייניקלעך אַ ליבנדיקע און גליקלעכע מוטער, ווען זי באָדט און וויקלט איבער איר קינד.

אַזאַ איז געווען די שוועסטער אַנאַסטאַזיע.

קיינער האָט נישט געוווּסט, ווען זי שלאָפֿט. קיינער האָט נישט געוווּסט, ווען זי רוט. ביי טאָג איז זי געווען אויף איר נאָרמאַלער דינסט און האָט אַרומגעטראָגן אין די צימערן איר שמייכל און איר גוט וואָרט, וואָס האָט אויף יעדן איינציקן קראַנקן געווירקט ווי די רפֿואות.

אויך ביינאַכט פֿלעגט זי קומען צו די קראַנקע, וואָס האָבן געליטן אויף שלאָפֿלאָזיקייט. אָדער צו יענע, וואָס האָבן שטאַרק געפֿיבערט. זי איז נישט איינמאָל געלאָפֿן ביינאַכט אין דער קיך פֿון די נאָנעס און געבראַכט פֿון דאָרטן קריגלעך מיט קאַלטן זיסן קאָמפּאָט, אָדער מיטן זויער־מילך פֿאַר די דורשטיקע.

מען האָט דערציילט, אַז אין די ערשטע חדשים נאָך דער מלחמה האָט די שוועסטער אַנאַסטאַזיע אויסגעגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס זי האָט געהאַט באַהאַלטן אין אַ זאַק, נאָך פֿון די אַמאָליקע צייטן, אויף איינצוקויפֿן מעדיקאַמענטן פֿאַר די שווער קראַנקע און פֿאַרוווּנדעטע, וואָס האָבן דעמלט פֿאַרפֿילט דעם גאַנצן שפּיטאָל, און אַפֿילו די קאָרידאָרן.

עס פֿלעגן אָפֿט טרעפֿן, אַז מענטשן פֿאַרביטערטע, וואָס זענען אין לעבן שווער געפּרוווט געוואָרן — האָבן געקוקט אויף דער שוועסטער אַנאַסטאַזיע און געטראַכט:

— און דאָך זענען פאַראַן גוטע מענטשן אויף דער וועלט. אָט צום ביישפּיל — די שוועסטער אַנאַסטאַזיע...

מאַרעק האָט זיך געפילט ערגער. דער קריזיס איז נישט אָנגעקו־מען. די טעמפּעראַטור איז ווידער געווען אַ הויכע. בלויז אינטערוועני איז זי אַביסל געפאַלן. די מעדיקאַמענטן האָבן אים נישט געבראַכט קיין שום פאַרלייכטערונג און דער האַקטער איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט — ער האָט שוין נישט געגלויבט אין דעם אייגענעם דיאַגנאָז.

ביינאַכט האָט מאַרעק געהאַט אויסטערלישע האַלוצינאַציעס, וואָס זענען געווען פול מיט בילדער און קאָלירן, גערויכן און קלאַנגען. אין אַ פאַנטאַסטישער אומאָרדענונג, אויסמיידנדיק די כראָנאָלאָגיע פון גע־שעענישן און צייטן — זענען לעבן אים אויסגעוואַקסן געשטאַלטן, גוט באַקאַנטע, נאָר שוין לאַנג פאַרשטאָרבענע.

איינמאָל האָט זיך אים באַוויזן די מוטער, אַ פאַרזאָרגטע און מיט־פילנדיקע. זי האָט זיך איבער אים אָנגעבויגן, ער האָט זי געוואָלט פאַר־האַלטן ביי זיך, ער האָט צו איר אויסגעצויגן די הענט און אָנגעכאַפּט דעם בריעג פון פאַרטעך. ווען ער האָט אויפגעעפנט די אויגן, איז לעבן אים געשטאַנען — די שוועסטער אַנאַסטאַזיע, ווי תמיד — אַ הדרת־פּנימדיקע און אַ האַרציק גוטע.

— עס האָט זיך ווידער עפּעס געחלומט?

ער האָט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט דעם בריעג פון איר כאַלאַט מיט אַזאַ פרויער אויפן פּנים, ווי דאָס וואָלט געווען דער פאַרלוירענער בריעג פון האָפענונג.

און פּלוצעם האָט ער זיך צעלאַכט. עס האָט זיך אים פּשוט אויס־געוויזן קאָמיש, אַז ער איז אַזוי צעטרייסלט. עטלעכע טעג זענען ערשט פאַרביי זינט ער איז קראַנק געוואָרן, און וואָס איז מיט אים שוין געשען? ער, אַ דערוואַקסענער מענטש כאַפּט זיך אָן דעם פאַרטעך פון אַ נאָנע, ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרבענקט נאָך דער מוטער. צי איז דער דערוואַקסענער מענטש טיילמאָל אַזש אַזוי ענלעך צו אַ קינד? צי איז אַזש אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין מענטש די בענקשאַפט צו מוטערשע פליגל?

— באַלד וועט איר געזונט ווערן — האָט זי צו אים געזאָגט. פאַ־

ריכטיגדיק די קישנס. אָבער דאָס מאָל איז איר טרייסט נישט געווען אי־בערצייגנדיק.

— און אפשר וואָלט איר אייך מתוודה געווען? — האָט זי גע־פרעגט שטיל און מיט אַ טאָן פון בקשה.

— צי האָלט עס שוין אַזוי שלעכט מיט מיר? — האָט ער גע־פרעגט.

— ס'אַרע געדאַנקען, מיין ליבער... איר וועט באַשטימט געזונט ווערן, אָבער דער מענטש דאַרף שטענדיק האָבן אַלע זיינע ענינים אין אָרדענונג. בפרט די ענינים מיט גאָט...

— אָבער איך...

ער האָט נישט באַוויזן צו זאָגן דעם גאַנצן זאַץ. אין קאָרידאָר האָבן זיך שנעל דערהערט עמעצנס טריט. עס האָט זיך דערהערט אַ דע־ליקאַט קלינגען.

— זאָל געלויבט זיין יעזוס כריסטוס...

— נאַ וויעקי וויעקוו...

אין דער טיר פון צימער איז געשטאַנען דער קסיאָנדז מיט אַ ווייס ליטורגיש שאַליקל אויפן האַלדז. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, פרעגנדיק:

— וווּ איז דער אומגליקלעכער, וואָס דאַרף אַ גייסטיקע אונטער־שטיצונג?

מאַרעק האָט אויף אים געקוקט אַ פאַרגליווערטער פון איבעראַשונג. הייסט עס, אַז עס האָלט מיט אים שמאָל...

ער האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבן אויף די עלנבויגנס און שטיל געזאָגט צו דער נאָנע:

— שוועסטער אַנאַסטאַזיע, מיר האָבן קיינמאָל נישט גערעדט וועגן אַזעלכע זאַכן און איצט מוז איך אייך אַנטפּלעקן. איך בין אַ ייד...

די שיינע באַקן פון דער שוועסטער אַנאַסטאַזיע זיינען רויט גע־וואָרן. זי האָט עפּעס ביייז אַרויסגעשיפּעט דורך די ציינער.

דער גלח איז צוגעקומען צום בעט.

— דאָס איז דער?

אַ מינוט האָט געדויערט די שטילקייט.

— ניין. זאָל מיר דער קסיאָנדז אַנטשולדיקן. עס איז פאָרגעקומען אַ מיספאַרשטענדניש. דאָס איז אַ...

דער קסיאָנדז איז אַ ווײַלע געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַ ביסל ווי אַ פֿאַרשעמטער, דערנאָך האָט ער זיך איבערגעצלמט און ז׳איז אַרויסגעגאַנגען.

די נאָנע אַנאַסטאַזיע איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, וווּ עס איז געהאָנגען דאָס בילד פֿון דער הייליקער משפּחה, זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען, נידעריק פֿאַרבויגן דעם קאָפּ און געפּליסטערט תּפֿילות.

שפּעטער איז זי צוגעגאַנגען צו מאַרעקן און אויסמײַדנדיק זײַן בליק, האָט זי שטיל געזאָגט:

— זײַט מיר מוחל.

מאַרעקס שמייכל איז געווען אומעטיק, פּונקט אַזוי אומעטיק ווי איר פֿאַרוויטלט געזיכט. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר אַלץ אַרום האָט אָנגעהויבן באַוועגן זיך און שווינדלען. אַ גרויער נעפּל האָט אַרומגענומען דאָס צימער.

די נאָנע אַנאַסטאַזיע האָט אים נאָך אָנגעריבן די שלייפֿן און טאַפּנדיק זײַן אַלץ שוואַכערן פּולס, האָט זי שטיל און הייס מתפּלל געווען פֿאַר דעם געזונט פֿון אַ מ ע נ ט ש...

אונטערוועגנס

לאַסט־אויטאָס מיט מענטשן האָבן זיך גערוקט צו דער גרענעץ, צו דער מערבדיקער גרענעץ פון פוילן.

פּנימער באַדעקטע מיט שטויב, נישט ראַזירטע זינט פיל טעג, ערנסטע און פאַרמאַטערטע. אויגן אין וועלכע עס האָט זיך פאַרנעסטיקט אומעט און אומזיכערקייט. אפילו די בליקן פון קינדער זענען געווען מאָדנע טיפע און צו פרי דערפאַרענע. אָ, דאָס זענען געווען רייפע קינדער — זייערע אויגן האָבן שוין באַוויזן צו זען זאַכן, וועגן וועלכע עס האָט זיך אפילו נישט געחלומט זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס. די דאָזיקע קינדער האָבן נישט איינמאָל געהערט דאָס קנאַלן פון מאַשין־געווער, דעם קרעכץ פון גוססדיקע, און אַפילו דאָס וואָיען פון וועלף אין דער געדיכטעניש פון וואַלד. א טייל פון זיי האָבן געקענט דעם היפּנאָזירנדיקן קלאַנג פון וואָרט „יודע". — די ניפּטיקע, מיט האַס אָנגעזאַפּטע ווערטער „זשיד" און „זשידעק".

אָט פאָרן זיי — זיי פאָרן ווידער אין אַ ווייטן וועג, אין אַן אומבאַ־קאַנטער רייזע, באַוואָפנט מיט האָפענונג, גרייט ווידער אויפדאָסניי צו בויען זייער חרוב לעבן. זיי טרייבן פון זיך אַוועק דעם וויסטן פּחד פאַר נייע אַנטוישונגען, זיי פירן אויף מערב און אויף דרום זייערע אָפּגענוצטע רענצלעך, הילצערנע קופערטלעך, אָדער זעקלעך פון קראָפּיווע, אָנגעפילט מיט אָרעמקייט און געלאַטעטע מלבושים.

און נאָך פירן זיי מיט זיך: דאָס אומפאַרגעסלעכע בילד פון אַ לאַגד, אין וועלכן זייערע דורות האָבן געלעבט יאָרהונדערטער. נישט איין בילד — אַ פאַרביקע מאָזאַיק, די שענסטע פון אַלע בילדער, וועלכע זייער דמיון האָט ווען עס איז געקענט. עס זענען אין דער דאָזיקער זעונג געווען שטילע טייכלעך, באַדעקטע מיט גרינעם שליים, זילבערנע ווערבעס און שלאַנקע טאָפּאָליעס אויף וואונדערשיינע בוכיקע לאָנקעס, וווּ מען פלעגט געמיטלעך שפּאַצירן אין אַ זומערדיקן שבתדיקן נאָכמיטאָג; בית־עולמס, אויף וועלכע

די אַלטע מצבות זענען געווען באַדעקט מיט אַ דיקן שיכט פון סאַמעטע־נעם מאָך; איינגעהויקערטע הילצערנע בתי־מדרשים; שמאָלע געסלעך, ביי וועלכע עס זענען געקומען אויף דער וועלט, געלעבט און געשטאָרבן דורות פוילישע יידן.

מסתמא זענען צווישן די דאָזיקע וואַנדערנדיקע מענטשן געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געבענקט צום גערוך פון די פוילישע וועלדער, פון ליפּעווע בליטן און טרוקענעם היי. יידישע פּויערים פון די קאַרפּאַטן־בערג, מענטשן מיט צעפלאָשעטע בערד, בלויע אויגן און שאָרסטקע פויסטן.

זיי האָבן מיטגעפירט מיט זיך ניגונים, וועלכע האָבן זיי באַגלייט פון קינדהייט אָן, יידישע זמרלעך, אין וועלכע עס האָט זיך דערציילט וועגן אָרעמקייט און עשירות, וועגן דער גאָלדענער פאַווע, וועגן ראָזשינקעס און מאַנדלען און אויך וועגן האָפענונגען, וואָס זענען קיינמאָל נישט מקוים געוואָרן און פלעגן איבערגיין פון איין דור צום צווייטן.

און איבערגעלאָזט האָבן זיי אין דאָזיקן לאַנד פאַראיינזאַמטע קברים, הירבות פון הילצערנע בתי־מדרשים, אין וועלכע זיי האָבן זיך געפילט אַזוי נאָענט צו גאָט, און ווו זיי פלעגן איין מאָל אין יאָר, ערב־יום־כיפור, געבן זיך די הענט און בעטן ביי זיך מחילה.

זיי האָבן איבערגעלאָזט הייזער מיט פוסטע פענצטער. אפילו אין די שטאָטישע מיסט־קאַסטנס האָבן זיי איבערגעלאָזט זאַכן טייערע, זעלטענע אין ליבע: צעבראָכענע וויגעלעך און שפּילעכלעך פון קינדער, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין מיידאַנעק.

זיי האָבן דאָ איבערגעלאָזט זייערע הערצער און געחידושט האָבן זיי זיך, אַז די שפורן זייערע זענען נישט געצייכנט מיט בלוט פון אייגענע וונדן.

און זיי זענען געווען פאַרשעמט, וואָס אָט פאַרלאָזן זיי די ערד פון זייערע אבות, און די קברים פון זייערע נאָענטסטע, בכדי שוין קיינמאָל מער נישט קומען צו זיי. נישט געווען קיין פרייד אין דער דאָזיקער רייזע. מען האָט געדאַרפט האָבן אַ האַרץ פון אייזן, בכדי צו באַהערשן דאָס געוויין. וויפל טרערן האָבן זיי שוין פאַרגאָסן אין דאָזיקן לאַנד? און מיט טרערן האָבן זיי דאָס דאָזיקע לאַנד געזעגנט, פאַרלאָזנדיק זיין גרינע זוניקע לאַנד־שאַפט.

פאַרנאַכט זענען זיי אָנגעקומען אין לאַגער פאַר די „דיספּלייסיר פּערסנס". אין רויטן שיין פון דער שקיעה האָבן זיך געפאָרעט טויזנטער

מענטשן. אויף אַ גרויסן פּלאַץ זענען געשטאַנען עטלעכע באַראַקן פון פרישע, נאָך מיט וואַלד שמעקנדיקע ברעטער. די לאַסט־אויטאָס האָבן אַלץ ווידער און ווידער געבראַכט נייע מענטשן, צעחושטע און אומבאַהאָלפענע, שעמעוודיקע און צעשטרייטע, אויפגערעגטע. די קינדער האָבן געשריגן אין די אָרעמס פון די מאַמעס, און די פאַרזאָרגטע מענער זענען געלאָפן פון איין באַראַק צום צווייטן, זוכנדיק באַקוועמע ערטער. די פרויען האָבן פאַרלאַנגט געקאָכטע וואַסער, און די משרתים פון לאַגער האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן עולם, יעדן איינעם לייכטער געמאַכט דאָס האַרץ מיט די זעלבע אינפאָרמאַציעס, און באַמיט זיך צו שטילן דעם הונגער, דעם דורשט און די נייגעריקייט פון דער דאָזיקער גרויסער וואַנדערנדיקער געזעלשאַפט. עס איז געווען רויִשיק און עס האָט געזשומעט ווי אין טויזנט בינשטאָקן — צו פיל האָבן די מענטשן איבערגעלעבט אין די דאָזיקע טעג, בכדי צו קאָנען שווייגן.

אין די באַראַקן האָט אויסגעפעלט בעטן — זענען זיי געזעסן, אָדער געלעגן אויפן דיל, אַנדערע האָבן זיך געמאַכט אַ געלעגער אינדרויסן אויף דער אַרומיקער לאָנקע. דאָס איז נישט געווען קיין נייעס אין זייער לעבן — זיי האָבן דאָך איבערגעלעבט די יאָרן פון דער גרויסער מלחמה, די יאָרן פון גרויסן פּחד. און אפשר האָט זיך אין זייערע אָדערן דערוועקט דאָס בלוט פון די ביבלישע וואַנדערער?

אינמיטן באַראַק זענען געהאָנגען אויף לאַנגע דראָטן מאַטע עלעקטרישע לעמפּלעך. ביי זייער שוואַכער שיין האָבן מענטשן געגעסן, געוואַשן זיך, געטריקנט ווינדעלעך, געשלאָפן, אָדער אײַנגעהילטע אין דער האַלבטונקלקייט פון די אויבערשטע נאַרעס, זיך געליבט.

אַן אַלטע ייִדענע ליגט אויף אַ פעלד־בעטל. זי קוקט מיט מיטלייד אויף דעם דאָזיקן מענטשלעכן מוראַשניק. און זי זיפצט:

— גאָט מיינער, ווי אָרעם זענען די דאָזיקע מענטשן.

ביי אַ הילצערנעם שטענדער פון נישט געהובלעוועטע ברעטער איז געשטאַנען מיט פּנים צו מזרח אַן עלטערער ייִד אין אַ טלית און הויך אויפן קול געזאָגט די אָוונט־תּפילה. אַ כאָר פון אַן ערך צוויי צענדליק מענטשן האָט איבערגעחזרט וואָרט ביי וואָרט. און ווען זיי האָבן געענדיקט, האָט אַ רגע געהערשט אַן אָפּוואַרטנדיקע שטילקייט, אָבער קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. די שטילקייט האָט איבערגעריסן אַ כליפענדיקע שטימע פון אַ פרוי. זי אַז געווען אין די מיטלע יאָרן, מיט אַ טונקל אויסגעמאַטערט פּנים. זי האָט געהאַלטן ביי דער האַנט אַ קליין ייִנגעלע

פון אַ יאָר פינף, און איבערגעבויגן איבער זיין קעפּל האָט זי געזאָגט קדיש. דאָס ייִנגעלע האָט איבערגעחזרט יעדן זילב. זיין קולכל האָט לייכט געציטערט און ער האָט זיך געצאַפּלט ווי אַן איבערגעשראָקענער פויגל.

עס איז געווען אַ שלעכטע לופט אין דעם איבערפולטן באַראַק, דערי־בער האָבן די מענטשן זיך געשאַרט אַרויס, אויף דער לאַנקע, וואָס האָט זיך געצויגן אַרום.

אין דער טיר פון באַראַק איז געשטאַנען אַן אַלטער ייִד אין אַ געלאַטעטער קאַפּאָטע.

— שאָקאָלאַד ווערט איר נישט קויפן? — האָט ער געפרעגט.

— פאַר וועלכן געלט? — האָט עמעץ געפרעגט.

— ווייס איך פאַר וועלכן? אַלץ אייגנס. מעג זיין פּויליש. געלט איז געלט.

— איך האָב נישט קיין שום געלט.

— אַז איר האָט נישט קיין געלט, נאָך וואָסזשע פרעגט איר זיך? — האָט דער אַלטער ייִד אַ מורמל געטאָן און זיך אַוועקגעשלעפּט ווייטער.

און אָט זענען מיר שוין אינדרויסן.

אַ יונגער בחור מיט זיין כלה. ער טוליעט צו זיך איר אָרעם. זי איז עטוואָס נידעריקער פון אים. ער האָט אַראָפּגעבויגן דאָס פּנים איבער איר קאָפּ און באַרירט מיט די ליפּן אירע האָר. זי האָט דערפילט די דאָזיקע באַוועגונג און אויפגעהויבן צו אים דעם בליק, אין וועלכן עס איז נישט געווען נישט קיין שמייכל און נישט קיין פראַטעסט. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זאָגן מיט די אויגן: „פאַרוואָס מאַטערסטו דו מיך מיט דאָזיקן שווייגן? פאַרוואָס רעדסטו גאָרנישט?“

אינמיטן פון פּלאַץ האָט אויסגעשאָסן צום הימל אַ ביינטל פלאַמען אין רויטע פונקען. פון די באַראַקן האָבן זיך אַרויסגעשאַרט הונדערטער מענטשן און געלאָזט זיך אין יענער ריכטונג. דורך דעם גרויסן המון האָט מען נישט געזען מער, ווי די פלאַמען, וואָס האָבן זיך געריסן צום טונקעלן הימל. ביים פייער איז געווען שטיל, נאָר אין דער דאָזיקער מכלומרשטער שטילקייט האָט זיך געגנבֿעט געהערט דאָס געוויין פון אַ פרוי — צוערשט אַ שטיל געוויין, אַ שעמעוודיק און דערשטיקט — און באַלד האָט עס זיך געשטאַרקט און אַרויסבאַקומען זיך פון מיידלשן האַרץ מיט אַ באַפרייטער קראַפט.

עס איז נישט געווען קיין געוויין פון איין מענטש, נאָר אַ יאָמער פון אַ סך פרויען, אַ יאָמער פון אומעט און ווייטיק, אַ געוויין מיט וועלכן עס וויינען יתומים און אלמנות דעמלט, ווען זיי בייגן און ברעכן זיך אונטער דעם שווערן גורל, און אויך דעמלט ווען זיי האָבן נישט מיט וועמען צו טיילן זייער פרייד, ווייל זיי זענען איינזאַם און אַליין.

אַ מענערישע שטימע האָט בקול רם אַרויסגעזאָגט ווערטער און פּסוקים, וועלכע האָבן זיך פאַרלוירן אין געוויין פון הונדערטער מענטשן. און פּלוצעם האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פון געבראָכענע גלאָז־שערבלעך.

טויזנט מענטשן, באַשטראַלטע מיט דעם ליכט פון ברענענדיקן שייטער, האָבן פאַרצויגן דעם אַלטן ניגון, דעם אייניקן ניגון פון בטחון און האָפענונג. זיי האָבן געזונגען און געפּאַטשט אין די הענט און געקושט זיך, כאָטש קיינער פון זיי האָט נישט געקענט דאָס פּאָרפאָלק, וואָס האָט אָט דאָ גענומען חופּה וקידושין.

אוי, אוי, חתן כלה, מזל טוב...
אוי, אוי, חתן כלה, מזל טוב...

דערנאָך האָבן זיך געלאָזט הערן טענער פון אַ פידל, שטילע און צאַרטע, ווי די בענקשאַפט פון פאַרליבטע. עמעץ האָט געשפּילט אַ ליד — אַ ליד, וואָס האָט באַלויכטן די שוואַרצע נאַכט, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט איבער די באַראַקן פון וואַנדערנדיקע היימלאָזע מענטשן. וווהין האָט געפירט די בענקשאַפט פון יונגן שובערט? צו דער צוקונפט? אָדער אפשר צו די פאַרגאַנגענע טעג?

Leise flehen meine Lieder
durch die Nacht zu dir...

דער עולם האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין און פאַרשווינדן אין די טירן פון די געל־באַלויכטענע באַראַקן.

די נאַכט איז אַ וואַרעמע. איבער דעם אויסגעלאָשענעם פייער באַווייזן זיך אויפן הימל קאָנסטעלאַציעס שטערן. אויפן ליידיקן פּלאַץ פאַרבליבן צוויי שווייגנדיקע יונגע מענטשן. זייערע הערצער קלאַפּן שטאַרק. זיי זענען פאַרליבט. זיי זענען אַזוי איבערפולט מיט ליבע, אַז זיי זענען אימשטאַנד צו ליבן די גאַנצע וועלט...

רעגינע

.1

אכסניות איז אין יענעם שטעטל געווען א סך. אין יעדער אָרעמער שטוב האָט אַ גאַסט, אַן אורח, אָדער אַ רייזנדער, געקאָנט געפינען אַ נאַכטלעגער, און דערצו נאָך ביליק — פאַר אַ פּאָר גראָשן. מען האָט אייך דאָרט באַגעגנט פריינדלעך, מיט יענער יידישער נייגעריקייט, וואָס וויל אַלצדינג וויסן, און מיט יענער קליינשטעטלדיקער אָפנהאַרציקייט, וואָס איז שטענדיק גרייט אַלץ אייך צו פאַרטרויען.

עס איז געווען אין יענער צייט, ווען מיין אומגעדולדיקע יוגנט האָט מיך געטריבן פון איין אָרט צום צווייטן, פון איין שטאָט צו דער צווייטער. געטריבן האָט מיך דער הונגער — טיילמאָל דער פשוטער פיזישער הונגער, וואָס האָט אַ שייכות מיט די געדערים. אַן אַנדערט מאָל איז עס געווען אַ גאָר אַנדערער מין הונגער — די אויגן האָבן באַגערט צו זען וואָס מער נייע לאַנדשאַפטן, וואָס מער נייע מקומות, דאָס האַרץ האָט געבענקט צו נייע מענטשן, צו זייערע פרייד און לייד, צו זייערע געפילן וואָס זענען געווען ביי יעדן איינעם אַנדערש.

בין איך געקומען אין דאָזיקן שטעטל אין אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג. און איז האַרץ האָב איך געפילט אַ לייכטן אומרו — ווי געוויינלעך ווען אַ מענטש געפינט זיך אין אַ נייער שטאָט, ווען ער ווייסט נישט ווער און וואָס עס דערוואַרט אים דאָ, וואָס פאַרא סורפּריזן דער גורל האָט דאָ פאַר אים צוגעגרייט.

אין מיינע רייזעס האָב איך שוין געזען שטעט פאַרשידענע, מיט פאַרשידענע איינוווינער. פאַראַן, צום ביישפּיל, שטעט רוישיקע, און פאַראַן שטעט — שטילע, פאַרלאָזטע. איך בין געווען אין שטעט, וואָס האָבן זיך מיר אויסגעוויזן יונג און מוטיק. און אין אַנדערע — וועלכע זענען געווען אַלט און קראַנק. עס זענען דאָ שטעט מיט שיינע הייזער, אין וועלכע

עס לעבן רייכע צופרידענע מענטשן. שטעט מיט הויכע שפּיציקע קלויסטערס, מיט קלינגענדיקע טראַמווייען, מיט גערטענער אין וועלכע עס צוויטשערן די פייגל, מיט מאַרמאָרנע דענקמעלער פון גרויסע מענטשן. שטעט גיבורים.

און עס זענען אויך פאַראַן שטעט אין וועלכע די הייזער שטייען געבויגן ווי זקנים, די גאַסן און געסלעך זענען שמוציק און פול מיט בלאָטע, אין מיטן מאַרק פאַשען זיך דאָרט די קאָזעס, און אויף די שוועלן זיצן אַלטע ווייבער אין געצירעוועטע קאַפּטאַנעס און מיט מוטנע בליקן קוקן זיי צום הימל וואָס איז דאָרט אויך מוטנע און אומעטיק.

אויב איר וועט אין אַזאַ שטעטל באַגעגענען אַ קינד און פאַרבינדן מיט אים אַ שמועס, וועט זיך אויסווייזן, אַז אפילו דאָס דאָזיקע קליינע מענטשעלע איז שוין אויך צוגעשלאָגן און ערנסט — צו ערנסט ווי אויף זיינע יונגע קינדערשע יאָרן.

טייל מאָל באַווייזט זיך דאָ אַ פויעריש פורל, דעמלט לויפן זיך צוזאַמען מחנות קינדער, זיי רינגלען אַרום דעם פויער, זיי באַלאַגערן אים מיט זיין פורל און פערדל, און דער אָרעמער דאָרפסמענטש ווייסט נישט ווי־אַזוי פון זיי פטור צו ווערן.

אָבער נישט נאָר קינדער רינגלען אַרום דעם פויער. אויך די טאַטעס און די מאַמעס און עלטערע ברידער — זיי קומען אַרויס פון די שטוב: און קליטלעך, זיי לייגן אים פאָר צו קויפן שמירעכץ צום וואָגן, פערקאַלענע פאַטשיילעס מיט טערקישע בלומען, יוכטענע שטיוול, פאָווידלעם אויס פלוימען, אָדער מינדעסטנס אַ פאָר שנירבענדלעך אָדער אַ פּאָר לענטעס. זיי שטערן זיך קעגנזייטיק, זיי רייסן זיך אַרויס פון די הענט דעם אומגליקלעכן פויער, און ווען עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט בכלל נישט בדעה צו קויפן קיין שום זאַך, דעמלט קערן זיי זיך צוריק צו די האַלבלערע, טונקעלע קרעמלעך, אָדער זיי שטעלן זיך סתם אַוועק אינמיטן גאַס און זיי רעדן, זיי דרשענען, זיי ווינצלען זיך. וועגן וואָס? וועגן דעם, אַז דער טאָג איז היינט אַ וואַרעמער, כאָטש נעכטן איז געווען נאָך וואַרעמער. וועגן פרנסה. וועגן די געשעפטן, וואָס זענען שטענדיק געווען שלעכט, נאָר קיינמאָל נישט אַזוי שלעכט ווי אין די לעצטע צייטן. וועגן די שטייערן, וועגן די פאַרשאָלטענע פאָדאַטקעס, וואָס זענען תמיד געווען גרויס, נאָר קיינמאָל נישט אַזוי גרויס ווי היי־יאָר. און אויך וועגן דעם, אַז עס איז צו שלעכט בכדי צו קאָנען לעבן, כאָטש נאָך נישט אַזוי שלעכט בכדי צו מוזן שטאַרבן. אַזוי האָבן זיי געטענהט. און צוגעוואָרפן אַ ווערטל תורה

און אַ פּסוק גמרא — פּונקט ווי מען וואַרפט צו אַ פּאָר פּעטע גריוון צו אַ מאָגערער זופּ.

אַזוי פלעגט עס זיין אין יענע קליינע יידישע שטעטלעך, „פיר מייל הינטער לעמבעריק“. אַזוי איז עס אויך געווען אין יענעם קליינעם שטעטל, וועגן וועלכן איך וויל אייך דאָ דערציילן.

אָבער — שאַאַאַ... אַ גייע פּעחזאָן באַווייזט זיך אויף דעם שטעטלשן מאַרק־פּלאַץ, אַ נייער העלד. ער וווינט אין שענסטן געמויערטן שטאָקיקן הויז. ער האָט דאָס שענסטע געשעפט, ער איז אַ נגיד — הלוואי גיט אונדז גאָט דאָס, וואָס עס וואַלגערט זיך אויף זיין מיסטקאַסטן.

דער נגיד, לאָמיר אים אַ נאָמען געבן, למשל, צום ביישפּיל: זיס־קינד... — דער נגיד זיסקינד האָט זיך געלאָזט גיין אין דער מקווה אַריין, וויל דער טאָג איז אַ הייסער, און אויף אַזאַ בראַנד איז נישטאָ קיין בעסע־רע זאַך ווי אָפּצושווענקען דאָס לייב מיט קאַלט וואַסער. דער נגיד גייט פּאַמעלעך און בכבודיק דורך דער גאַס, אַלע קבצנים באַטראַכטן אים און שמייכלען צו אים — זיי שטראַלן ממש, זייערע אויגן לייכטן מאָדנע. אפשר שטראַלן זיי פון גליק? אוי, מענטשן, מענטשן, איר פאַרשטייט דאָך נישט דעם בייזן שפּיל. אַלע קרעמערס און שטעטל קויפן סחורה ביי זיסקינדן, זיי קויפן אויף קרעדיט, אויף נאמנות, און דעריבער מאַכן זיי אַ גוטע מינע צו דעם בייזן שפּיל, זיי ווילן איינרעדן דעם רייכן סוחר, אַז זייערע קליינע געשעפטלעך גייען גוט, אַז זיי האָבן פּרנסה בריווח, און אַז וועגן אַזעלכע בעלי־חובות ווי זיי זענען, דאַרף מען זיך נישט זאָרגן.

זיסקינד שווימט פאַרביי הדרת־פּנימדיק, ער וויגט זיך לייכט אויף זיינע קורצע פיסלעך, און דאָס פּעטע אַוועקשטאַרנדיקע בייכל שטערט אים אַביסל אין הילך. די מענטשן שמייכלען צו אים מיט חניפה.

— אַ גוט מאָרגן, פּאַניע זיסקינד!

— א, גוט מאָרגן, גוט מאָרגן. — ענטפערט דער נגיד — ווי גייען די געשעפטן? מען לייזט עפּעס, האַ?

— גאָט זיי דאַנק, גאָט זיי דאַנק... ס׳זאָל קיינמאָל נישט זיין ער־גער — פאַרזיכערן זיי מיט אַזאַ ברען, אַז אויף אַ קורצע ווייל גלייבן זיי אין דעם אייגענעם ליגנט.

און ווען דער רייכער באַלעבאָס דערווייטערט זיך, קוקן זיי אים נאָך, און זיי לאָזן אַראָפּ די קעפּ ווי אַלטע באַלעגאָלעשע פערד, און זיי זיפצן:

— אויף מיינע געשעפטן פרעגט ער. אזא יאָר אויף אים, הייליקער באַשעפער, אַזאַ יאָר אויף אים, וואָסערע געשעפטן איך מאַר. אַ בראַנד אים אין די געהירן...

עס איז יענע שעה, ווען אין שווערע גרויע וואָלקנס שטויב קומט אָן פון דער באַן־סטאַציע אַ באַלעגאָלעשער וואָגן, אַ פיאַקער. טרעפט מייל־מאָל, אַז ער ברענגט צו פירן אַ פרעמדן, אַ גאַסט אין שטעטל. רינגלט מען דעם גאַסט אַרום און פרייגדלעך רייסט מען פון אים שטיקער: פונ־וואַנעט און וועד? צו וועמען? אויף ווי לאַנג?

אין אויף די שוועלן שטייען מענטשן פאַרטראַכטע און וואַרטנדיקע — אויף וואָס וואַרטן זיי?

:2

איך בין געזעסן ביים טיש, געגעסן וועטשערע.

אין שטוב האָבן געבאַלעוועט קליינע קינדער. מאָרגנ — זייער מי־טער איז שוין געווען גראָ ווי אַ טויב, אירע פלייצעס זענען געווען איינגע־הויקערט און דאָס פנים פאַרקנייטשט. די קינדער זענען געווען בלאַסע און איינס פון זיי האָט פאַרדעכטיק געהוסט.

— פון וואָס לעבט איר? — האָב איך געפרעגט מיין באַלעבאָסטע.

— מיט גאָטס הילף... — האָט זי געענטפערט — אָט, היינט למשל... איך האָב היינט נישט געהאַט קיין שטיקל ברויט פאַר די קינדער. האָט מיר גאָט צוגעשיקט אייך...

— און וואָס וועט זיין מאָרגן?

— מאָרגן איז אַ יאָריד אין שטעטל. וועל איך אָנבאַקן אַ ביסל בייגל און אַוועקטראָגן אויפן מאַרק, וועל איך ווידער פאַרדינען אַ פאָר גראָשן. אָ, איר ווייסט גאָר נישט וואָסערע בייגל איך קאָן באַקן. זיי צעשווימען זיך אין מויל. איר וועט מוזן פאַרזוכן...

— נו, און איבערמאָרגן, וואָס וועט איר טאָן?

— פאַרוואָס פרעגט איר? איבערמאָרגן וועל איך פליקן פעדערן פאַר דער פרוי זיסקינד. זי מאַכט חתונה אַ טאָכטער. זינט מיין מאַן איז געשטאָרבן, פליק איך פעדערן פאַר דער פרוי זיסקינד. דאָס זענען זייער רייכע מענטשן.

— און ווייטער? — האָב איך געטראַכט.

— און ווייטער — האָט צוגעגעבן די פרוי — אויף ווייטער זאָל גאָט

זאָרגן. איך האָב שוין נישט קיין כּוח צו זאָרגן. קיין צרות פעלט ביי אונדז קיינמאָל נישט, אָבער שטענדיק גיט מען זיך אַן עצה. ביי אונדז איז, פאַרשטייט איר מיך, אַזוי. ס׳וועט אייך קיינער נישט העלפן איר זאָלט קאָנען לעבן ווי אַ מענטש, אָבער אומקומען וועט מען אייך אויך נישט לאָזן.

זי האָט זיך פאַרטראַכט, און דערנאָך צוגעגעבן:

— זאָל נאָר גאָט צושיקן אַ גוטן שידוך פאַר מיין רעגינען...

זי האָט זיך צעשמייכלט צו די אייגענע געדאַנקען, זי איז אין דער דאָזיקער רגע יינגער געוואָרן און שענער געוואָרן און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

— מיין רעגינע — האָט זי געשעפּטשעט — מיין זיס קינד...

— רעגינע איז אייער טאָכטער?

זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט פאָרוווּרף.

— איר האָט נאָך נישט געהערט וועגן מיין רעגינען? נו, יאָ, איר זענט דאָך ביי אונדז אַ פרעמדער... רעגינע לערנט זיך שניידעריי ביי דער בעסטער נייטאָרין אין שטעטל. אוי, ווען איר זאָלט זי זען, און ווען איר זאָלט וויסן, וואָס פאַר אַ קינד דאָס איז. גילדענע הענט האָט זי. אַ שאָד, אַז איר בלייבט דאָ נישט לענגער. אַזאַ קינד טרעפט מען נישט, ווען מען זאָל אויסגיין די גאַנצע וועלט...

לאַנג האָט זי גערעדט וועגן איר טאָכטער און איך האָב לויט אירע ווערטער געפּרוּווט פאָרצושטעלן זיך רעגינעס בילד.. אַ בלאָנדע איז זי, אָדער אַ שוואַרצע? מסתּמא אַ שוואַרציניקע, מיט שוואַרצע גלאַנציקע צעפּ, מיט טונקעלע אויגן און ווייסע, אָדער לייכט ראָזעווע באַקן. זי האָט וואַרשיינלעך אַ זיסן שמייכל און חן — דעם חן פון אומשולדיקייט, פון שעמעוודיקייט און באַשיידנקייט.

דערווייל איז צוגעפאַלן דער אָוונט. די באַלעבאָסטע האָט אָנגעצונדן דעם נאַפט-לאָמפּ און האָט גענומען גרייטן צום שלאָף די קינדער.

איך בין אַרויס פון שטוב. אויף דער גאַס איז געווען טונקל. בלויז אויף איין אָרט, ביים טויער פון זיסקינדס הויז האָט זיך געלייכט אַן עלעקטריש לעמפּל. דער צווייטער עלעקטרישער לאָמפּ האָט זיך געוויגט עטוואָס ווייטער — לעבן דעם אַלטמאָדישן ראָטהויז.

געמיטלעך האָבן איצט אַרומשפּאַצירט אויף דער גאַס עטלעכע ערגסטע באַלעבאַטים. זיי האָבן וואָס אַ מאָל זיך אָוועקגעשטעלט, און גערעדט האָבן זיי הייך און מיט איבערצייגונג, און אויף פאַרשידענע מע-

מעם, אָנהייבנדיק פֿון אַריסטאָטלען און ענדיקנדיק מיט דעם גרן פֿון זיסקינדס בת יחידה.

עטוואָס ווייטער פֿון די עלטערע זענען געגאַנגען יונגע בחורים, און באַזונדער — די מיידלעך, די שטעטלשע קראַסאַוויצעס.

ערגעץ פֿון אַ פֿענצטער האָט געבלעקעכצט אַ הייזעריקער גראַמאָפֿאָן. און כאָטש די עלטערע יידן האָבן בייז געקוקט אויף אַזעלכע קונצן ווי אַ גראַמאָפֿאָן מיט אַ זינגענדיקער נקבֿה, איז דאָך מיטאַמאָל געוואָרן פֿרייליכער. און ווען דאָס סענטימענטאַלע לידל האָט זיך פֿאַרענדיקט, האָט זיך דער עולם גענומען צעגיין, יעדער צו זיין מקום מנוחה. אין די שטובן, באַלויכטענע מיט דעם געלן ליכט פֿון נאַפֿט-לאָמפּ, האָבן מענטשן געדאַנקט דעם אויבערשטן פֿאַר דעם גרויסן און לאַנגן טאָג, פֿאַר דעם שווערן טאָג וואָס איז פֿאַרביי און פֿאַר דער נאַכט פֿון פֿרידן און אָפּרו.

איבער דעם מאַרק-פּלאַץ איז איצט געשוועבט אַ פֿרעכטיקע איינזאַמע לבֿנה. אין איר שיין האָבן די נידעריקע הייזלעך אויסגעזען ווי אַ קינסטלעריש אויסגעפֿירטע טעאַטראַלע דעקאָראַציע.

עס איז מיר געווען מאָדנע אומעטיק און שווער.

.3

איך האָב געעפֿנט די טיר און בין געשטאַנען אויף דער שוועל פֿיל לענגער ווי דאָס איז געווען נייטיק.

ביים טיש, אויפֿן זעלבן אָרט, וווּ איך האָב ערשט ניט לאַנג געשמועסט מיט דער באַלעבאָסטע, איז איצט געזעסן... יאָ, דאָס איז געווען רעגינע.

זי איז געווען פֿיל יינגער און שענער, ווי איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט. אירע לאַנגע העלע צעפּ האָבן אין שיין פֿון נאַפֿט-לאָמפּ אויסגעזען ווי אַ גאָלדענער שעמערירנדיקער שטראָם. די שטריכן פֿון איר געזיכט זענען געווען איידל ווי אויף אַ סקולפּטור פֿון די אַלטערטימלעכע גריכן.

אין דער ערשטער מינוט האָט זי מיך ניט באַמערקט. זי איז געווען אָנגעבויגן צו דער מוטער, אַרומגענומען זי מיט דעם אָרעם. אין די בליקן פֿון אירע גרויסע בלויע אויגן און אין דעם ליכטן שמייכל אויף אירע ליפּן איז געווען אַזויפֿיל צאַרטקייט, אַז מיין אָנוועזנהייט אין דער דאָזיקער מינוט האָט זיך מיר אויסגעוויזן ניט פּאַסיק, ניט דיסקרעט.

איך בין געשטאַנען אויף דער שוועל, געקוקט אויף די גרויע ווענט, אויף דעם טיש אָן אַ טישטעך, אויף די לאָמפּ בעקלער, אויף דעם שוואַרצן פּאַרצייטיקן אויוון אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַן איינציקער טאָפּ מיט דער וועטשערע. איך האָב באַטראַכט די פּאַפּירענע פּירהאַנגלעך אויפן פענצטער, און געקלערט האָב איך וועגן רעגינען — עס איז געווען אַזוי, ווי מען געפינט אַן איידעלע רויז אין שאָטן פון לאַפּוכעס און קראָפּיווע.

— גוטנאָוונט... — האָב איך געזאָגט שטיל.

רעגינע האָט פרעגנדיק אַ קוק געטאָן אין מיין ריכטונג. איר מוטער האָט טריומפירנדיק זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— איר זעט, דאָס איז מיין טאָכטער, מיין רעגינע... — און צו איר האָט זי געזאָגט: דאָס איז דער הער, וואָס נעכטיקט היינט ביי אונדז. זיים באַקאַנט. איך וועל מיך דערוויל געמען צו מיינע בייגל...

איך האָב מיך אָוועקגעזעצט אַנטקעגן רעגינען און כ'האָב נישט געקאָנט אָוועקרייסן די אויגן פון איר פּנים. געגוג לאַנג האָט זי שווייגנדיק אויסגעהאַלטן מיין בליק, דערנאָך האָט זי געפרעגט מיט אַן איראָנישן שמייכל:

— איר זענט אַ סוחר? ווייל אונדזער שטעטל באַזוכן בלויז סוחרים. און אַלע קומען זיי צו זיסקינדן.

איך האָב מיך געפילט באַליידיקט.

— ניין, איך בין נישט קיין סוחר. איך בין...

איך האָב איר אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן מיין לעבן, וועגן מיין אומרו און זוכעניש, און אויך וועגן מיין אָרעמקייט, — וועגן דעם אַלעם, וואָס טרייבט מיך פון אָרט צו אָרט, פון שטאָט צו שטאָט.

די באַלעבאָסטע, רעגינעס מוטער, אַ פאַרנומענע מיט איר אַרבעט, האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן צו אונדז איר צעשטראַלט גליקלעך געזיכט — זי איז געווען שטאָלץ פון איר טאָכטער, אירע בליקן האָבן גערעדט: „נו? איצט זעט איר שוין וואָסערע טאָכטער איך האָב?“

רעגינע האָט מיר דערציילט וועגן דעם שטעטל. אויף אַ האַרציקן אופן האָט זי געשילדערט די בענקשאַפט פון יונגע מיידלעך און בחורים. זי האָט דערציילט וועגן די היגע באַלמעלאָכעס און וועגן זייערע האָפענונגען אויף אַ בעסערער צוקונפט. און אויך וועגן די טעגלעכע קליינע און גרויסע ליידן און פריידן פון די היגע מענטשן.

— וואָס קאָנט איר וויסן וועגן אונדז, וועגן מענטשן פון קליינע שטעטלעך. איר זענט געקומען, אַ קוק געטאָן, און מסתמא טראַכט איר:

„אבי וואָס גיכער אַרויס פון דאַנען. דאָ איז דאָך די וועלט פאַרשלאָגן מיט ברעטער". זיכער פּראַכט איר אַזוי. אפשר איז דאָס גאָר אמת — ווייס איך? אָבער דאָ לעבן דאָך די זעלבע מענטשן וואָס אומעטום. זיי פרייען זיך און האָבן עגמת נפש, זיי לאַכן און וויינען, זיי ווערן געבוירן צום לעבן און זיי מאַטערן זיך און שטאַרבן שטענדיק פּריציימיק. אַזוי איז אומעטום. נאָר דאָ — דאָ איז די צייט אַן אַנדערע, ווי אויף דער גאָרער וועלט. אין אונדזער שטעטל פאַרשפּעטיקן זיך אַלע זייגערס...

איך האָב באַוווּנדערט רעגינען פאַר אירע קלוגע מיינונגען וועגן דער וועלט און וועגן מענטשלעכן גורל.

— פאַרשטייט זיך, אַז אונדז יונגע, איז זייער שווער. אַלטע מענטשן לעבן ביי אונדז צווישן קרעמל, מקווה און בית המדרש. אָבער וואָס דאַרפן מאָן יונגע, וואָס ווילן נישט שטיין אויף דעם זעלבן אָרט? ווי קאָנען זיי זיך עפּעס אויסלערנען? זיי ווילן דעריאָגן די צייט. זיי ווילן געפינען עפּעס א נייע האָפענונג, אָבער דערווייל שטיקן זיי זיך — עס פעלט לופט. עס איז דאָך נישט גענוג צו האָבן פליגל — מען דאַרף נאָר קאָנען פליען. ביי אונדז איז דאָ איינער, א שוסטער, לייבל הייסט ער. לייבל ווייס. פלעגן מיר זיך ביי אים צוזאַמענקומען און ער פלעגט אונדז לייענען ביכער און צייטונגען. דאָס איז געווען עפּעס נייעס. ווען מיר פלעגן אַרויסגיין פון דעם דאָזיקן לייענען, האָט זיך דאָס לעבן אויסגעוויזן ליכטיקער, און עס איז פאַראַן געווען א ציל אין דאָזיקן לעבן... דערנאָך האָט מען לייבלען איינגעזעצט אין תפיסה, מאַקע פאַר די דאָזיקע ביכער. איצט האָבן אַלע מורא, און עס פעלט אונדז זייער דאָס אַלץ, וואָס לייבל האָט אונדז געלערנט.

פון ערשטן מאָל אָן האָב איך געוואונען רעגינעס צוטרוי. זי האָט מיר דערציילט און זי האָט ביי מיר געפרעגט — און אירע ספקות זענען פאַר מיר נישט געווען פרעמד, ווייל איך אַליין בין נאָך אייך געווען יונג, כאָטש מיט א פּאָר יאָר עלטער פון רעגינען.

— אייך איז בעסער — האָט זי געזאָגט — אייך איז לייכטער, איר זענט א געבילדעטער מענטש, איר לייענט ביכער, און איך...

א ווײַלע האָט זי געשוויגן און דערנאָך פלוצעם א פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך... איך קלער אַזוי אָפט וועגן דעם... גאָט — צי איז פאַראַן א גאָט?

איך האָב געקוקט אויף איר פאַרחידושט און אַלץ מער אַנטציקט מיט דער דאָזיקער באַגעגעניש.

— איר זענט דאָך אַ געבילדעטער מענטש, איר ווייסט דאָך מער פון אונדז...

איך האָב איר דערציילט וועגן די וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס פון דער אַנטשטייונג פון דער וועלט און פון לעבן. איך האָב איר דערציילט וועגן דער ווונדערלעכער און נאַטורעלער קראַפט פון דער מאַטעריע, וואָס לעבט, באַוועגט זיך און געשטאַלטיקט זיך אַלץ ווידער און ווידער. איך האָב איר דערציילט וועגן די קעגנזאַצן פון דער נאַטור און וועגן איר האַרמאָניע. וועגן צוזאַמענלעבן פון פאַרשידענע מינים און וועגן זייערע קאַמפן...

— דאָס אַלץ וואָס איר דערציילט — האָט זי מיר איבערגעריסן — דאָס אַלץ איז אַזוי אינטערעסאַנט. אָבער נישט אַלץ איז פאַר מיר קלאָר. וועגן די דאָזיקע קעגנזאַצן האָט איר געזאָגט בלויז אַ פאָר ווערטער, און וועגן דער שיינקייט און האַרמאָנישקייט פון דער וועלט האָט איר גערעדט אַזוי לאַנג און האַרציק. פונקט ווי די וועלט וואָלט געווען אַ גאָרטן מיט בלומען. איר ווייסט דאָך, אַז עס איז נישט אַזוי...

איך האָב געקוקט אויף איר מיט אַ שמייכל און מיט אַ פאַרכאַפטן אָטעם האָב איך געשלונגען אירע ווערטער.

— ווען איך בין נאָך געווען יינגער, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט די וועלט טאַקע אַזוי, ווי איר. אָבער נישט די דאָזיקע וועלט וואָס איז דאָ אַרום אונדז — אַן אַנדערע וועלט, אַ בעסערע. ווען איך האָב צוגעמאַכט די אויגן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך זע זוניקע שטעט מיט ווייסע הייזער, ווו די גאַסן שמעקן מיט בלומען, ווו די מענטשן באַוועגן זיך אין לאַנגע שיינע מלבושים אויס סאַמעט און אויס זייד — און זיי שמייכלען פריינטלעך איינער צום אַנדערן און זיי רעדן צו זיך מיט געזאַנג. אַרום זייערע קעפּ שוועבן פאַרביקע שמעטערלינגען, און פייגעלעך עסן פון זייערע הענט. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט וואָס אַזעלכס איז — טרוימען. און איך האָב נישט געוווּסט וואָס עס באַדייט דאָס וואָרט „האַרמאָניע“. איך האָב געגלייבט מיט מיין קינדערשן גלויבן, אַז אַזאַ וועלט איז ערגעץ פאַראַן — אפשר אויף יענער זייט טייך, הינטער דעם באַרג, און אפשר ערגעצוווּ אַנדערש...

זי האָט איבערגעריסן, אַ פאַרשעמטע.

— אַזעלכע נאַרישקייטן דערצייל איך אייך. אַזעלכע נאַרישקייטן...

איך האָב זי אָנגענומען ביים אָרעם און האָב זי ווייך באַרויִקט.

— דאָס זענען זייער וויכטיקע זאַכן, רעגינע. דאָס זענען נישט קיין נאַרישקייטן...

— איר זאָגט, אַז די וועלט איז אַזוי שיין. יאָ, אָבער די מענטשן? די מענטשן זענען אַזוי אָרעם און דאָס גאַנצע לעבן מאַטערן זיי זיך. ווען איך בין געווען קליין, האָב איך געקאָנט גלייבן, אַז ערגעץ אַנדערש איז בעסער, אָבער הייַנט ווייס איך, אַז אומעטום איז דאָס זעלבע. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען פאַראַן שטעט גרויסע און שיינע, אָבער דאָס איז די זעלבע וועלט...

דורך דעם אָפענעם פענצטער האָט זיך דערטראָגן דאָס קלינגען פון זייגער אויף דעם קלויסטער־טורעם. מיר האָבן שוין אויפגעגעסן א היבש ביסל פרישע וואַרעמע בייגל. און אויסגעוויזן האָט זיך אונדז, אז מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן אונדזער שמועס. עס איז געווען שפּעט, און מיר האָבן נאָך אַלץ געהאַט אַזויפיל צו רעדן און צו דערציילן.

— דאָס לעבן איז ברוטאַל — האָט געזאָגט רעגינע — און איך האָב מורא פאַר דער דאָזיקער ברוטאַלקייט. איך ווייס אַפילו נישט פאַר־וואָס איך פיל דעם דאָזיקן פּחד. איך האָב נישט קיין מורא פאַר מענטשן — די מענטשן האָבן מיך ליב. איך האָב אויך נישט קיין מורא פאַר אָרעמקייט, ווייל צו איר בין איך שוין צוגעוווינט. און דאָך האָב איך טיילמאָל מורא פאַר דער וועלט. און אפשר איז עס דער פּחד פאַרן טויט — פאַר דעם דאָזיקן פינצטערן תהום, וווּ עס איז שוין גאָרנישט פאַראַן...

— איך פאַרשטיי נישט, רעגינע... איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס איר טראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן. איר דערציילט נאָך מיט אַזאַ פּחד. מיר זענען דאָך יונג, מיר געפינען זיך ערשט אין פאָדערהויז פון לעבן. שפּעטער, אין דער ווייטער צוקונפט, ווען מיר וועלן שוין זיין אַלט, ווען מיר וועלן זיין ווי פולע זאַנגען, רייפע און שווערע — אויך דעמאָלט וועט דער געדאַנק וועגן טויט נישט וועקן ביי אונדז קיין פּחד. די זאַנג, וואָס איר רייפקייט איז שוין פאַרביי, נייגט זיך צו דער ערד, און אירע קערנער פאַלן אויפן באָדן, בכדי צו געבן אָן אָנהויב פאַר די צוקונפטיקע גערעטעניש. און דאָס איז, און דאָס דאַרף זיין פּשוט און נאַטירלעך. דאָס לעבן שטאַרבט נישט אָפּ — עס איז אומשטערבלעך. עס ענדערן זיך בלויז זיינע פאָרמען, זיינע געשטאַלטן. ווען מיר וועלן זיין אַלט, וועלן מיר אַוועקגיין, בכדי צו מאַכן אָרט פאַר די צוקונפטיקע דורות. איך זאָג נישט, אַז דער טויט איז אַ גוטע און צילגעווענדטע זאַך. דער טויט איז, טראָץ אַלעם, שטענדיק טראַגיש. אָבער מיר, רעגינע, זענען דאָך יונג, און פאַר מיר, צום ביישפּיל, איז דער באַגריף פון טויט — אַן אַבסטראַקציע, א זאַך, וואָס איז ווייט און נישט רעאַל...

רעגינע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שטיל געזאָגט:

— און דאָך האָב איך מורא. טײלמאָל דאַכט זיך מיר, אַז...

זי האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ. זי איז געווען אומעטיק און האָט נישט געקוקט אויף מיר. איך האָב געפילט אַ גרויסן באַגער אַרומצונעמען זי מיט די אָרעמס, צו גלעטן אירע גאָלדענע האָר און צו זאָגן:

— נאַריש מיידעלע, דו ביסט דאָך כמעט אַ קינד. דו װעסט נאָך זײן גליקלעך. די װעלט איז אַזוי שײן, און דו, דו ביסט דאָך דער בעסטער באַװײז פון דער דאָזיקער שײנקײט...

רעגינעס מוטער האָט אַרויסגענומען פון אויװן די לעצטע בלעך מיט בײגל, און אָפּװישנדיק דעם שװײס פון פּנים, האָט זי זיך אַװעקגעזעצט לעבן אונדז.

— איר זענט נאָך אַלץ נישט שלעפעריק? — האָט זי געפרעגט מיט פאָרװורף.

נײן, מיר האָבן נישט געװאָלט שלאָפן.

דער קנויט אין לאָמפּ האָט שוין געצאַנקט. איין פענצטער, אויף דער מזרח־זײט פון הימל האָט שוין געהעלט דער באַגינען. אין שכנות האָבן געקרײעט די הענער. עס האָט זיך דערנענטערט אַ נײער טאָג.

די באַלעבאָסטע האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די פאַרפלאַכטענע דלאָניעס און האָט געכאַפּט אַ דרימל.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר, הײסט עס, פאַרבראַכט, אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר גערעדט מיט רעגינען, און איך האָב נישט באַװיזן צו זאָגן איר װעגן דעם װיכטיקסטן. איך האָב איר נישט געזאָגט, אַז...

אַ מאָדנע נאַכט איז עס געװען און אַ מאָדנע שמועס.

איצט האָט שוין געטאָגט.

— גײט שלאָפן, רעגינע — האָב איך געזאָגט — איר קאָנט נאָך כאַפּן אַ דרימל...

— נײן, נײן. איך װיל שוין הײנט נישט שלאָפן. אַזױ שנעל איז פאַרבײ די דאָזיקע נאַכט. אַזױ שנעל...

און דערנאָך האָט זי צוגעגעבן מיט אַן אומזיכערער שטימע:

— װײסט איר, װאָס עס איז מיר אײנגעפאַלן? װי גוט װאָלט עס געװען, װען איר פאַרבלײבט מיט אונדז, אין אונדזער שטעטל. דאָ איז פאַראַן אַזױ פיל יונגע מענטשן. איר װאָלט זײ געלערנט, איר װאָלט אפשר אפילו געקאָנט אויסלעבן פון דעם. איר זענט דאָך אַ געבילדעטער מענטש.

זי האָט געקוקט אויף מיר פאַרשנדיק און אויף אירע ליפּן האָט גע־בלאָנקעט אַ שמייכל פון בקשה.

וואָס האָט מיך באַאיינפלוסט צו פאַרבלייבן אין דאָזיקן מאָדנע שטעטל, ווו דער הייזעריקער גראַמאָפאָן איז נאָך אַלץ געווען אַן אויסדרוק פון רייכקייט און פאַרגעשריטנקייט; ווו מענטשן פלעגן זיך אומקוקן נאָך אַ יעדן פרעמדן; און ווו אַ מיידל וואָס לערנט זיך שניידעריי, גרייכט מיט אירע טרוימען ביז צו די שטערן.

איך בין פאַרבליבן. אפשר האָב איך געוואָלט העלפן יענע יונגע מיידלעך און בחורים, וועגן וועלכע עס האָט מיר דערציילט רעגינע. און אפשר — אפשר האָט מיך געלאָקט די מעגלעכקייט צו פאַרבלייבן צוזאַמען מיט איר — מיט רעגינען...

.4

זיי פלעגן קומען בין השמשות.

צוערשט האָב איך זיי געפרעגט, וואָסערע פאַראינטערעסירונגען זיי האָבן, איך האָב געפאָרשט וואָס זיי ווילן וויסן. זיי האָבן געשוויגן און מיט אַ מין אַנטוישונג האָבן זיי געהויבן די אַקסלען. עס איז דאָך געווען קלאָר, וואָס זיי האָבן געוואָלט. זיי האָבן געוואָלט אַדורכגיין די גרענעץ פון יענעם ראָד, פון יענעם קרייז, אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען. איך האָב געקאָנט אָנהייבן מיין משכילישע אַרבעט פון אַריסטאָטלען, אָדער פון דאַרווינען — אַלץ איז פאַר זיי געווען אינטערעסאַנט.

עס זענען געקומען יונגע מענטשן מיט לאַנגע פאות, און טעכטער פון פרומע עלטערן, באַשיידענע מיידעלעך וואָס האָבן נאָך נישט געוואַגט צו טראָגן קורצע אַרבל. עס פלעגן קומען די סוביעקטן פון הער זיסקינדס געשעפט, און געזעלן וואָס האָבן זיך ליב געהאַט צו באַרימען, אַז זיי זענען אימשטאַנד אויפצוגייען פופציק פאָר טאַנדייטענע הויזן מיטאַ געלד.

טיילמאָל פלעגט וועלכער פון די באַלמעלאָכעס ברענגען אַ בוך, פון יענע ביכער, וואָס לייבל ווייס איז צוליב זיי געגאַנגען זיצן אויף צוויי יאָר אין תפיסה. פלעגן מיר לייענען דאָס דאָזיקע פאַרבאָטענע ספרל און איך פלעג פאַרטייטשן דעם ענין און די פרעמדע ווערטער אויף אַ פּשוטן מאַמע־לשון.

רעגינע איז געזעסן אין ווינקל פון צימער, זי איז געווען גליקלעך, זי האָט געקוקט אויף אירע חברטעס און אויף מיר, זי האָט געשלונגען מיי־

נע ווערטער און געטראַכט האָט זי זיכער: „וועסט? וועסט, ווי ס'איז, אַז דו ביסט דאָ?...“

איך האָב באַוווּנדערט מיינע תלמידים. זיי פלעגן קומען יעדן אָוונט, גלייך פון דער אַרבעט, זיי האָבן באַהאַלטן זייער מידקייט. זיי זענען געווען יונג און אומרואיק, גיריק און נייגעריק. זיי האָבן געפאָרשט. זיי האָבן אָפט איבערגעריסן מיינע רייד, אויב איך האָב נישט גערעדט גענוג קלאָר. זיי האָבן נישט געוואָלט אָננעמען ביי מיר קיין שום דאָגמעס, כאָטש אין דאָגמעס האָבן זיי דאָך געשטעקט פון קינדווייז אָן. זיי האָבן געוואָלט טראַכטן רעאַל.

— איך מיינט, אַז אויב איך וועל שוין וויסן ווען עס איז געבוירן געוואָרן נאַפּאָליאָן באָנאַפּאַרט, וועל איך שוין זיין גליקלעך? איך בין דאָך נישט קיין פּראָפעסאָר, איך בין אַ פּשוטער שניידער. איך וויל וויסן פאַר וואָס מיין לעבן איז אַזוי ווי עס איז. פאַרוואָס מיין מאַמע איז געשטאָרבן אויף אַן אָפּעראַציע און דער טאַטע איז אויף די אַלטע יאָרן אַ נאַכטוועכטער ביי זיסקינדן. איך וויל וויסן, צום ביישפּיל, ווען וועט ביי אונדז קומען צו אַן איבערקערעניש, אַז יעדער מענטש זאָל קאָנען לעבן ווי אַ מענטש, און עס זאָל שוין נישט זיין קיין אונטערשיד — אַ ייד, אַ פּאָליאַק, אַ ציגיינער. און וויאַזוי וועט אויסזען די וועלט נאָך אַזאַ איבערקערעניש? אָט דאָס וויל איך וויסן, און דאָס וויל יעדער וויסן. און פאַרוואָס מיר וואַרטן אַזוי לאַנג. איז דען שוין נישט די העכסטע צייט? אָ, דאָס זאָגט אונדז. אַז מיר וועלן דאָס וויסן, וועט אונדז לייכטער זיין צו לעבן. מיר וועלן וויסן צו וואָס מיר לעבן און נאָך וואָס מיר לעבן...

.5

עס זענען פאַרביי טעג און וואָכן. ביי טאָג האָט רעגינע געאַרבעט, און אין אָוונט בין איך געווען פאַרנומען מיט מיינע תלמידים. מיר האָבן געהאַט ווייניק צייט, צו ווייניק בכדי צו קאָנען פירן לאַנגע שמועסן. בלויז אונדזערע אויגן און אונדזערע שמייכלען האָבן צו זיך געטענהט, און געגעבן זיך צו פאַרשטיין מיט וואָס עס קלאַפּן אונדזערע הערצער.

שבת פלעג איך מיט רעגינען אַרויסגיין ווייט הינטער דער שטאָט. מיר פלעגן אַרומפּלעטערן אויף די מאָלערישע בערגלעך, באַוואַקסענע מיט קאַלינע; טיילמאָל פלעגן מיר זיך אַוועקזעצן אויף דעם הויכן פעלז, וואָס איז געהאָנגען איבער דער שוואַרצער טיפעניש פון טייך.

— אָן אייך וואָלט איך מורא געהאַט פון דאַנען אַראָפּצוקוקן אין אָפּגרונט. דאָס איז אַזוי גרויזאַם. עס ציט... עס דראָט...

ווען איך האָב זי אָנגענומען ביי דער האַנט, האָט זי אַ ציטער געטאָן.

— ניין, ווען איר זענט לעבן מיר, האָב איך פאַר קיינעם נישט קיין מורא.

מיר זענען געגאַנגען דורך אַ פּוכיקער לאָנקע, צווישן ווילדע מאַרגעריטקעס. עס איז געווען גוט, עס איז געווען גוט צו שווייגן. מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט — אַרום אונדז געווען אַ ים פון גרינקייט, און איבער אונדז דער בלויער הימל, און ווייסע וואָלקנס האָבן זיך איבער אים גערוקט ווי ווייסע סטאַדעס שעפּסן. דער ווינט האָט געטראָגן פון טאָל דעם גערוך פון בליענדיקע ליפּעס, דעם זיסן ריח פון טרוקענעם היי, און אויך די ווייטע שטימען פון פּויערים, וואָס זענען געווען פאַרנומען ביים שניידן די רייפע קאָרנען און ווייצן. די פעלד-גרילן האָבן געשפּילט זייער וואונדערלעכן, אייביק דעם זעלבן קאָנצערט און די שטענגלעך פון בלומען האָבן זיך געבויגן אונטער דעם געוויכט פון זשוקעס גרינע און ראָיענדיקע ביינען.

רעגינע האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף מיין אַקסל און צוגעמאַכט די אויגן.

— איך וואָלט געוואָלט עס זאָל זיין אייביק אַזוי ווי איצט, אַזוי ווי אין דער דאָזיקער מינוט.

איך האָב זי אַרומגענומען — זי איז געווען איידל און שלאַנק. איך האָב געפילט דעם באַריר פון אירע גאָלדענע האָר און דעם גערוך פון איר הויט. אין אַ געווויסן מאָמענט האָט זי אויף מיר אַ קוק געגעבן מיט אַ האַלב-איראָנישן שמייכל און געזאָגט:

— איר זענט איצט אַזוי ערנסט... ווי איר וואָלט מיר געהאַט צו זאָגן עפּעס זייער וויכטיקס...

איך האָב געקושט איר שטערן, אירע אויגן, אירע ליפּן.

— די פאַרשטייסט נאָך אַלץ נישט, רעגינע?

זי האָט זיך באַפרייט פון מיינע אָרעמס און איז געלאָפן דורך דער לאָנקע, העט ווייט. איר קלינגענדיקער געלעכטער איז נאָך געווען כמעט קינדיש, אָבער גליקלעך איז ער איצט געווען און זאָרגלאָז איז ער געווען...

ווען מיר האָבן זיך ווידער געפונען לעבן זיך, איז זי ווידער געוואָרן ערנסט, און אין אירע אויגן איז ווידער געווען דער זעלבער פונק פון פאַר-

טראַכטונג און אומעט, פונקט ווי דעמלט, ווי אין יענער נאַכט, ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל מיט זיך גערעדט.

— לאָמיר נישט רעדן וועגן דעם — האָט זי געבעטן — עס איז נאָך נישט די צייט. און עס וואָלט געווען צופיל גליק אויף איין מאָל...

צוזאַמען איז רעגינע געקומען פון דער אַרבעט פריער ווי געוויינלעך. עס האָט אונדז איבערראַשט איר בלאַס געזיכט, אירע אויגן וואָס זענען געווען פול מיט טרערן.

— מאַמע — האָט זי געזאָגט מיט אַ דערשטיקטער שטימע — מאַמע, פּאַק איַם צוזאַמען די זאַכן. מען האָט היינט אַרעסטירט עטלעכע יינגלעך, פון די וואָס קומען צו אונדז. איך מוז אַנטלויפן, ווייל די פּאָליציי וועט קומען אויך נאָך אייך...

איך בין געשטאַנען אַ דערשלאָגענער.

— איך בעט אייך — האָט געזאָגט רעגינע — איר מוזט עס מאַן פאַר מיינעטוועגן...

די באַלעבאָסטע איז געשטאַנען מיט פאַרבראָכענע הענט.

— באַנדיטן — האָט זי געזאָגט מיט האַס — וואָס ווילן זיי פון אַרעמע אומשולדיקע קינדער?

איך האָב געפּרוווט איבערצייגן רעגינען, אַז עס איז נישט כדאי צו אַנטלויפן, ווייל עס איז נישט דאָ קיין שום געפאַר פאַר מיר, צו קיין שום פּאַרטיי האָב איך נישט געהערט און מיינע פּאָליטישע סימפּאַטיעס זענען דאָך נישט מער ווי אַ פּריוואַטער ענין.

— איך ווייס בעסער — האָט רעגינע געזאָגט — איבעריקנס, אַזוי האָבן געהייסן טאָן די חברים...

און דערנאָך האָט אַ שמייכל באַלויכטן איר געזיכט.

— זאָרגט נישט און זייט נישט טרויעריק. איר וועט זען ,אַז אַלץ וועט נאָך זיין גוט...

איך האָב זיך געזעגנט מיט דער באַלעבאָסטע. רעגינע האָט מיך באַגלייט, מיט הינטערגעסלעך האָט זי מיך אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט, דאָרט, ווו צווישן פעלדער און לאָנקעס האָט זיך געשלענגלט דער שטראָז.

— זייט געזונט, רעגינע — האָב איך געזאָגט מיט אַ דערשטיקטער שטימע — וועסט מיך נישט פאַרגעסן?

זי האָט פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די האַנטפלאַכן און איז פּאַוואָליע אַוועק. איך האָב געזען אירע אַקסלען, וואָס האָבן געציטערט אין אַ שטילן געשטיקטן געוויין.

איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין, און אין די אויערן האָבן מיר געציטערט רעגינעס ווערטער: „איך זאָגט, אַז דאָס לעבן איז אַזוי שיין. אָ, דאָס לעבן איז ברוטאַל... אַזוי ברוטאַל...“

.6

און ווידער זענען פאַרביי מאָנאַטן לאַנגע און שווערע, אומרואיקע. איך האָב זיי פאַרבראַכט אין פאַרשידענע אומשטענדן. טייל מאָל האָב איך געלעבט מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט, טייל מאָל האָב איך נישט געהאַט קיין ראַד איבערן קאָפּ. די דערפאַרונגען האָבן מיך איבערצייגט וועגן דער רעלאַטיווקייט פון מענטשלעכע באַגערן: אַ פאַרשימלט שטיקל ברויט איז געווען זיס און מלא טעם.

איך האָב געוואַנדערט דורך וואונדערבאַרע פרימאָרגנס, כ׳האָב געטרונקען דעם זיסן גערוך פון ווילדע בלומען, געפילט דעם אָטעם פון דער שוואַרצער נאָך די פרילינגדיקע רעגנס, די באָרוועסע פיס האָב איך געוואַשן אין דער קילער ראָסע און געוואַרעמט זיי אין דעם הייסן שטויב פון די דאָרפישע וועגן. איך האָב געלעבט ווי אַ פּילגרים, אָדער — אויב עס אַרט אייך נישט דער דאָזיקער אויסדרוק — ווי אַ בראָדיאַגע.

אויף די וועגן האָב איך באַגעגנט מענטשן ענלעכע צו זיך. יונגע קרעפטיקע יאַטן, וואָס האָבן געזוכט אַרבעט, זקנים, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט בעטלעריי, וואַנדערנדיקע מוזיקאַנטן און קונצן־מאַכערס.

טייל מאָל פלעגן מיר ציען צו די גרויסע שטעט, בכדי דאָרט צו פאַרלירן זיך אין די רוישיקע גאַסן. אָבער אויך דאָרט פלעגן אונדזערע האָפענונגען ווערן צו נישט. זיי פלעגן זיך פאַנאַנדערשווימען ביי דער באַגעגעניש מיט דער אָרעמקייט פון אָרעמע און מיט דער קאַלטבלוטיקער גלייכגילטיקייט פון די רייכע.

צי האָב איך הינטלט געטראַכט וועגן רעגינען? געווים האָב איך וועגן איר געטראַכט — אַזוי ווי מען טראַכט וועגן אַ שיינעם חלום. ווי וועגן אַ ליכטיקן מעטעאָר וואָס איז פאַרבייגעפלויגן און פאַרשוווּנדן פון מיין לעבן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך בלויז אַ דערמאָנונג, בלויז אַ בענקשאַפט.

איך בין איצט געווען ווייט פון יענעם קליינעם אָרעמען שטעטל, וווּ איך האָב באַגעגנט רעגינען. איך בין געווען ווייט און ווער ווייסט צי איך וואָלט געהאַט מוט אומצוקערן זיך צו איר — איך בין געווען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן און האַלב באָרוועס.

אין 1939 יאָר, קורץ פֿאַר דער מלחמה, האָב איך געפֿינען אַרבעט אין דער שטאָט פּ.

דאָ האָט מען טאָגטעגלעך געלאָדנט שווערע וואַגאָנען מיט מעל, פֿלייש און פּוטער פֿאַר אונדזער מערבדיקן שכן. דייטשלאַנד האָט זיך זינט יאָרן גערוסטעט, היטלער האָט געשריגן: „קאַנאָנען שטאַט בוטער!“ — אָבער וועלכעס לאַנד קאָן זיך באַגיין אָן פּוטער? אין פּוילן האָט קיין פּוטער נישט געפֿעלט, אויף אַלע מאַרק־פּלעצער און אין אַלע קראָמען איז געווען פּוטער צו דער זעט. אויס פּוטער האָט מען אפילו פּראָדוצירט פֿיינע קאָסמעטישע זייפֿלעך, וואָס האָבן זיך פּרעכטיק געשוימט אויף דער דעליקאַטער הויט פֿון איידעלע פֿרויען. פּוטער האָבן געגעסן אַלע — אַ חוץ יענע וואָס האָבן זי געמאַכט, אַחוץ די פּוילישע פּויערים און אויך אַחוץ די באָרוועסע וואַנדערער, וואָס האָבן זיך געשלעפּט פֿון איין שטאָט צו דער צווייטער, זוכנדיק אַרבעט און ברויט.

אויף דער גרויסער באַן־סטאַציע אין דער שטאָט פּ. האָבן זיך געפּאָרעט סוחרים און מעקלערס, פּאָדריאַדטשיקעס און אַגענטן, קצבים און בהמות־סוחרים. טאָג און נאַכט האָט דאָ געקאָכט די אַרבעט, די באַנערס האָבן צוגעאיילט, די סוחרים האָבן צוגעאיילט, און מיר, די טרעגערס, האָבן נישט באַוויזן אָפּצואָטעמען, מיר האָבן זיך געבויגן אונטער די שווערע זעק און קאַסטנס, מיר האָבן זיך געאיילט, געלאָפֿן אויף קאָפּברעכעניש, אַבי גיכער, אַבי גיכער.

איך האָב פֿאַרדינט אויף ברויט און אויף אַ נאַכטלעגער — געשלאָפֿן בין איך אין איינער פֿון יענע מעלינעס, וווּ עס פֿלעגן זיך אויפֿהאַלטן סעזאָן־אַרבעטער, גאַס־קלעזמאָרים און גאַסן־הענדלער, בעספּריזאָרנע יונגע לייט און נאַכט־פֿרויען. דעריבער זענען די נעכט דאָ געווען אומרואיקע, דעם שלאָף האָבן אָפֿט געשטערט די פּאָליציאַנטן — זיי האָבן געפֿירט אומאויפֿהערלעכע שטרייטן מיט די היימלאָזע, נישט געמעלדעטע, און אויך מיט די בראָדיאַגעס, צווישן וועלכע עס פֿלעגן זיך גאָר אָפֿט טרעפֿן גנבים און קעשענע־שניידערס. מען פֿלעגט זיי שלעפּן אויפֿן קאָמיסאַריאַט, טיילמאָל פֿלעגט מען זיי צווינגען צו פֿאַרלאָזן די שטאָט.

די שווערע אַרבעט האָט אויסגעזויגן אַלע קרעפֿטן. מיר האָבן זיך נישט אינטערעסירט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, מיר האָבן נישט געהאַט קיין צייט און קיין כּוח צו לייענען צייטונגען, מיר האָבן נישט געקענט קיין שום תּענוגים אַחוץ דעם שלאָף.

און דערווייל — דערווייל איז אויף די מאַפּעס פֿון דער וועלט גע־

וואַקסן דער בלאָטער, וואָס האָט אונדז אינגיכן פאַרגאָסן די אויגן מיט בלוט.

אויף דער באַן־סטאַציע זענען נאָך געשטאַנען וואַגאָנען מיט פלייש און תבואה, גרייט אָפּצופאָרן קיין בערלין, האַמבורג און פראַנקפורט, ווען עס האָבן שוין געברענט די שפּייכלערס און מאַגאַזינען, צעשמעטערטע הורך די באָמבעס פון אַ דייטשישן עראָפּלאַן.

איך בין ווידער געגאַנגען מיט די אַלטע, באַקאַנטע טראַקטן — אויף מזרח. עס האָבן זיך געענדערט די שטילע רואיקע וועגן. זיי זענען איצט געלעך געווען צו אַ שטורעמדיקן, רייסנדיקן שטראָם, צו אַ טייך וואָס איז אַרויס פון די ברעגן. עס איז דאָ נישט געווען קיין באַגעגעניש — אַלע זענען דאָך געלאָפן אין דער זעלבער ריכטונג. געטריבן האָט דער פּחד פאַר דער אייזערנער קראַפט און מאַכט פון דעם שונא, פאַר זיינע טאַנקן און האַרמאַטן, פאַר זיינע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן פאַרדעקט די בלויקייט פון הימל, און אָנגעפילט די לופט מיט אַן עמוד־האש און פון שרפות.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן אונדז די דייטשן אַרומגערינגלט. איצט האָבן מיר זיך געמוזט דעקן אין די וועלדער. און פאָרויס האָבן מיר זיך געקאָנט באַוועגן בלויז ביינאַכט, בלויז מיט זייטיקע שטראָזן.

נאָך פיל טעג און נעכט האָבן מיר דערגרייכט צום גרענעץ־טייך. נאָך איין נאַכט, נאָך איין נאַכט פון געפאַר און אָנשטרענגונג, און די סכנה איז פאַרבליבן הינטער אונדז. אָך, ווי מיד מיר זענען געווען...

איך האָבן מיך אַרויסבאַקומען אויף דעם היכן ברעג פון טייך. ביים שיין פון דער לבנה האָב איך צוזאַמענגעשאַרט אַ ביסל טרוקענע בלעטער און געמאַכט מיר אַ געלעגער. דער טאַראַראַם פון מלחמה איז איצט געווען ווייט, אויף יענער זייט רעטשקע. דאָ האָט איך געהערט בלויז דאָס פליסקען פון וואַסער, דעם מאָנאָטאָנעם פליסטער פון טייך. געציוי־טשערט האָט אַ פויגל, אַ דערוואַכטער פון שלאָף, איינטאָניק קאָנצערטירט האָבן די זשאַבעס. איבער מיר איז געווען דער הימל. דער אויסגעשטערנ־טער הימל, פון וועלכן עס האָט ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק געהאָגלט דער טויט און די פאַרניכטונג.

איך האָב פאַרהויכערט אַ פּאַפּיראָס און צום ערשטן מאָל זינט פיל טעג און וואָכן, האָב איך מיך אַנטציקט מיט דער רואיקייט פון דער נאַכט, און אויך מיט דעם געדאַנק, אז דער קומענדיקער טאָג וועט נישט ברענגען מיט זיך קיין שום געפאַר.

און עס איז מיר געווען אַ ביסל אומעטיק, אַז איך האָב נישט מיט

ווערמען צו טיילן די דאָזיקע פרייד, און אז עס איז נישטאָ אויף דער וועלט קיינער, וואָס זאָל זיך פרייען מיט מיין אַנטרינונג. זינט פיל יאָרן בין איך געווען א יתום. מיינע פריינד זענען געווען צעזייט און צעשפרייט אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך — דער צופאַל פלעגט מיך צו זיי דערנעענטערן און דער צופאַל פלעגט מיך מיט זיי שיידן.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָט זיך מיר ווידער דערמאָנט דאָס גאָלד־האָריקע מיידל, וואָס איך האָב מיט א פאָר יאָר צוריק באַגעגנט אין אַן אָרעם גאַליציאַנער שטעטל. עס האָט זיך מיר דערמאָנט איר קלוגער בליק, איר שמייכל אין וועלכן עס איז געווען אזא מאָדנע אומעט, אזא סובטע־לער און שטילער ווי די שטילקייט פון א זוניקן הארבסטיקן טאָג.

אָפט האָב איך איצט געטראַכט וועגן רעגינען. זי האָט באַגלייט מיינע געדאַנקען, כאָטש איך האָב געפרווט צו באַהערשן און צו פאַרטרייבן מיין בענקשאַפט.

עס איז געקומען דער ווינטער, א שטרענגער, א שנייאיקער און פראָסטיקער.

איך האָב געפונען אַרבעט און ברויט. גוטע מענטשן האָבן זיך גע־טיילט מיטן דאַך איבערן קאָפּ. אָבער קיין רו האָב איך נישט געפונען. איך האָב געבענקט.

.7

אין שטעטל בין איך אָנגעקומען שפּעט אין אָוונט. עס איז געווען פראָסטיק, דער ווינט האָט געבלאָזן גיפטיק און געשמיסן דאָס פּנים מיט שניי, ווי מיט א בעזים.

די הייזלעך האָבן זיך מיר אויסגעוויזן נאָך קלענער ווי אַמאָל, דאָס געלע ליכט פון די פאַרקאָוועטע פענצטער איז געלעגן נאָך נידעריק איבער דער ערד.

לאַנג בין איך געשטאַנען ביי דער טיר, הינטער וועלכער עס האָט געוווינט רעגינע. אַזוי לאַנג האָב איך צו איר געבענקט — איצט האָט מיר אויסגעפעלט מוט: עס האָבן מיך דערשראָקן די ענדערונגען, וועלכע האָבן דאָ געקאָנט פאָרקומען אין דער צייט, זינט איך האָב פאַרלאָזט דאָס שטעטל.

ענדלעך האָב איך דאָך אָנגעקלאַפּט און געעפנט די טיר.

רעגינעס מוטער האָט אויף מיר א קוק געגעבן דורך די ברילן, און אַוועקגערוקט די רעשטע מיט פעדערן.

— סקאָצל קומט! — האָט זי אויסגערופן מיט א שמייכל — דו ביסט עס, מיין קינד?

— איך... האָב איך געשטאַמלט — איך בין געקומען...

זי האָט זיך דערנענטערט און מיט א פלעדערוויש אָפּגעקערט פון מיר דעם שניי.

— זייער גוט, מיין זון, זייער גוט האָסטו געטאָן... איך האָב געוווּסט, אז דו וועסט קומען. ס'האַרץ האָט מיר געזאָגט, אז וועסט קומען. האָרט זענען דאָך די דייטשן....

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און גענומען זיך פאָרען ביי דער קיך.

איך האָב מיך אַרומגעקוקט — די זעלבע אָרעמקייט, וואָס אַמאָל, די זעלבע — און דאָך איז דאָ היינט געווען עטוואָס געמיטלעכער, עטוואָס פרייליכער.

— ווו איז רעגינע? — האָב איך געפרעגט, און מיין שטימע האָט געציטערט פון דערוואַרטונג און פון אויפרעגונג.

— זי איז נאָך אויף א פאַרזאַמלונג — האָט געענטפערט די מוטער, און דערלאַנגט צום טיש ברויט און טיי.

זי האָט זיך סודותפול צעלאַכט און דערקלערט מיט שטאָלצקייט:

— רעגינע איז היינט א גאַנצער מענטש, א גאַנצער „יאַ טיעביע דאַם“ אין אונדזער שטעטל. מען האָט זי אויסגעוויילט אין שטאָט־ראַט. איר וועט זי נאָר ניט דערקענען. ערשט היינט איז זי שיין. און איר זאָלט זען ווי ערנסט זי איז געוואָרן...

עס האָבן זיך דערהערט טריט אויף דער גאַס און אָט איז זי אָנגעקו־מען א פאַרהוימלטע פון פראָסט, א שמייכלענדיקע. אויף די וויעס האָט זי נאָך געהאַט טראָפּנס פון טייענדיקן שניי. א רגע איז זי געשטאַנען שווייגנ־דיק און אפשר פאַרחידושט, דערנאָך האָט זי זיך דערנענטערט צום קרייז פון נאָפט־לאָמפּ און זי האָט מיר דערלאַנגט די האַנט.

— דערציילט וואָס מיט אייך האָט פּאַסירט. ווו זענט איר געווען? וואָס האָט איר געמאַכט? מיר האָבן שטענדיק געוואַרט אויף א ידיעה פון אייך. אָבער אומזיסט... ווי איז אייך געגאַנגען?

— פאַרשיידן... צווישן מענטשן...

דאָס מאָל האָט אין אונדזער שמועס געפעלט אָפנהאַרציקייט. די יאָרן, וואָס זענען פאַרביי זינט אונדזער ערשטער באַגעגעניש, האָבן אַריינגעבראַכט צווישן אונדז א געוויסע פרעמדקייט. עס איז דאָך שוין נישט געווען די זעלבע רעגינע, זי איז איצט געווען עלטער, רייפער. און איך? עס האָט מיך פאַרדראָסן, אַז איך האָב אַזויפיל צייט איבערגעפירט ערגעץ אין בילקע און שמוציקע קרעטשמעס און אכסניות, צווישן קינצמאַכערס און לײַדיקגייערס — אפשר דערפאַר דאכט זיך מיר איצט, אַז רעגינע האָט מיך איבערגעשטיגן, אַז זי איז געגאַנגען פאָרויס, בעת איך בין געבליבן הינטערשטעליק.

מיר האָבן זיך געזאָגט „אַ גוטע נאַכט". רעגינע איז אַריינגעגאַנגען אין אַלקער, ווו זי איז געשלאָפן צוזאַמען מיט דער מוטער. פאַר מיר האָט די באַלעבאָסטע געמאַכט א געלעגער אין קיך, ביים וואַרעמען אויוון.

לאַנג איז אויף מיר נישט געקומען דער שלאָף. אָט בין איך ווידער אונטער דעם זעלבן דאַך, וואָס רעגינע — האָט איך געטראַכט — איך אָטעם מיט דער זעלבער לופט, איך וועל זי יעדן טאָג קאָנען זען, הערן איר שטימע, כ'וועל מיך אַנטציקן מיטן גיואַנס פון אירע האָר. אָבער — צי וועט דאָס איר זיין ליב?

איך האָב מיך דערמאָנט דעם שמייכל פון איר מוטער — זי האָט צו מיר גערעדט אַזוי האַרציק, ווי צו אַ זון. גאָרנישט אַזוי ווי העמלט, מיט עטלעכע יאָר צוריק. דעמלט בין איך געווען א גאַסט, אן אורח, וואָס האָט פאַר אַ פאָר גראָשן געפונען דאָ אַ נאַכטלעגער און א וועטשערע. היינט האָט זי מיט מיר גערעדט אַזוי אַנדערש... און — צי וועל איך באמת געפינען דאָ אַ היים? צי וועט מיר דערלויבט זיין צו פאַרבלייבן אין וואַרעמען קרייז פון האָזיקן נאַפט-לאָמפ? צי וועט די דאָזיקע אָרעמע פרוי וועלן זיין אויך פאַר מיר א מוטער?

עס זענען געקומען טעג פול מיט אומזיכערקייט און פיל מיט גליק. רעגינען האָב איך געזען בלויז אינדערפרי און אין אָוונט. זי האָט געהאַט פיל אַרבעט אין שטאָט-ראַט און אין פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. דערפאַר איז איר מוטער געווען נאָך האַרציקער און פריינדלעכער ווי פריער.

— זאָרג נישט — פלעגט זי צו מיר זאָגן — ווען איך קוק אויף דיר, דאַכט זיך מיר, אַז דו ביסט מיין זון. מיין אייגן קינד. איך וויל, זאָלסט עס וויסן, און זאָלסט זיך דאָ פילן ווי אין אַן אייגענער היים, ווייל דו ביסט אין אַן אייגענער היים.

איך בין געזעסן ביים טיש און פון א שטיקל האָלץ געשניצט א שפּילעכל, א ווינטמיל פאַר די קינדער. די באַלעבאָסטע האָט ווידער געפּליקט פעדערן.

— איר פּליקט ווידער די פעדערן פאַר דער פרוי זיסקינד?

— ניין — האָט זי געענטפערט — איצט טו איך עס פאַר מיין אייגן קינד. רעגינע איז שוין א כלה־מיידל. די צייטן לויפט. און ווי, לויפט זי...

עס איז מיר געווען שווער אויפן האַרצן. עס האָט מיך אָנגעהויבן צו בייסן דער עקדיש פון אייפערזוכט. שווייגנדיק האָב איך אָנגעטאָן דעם מאַנטל און בין אַרויס אין דער גאַס.

דער זילבער מאַרק־פּלאַץ. דער אָוונט איז געווען א זילבערנער, די לבנה — א חצי־חודשדיקע, א ליכטיקע. דער שניי האָט אונטער די פיס פריילעך געסקריפּעט, געקלונגען האָבן ערגעץ ווו די גלעקלעך פון א פּויערישן שליטן, און געהילכט האָט דער לוסטערער זאָרגלאָזער געלעכטער פון יונגע מענטשן...

איך האָב באַגעגנט רעגינען. ווי שיין זי איז איצט געווען. עס האָט זי באַגלייט א יונגערמאַן, א שיין געבויטער און שיין געקליידעטער — ער האָט זי געהאַלטן ביי דער האַנט און געפליסטערט איר אין אויער, און זי האָט געלאַכט, געלאַכט...

איך האָב מיך אויסגעדרייט אין א זייט — א פאַרשעמטער און א אומבאַדאַרפטיקער. איך האָב זיך געלאָזט גיין דורך די זייטיקע פינצטערע געסלעך, און אין מיינע אויערן האָט אַלץ נאָך געקלונגען רעגינעס געלעכטער, און די בייזע אויגן מיינע האָבן לאַנג נאָך געזען פאַר זיך יענעם יונגן מענטש, וואָס האָט זי געפירט ביי דער האַנט.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין שטוב, איז רעגינע שוין געזעסן מיט דער מוטער ביים טיש. זי האָט אויף מיר געקוקט מיט אירע בלויע אומשולדיקע אויגן פון א דערוואַקסן קינד, און אויף אירע ליפּן האָט זיך געבלאָנקעט איר האַרציקער, מינוטנווייז לייכט איראָנישער שמייכל. איך בין ווידער געווען גליקלעך, אַז איך זע זי און איך קאָן אויף איר קוקן.

איך בין געווען אייפערזיכטיק, אָבער גלייכצייטיק האָב איך מיר געמאַכט ביטערע פאָרווורפן. צי איז דען נישט גענוג, אַז איך פאַרבלייב אין דער נאָענט פון רעגינען? און אויב זי ליבט יענעם יונגן מענטשן, איז וואָס? באַפריי זיך פון דעם פאַרשאָלטענעם עגאָיזם — אזוי האָב איך צו זיך גערעדט — דערלויב איר צו זיין גליקלעך אויף אזא אופן ווי זי ווינטשט

זיך עס. דערשטיק אין זיך די אייפערזוכט, אויב זי וועסט עס נישט באַוויזן צו טאָן, וועסטו נישט ווערט זײַן איר ליבע.

עפּעס אַ מאָדנע פרעמדקייט האָט זיך צווישן אונדז אַוועקגעשטעלט, אַ פרעמדע קילקייט. איך האָב געקוקט אויף מײַנע צעפליקטע מלבושים, וואָס מײַן גוטע באַלעבאָסטע האָט זיך געמיט צו פאַרריכטן, און געטראַכט האָב איך וועגן דעם עלעגאַנטן קאַוואַליער, וואָס האָט יעדן אָוונט באַגלייט רעגינען. איינמאָל בין איך צופעליק געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס איז דער זון פון רייכן זיסקינד. אַ יוריסט איז ער געווען. דעם אמת געזאָגט, האָט ער אויסגעזען זייער סימפּאַטיש. זײַן באַקאַנטשאַפט מיט רעגינען האָט מען אין שטעטל געהאַלטן פאַר אַ פאָרשפּיל צו אַ שידוך.

פרי פאַלן צו די ווינטערדיקע אָוונטן, און לאַנגע זענען זיי, און מען קאָן זיי ציען ביז צו דער האַלבער נאַכט. איך פלעג זיי פאַרברענגען אין שטוב אין דער געזעלשאַפט פון רעגינעס מוטער. איך האָב איר דערציילט וועגן מײַנע קינדעריאָרן, וועגן מײַן מאַמען, וואָס איז אַזוי פרי אַוועק פון דער וועלט, וועגן גוטע מענטשן וואָס האָבן מיך גענומען צו זיך, וועגן שווערער אַרבעט פון פריער יוגנט, און וועגן מײַן שווערן וועג וואָס איך האָב דורכגעמאַכט, בכדי צו אַ כאַפּן אַ ביסל וויסן, אַ ביסל בילדונג. איך האָב איר דערציילט וועגן איינזאַמקייט און בענקשאַפט און אויך וועגן די קאַלטע נעכט און ווייסטע וועגן פון דער היימלאָזיקייט.

זי האָט אַוועקגעלייגט איר אַרבעט, צוגערוקט זיך צו מיר און געקוקט מיר אין פּנים אַרײַן, ווי זי וואָלט מיטן בליק פאַרנומען מײַנע רייד. דערנאָך האָט זי מיך אַרומגענומען און געקושט מײַן שטערן. איך האָב אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו אירע קניען און איך האָב מיך צעוויינט.

— שאַ, מײַן קינד, שאַ — האָט זי מיך באַרויִקט, גלעטנדיק מײַנע האָר — שאַ, מײַן קינד...

איך האָב געקוקט אויף איר פאַרקנייטשט געזיכט און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן באַגעגן איך אַזויפיל פּשטות און גלײַכצײַטיק אַזויפיל צאַרטע איידלקייט. איך האָב געקושט אירע הענט און אויסגעוויזן האָט זיך מיר, אַז איך קוש די הענט פון מײַן מאַמען.

פּלוצעם האָט זי שטיל אַ פרעג געטאָן:

— און אפשר איז דיר שלעכט בײַ אונדז? זאָג מיר, איך וויל עס וויסן...

— ניין, עס איז מיר גוט מיט אייך. עס איז מיר גוט, אָבער... שווער איז מיר האָ צו זיין, זייער שווער...

— נישט אַלץ האָסטו מיר געזאָגט, מיין קינד... דו האָסט נאָך עפּעס פאַר מיר פאַרשוויגן...

— ווען איך בין צו אייך געקומען צום ערשטן מאָל, איז רעגינע נאָך געווען כמעט א קינד. און היינט, היינט...

— היינט איז זי אויך א קינד — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע — ביידע זענט איר נאָך קינדער...

— איך האָב ליב רעגינען — האָט איך געזאָגט מיט א ציטערנדי־קער שטימע — און דערפאַר איז מיר אַזוי שווער אייך צו פאַרלאָזן. און אַזוי שווער מיט אייך צו פאַרבלייבן...

— צו פאַרלאָזן? און וואָס וועט רעגינע זאָגן?

— רעגינע האָט מיך שוין נישט ליב. זי האָט זיך פון מיר דערווי־טערט, געוואָרן פרעמד...

— נו, אויב דו מיינסט, אז עס איז אַזוי, וועלן מיר פרעגן ביי רעגי־נען.

מיר זענען געזעסן שווייגנדיק און איך האָב געפילט אויף זיך איר גוטן מוטערשן בליק אין וועלכן ס'איז געווען אַזויפיל איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט.

דערנאָך האָבן זיך געהערט רעגינעס טריט. ווען זי איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט די מוטער געזאָגט:

— רעגינע, קום נאָר אַהער, אָט דער יונגער מענטש וויל דיר עפּעס זאָגן...

8

איך בין געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. איך האָב געהאַט א מוטער, וואָס האָט מיך האַרציק געליבט — און מיט דעם זעלבן געפיל האָב איך איר אָפּגעצאָלט. און איך האָב געהאַט רעגינען.

איך בין געווען פאַרנומען — איך האָב געאַרבעט. אָפט פלעג איך אַרויספאָרן אין אייגעם פון די אַרומיקע שטעט אין דינסטלעכע ענינים און פלעג צוריקקומען שפּעט אין דער נאַכט. אין שטעטל איז געווען פינצטער, און מיר איז אויך געווען אין אונדזער שטוב. אָבער נאָך איידער איך האָב באַוויזן צו דערגרייכן צו דער קליאמקע, פלעגט שוין רעגינע עפענען די טיר.

— האָסט אויף מיר געוואַרט? פאַרוואָס שלאָפסטו נישט? עס איז דאָך אַזוי שפּעט.

— איך בין געשלאָפן. און איך שלאָף נאָך איצט. איך האָב מיך נאָר אויף אַ מינוטקעלע אויפגעוועקט, ווייל כ'האָב געפילט, אַז דו קומסט איצט אָן.

פלעג איך זי נעמען אויף די הענט און צוטראָגן צום בעט, אַזוי ווי מען טראָגט אַ קליין קינד, און ווי אַ קינד פלעגט זי באַלד אַנטשלאָפן ווערן.

עס איז געקומען דער פרילינג. די הויקערדיקע הייזלעך פון שטעטל האָבן אויפגעלעבט, יונגער געוואָרן, באַפּוצט זיך מיט גרינקייט און אַפילו מיט בלומען.

אַ מאָדנער פרילינג איז עס געווען. אפשר דער ערשטער אין מיין לעבן.

יעדן פרייען נאָכמיטאָג פלעגן מיר פאַרברענגען אויף ווייטע שפּאַצירן. טיילמאָל פלעגן מיר דערגיין ביז צו יענע פעלדער, ווו עס איז געווען דער צווינטער פון זעלנער געפאַלענע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס דאָזיקע אָרט האָט דערמאָנט אין וואָסערע צייטן מיר לעבן און וואָס עס קומט איצט פאָר אויף דער פוילישער ערד.

— ווי גוט, אַז דו ביסט דאָ — האָט צו מיר איינמאָל געזאָגט רעגינע — איך ווייס אַז דאָס איז פון מיין זייט אַ פּוסטער עגאָיזם. אָבער פאַרטראַכט זיך: פיר יאָר האָב איך אויף דיר געוואַרט. ווען איך גיב מיר אָפּ אַ חשבון, אַז דו האָסט האַרט געקאָנט אומקומען, ביי די דייטשן, איז מיר אַזוי, ווי איך וואָלט געזען מיין אייגן קבר. פיר יאָר... און יעדן אָוונט האָב איך מיך געטרייסט: מאָרגן, אפשר וועט ער קומען מאָרגן... און ווען דו ביסט שוין געקומען, ביסטו געווען אַזוי ווייט פון מיר און אַזוי פרעמד און גאָרנישט האָסטו נישט פאַרשטאַנען. איך האָב דאָך געוואַרט אויף דיר...

נישט ווייט פון טייך, אין שאָטן פון אַ בערעזעווע וועלדל זיינען געשטאַנען ציגייַנערישע וועגענער און געצעלטן. מיר פלעגן זיך דאָ גערן פאַרהאַלטן, מיר האָבן שוין אַפילו געהאַט דאָ אַנדערע גוטע באַקאַנטע, וואָס פלעגן אונדז פריינדלעך באַגריסן און פאַרבעטן.

— צי איז עס נישט וווּנדערבאַר? — האָט געזאָגט רעגינע — אומעטום זיינען מיר צווישן פריינד. אומעטום האָט מען אונדז ליב....

— דאָס האָט מען ד י ך ליב. דיך מוז מען ליב האָבן...

— נישט נאָר מיך. מענטשן זיינען בכלל גוטע. איך זע דאָס דעמלט, ווען איך בין גליקלעך. און ווי מיינסטו?

— איך מיין דאָס זעלבע — האָב איך געענטפערט, כאָטש נישט מיט אַזאַ פעסטער איבערצייגונג.

איינער פון די ציגיינער האָט געשפּילט אויפן פידל, זיין פרוי אָדער אפשר איז עס געווען זיין מוטער, האָט זיך געפּאָרעט ביים פייער און באַלד האָט זי אונדז צוגעטראָגן צוויי גלעזלעך טיי.

— אזא שיין הענטעלע האָסטו — האָט זי געזאָגט צו רעגינען — גיב, איך וועל דיר זאָגן דיין גורל.

— ניין, מוטערל — האָב איך זיך אָפּגעבייזערט — מיר גלייבן נישט אין אַזעלכע זאַכן.

אָבער רעגינען איז דאָס הווקא געפעלן.

— וואָס שאַדט עס דיר? — האָט זי געבעטן — דערלויב איר צו זאָגן, וואָס זי זעט...

די ציגיינעריכע האָט אָנגענומען רעגינען ביי דער האַנט און לאַנג באַטראַכט איר האַנטפלאַך. זי האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן און א וואָל־קן איז פאַרביי איבער איר געזיכט. דערנאָך האָט זי געזאָגט שטיל, קוקנדיק אין א זייט.

— וועסט זיין גליקלעך, מיין קליינע. וועסט האָבן קינדער, פיל קינ־דער...צוויי, דריי... פיר, פינף...

— זעסט — האָט געלאַכט רעגינע — און דו האָסט מורא געהאַט אויסצוהערן...

מיר האָבן זיך געלאָזט אהיים און רעגינע האָט נאָך לאַנג גערעדט וועגן די ווערטער פון דער ציגיינערקע.

— לאך נישט, איך פריי מיך אזוי מיט דעם וואָס זי האָט געזאָגט... ווען דו זאָלסט וויסן ווי זייער איך וויל האָבן קינדער. דאָס מוז דאָך זיין וווּנדערבאַר....

.9

אין איינאונפערציקסטן יאָר, זומערצייט, האָט איך מיך אויסגעקליבן אויף אַן אויספלוג קיין קיעוו. איך האָב דאָרט געוואָלט פאַרברענגען א פּאָר טעג, באַזוכן די שטאָט און אפשר ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט אויפזוכן איינעם פון מיינע קרובים, וועלכער האָט מיט יאָרן צוריק זיך באַזעצט אין זשיטאָמיר.

עס איז מיר נישט געווען לייכט צו שיידן זיך מיט דער היים.

— דו פאָרסט אַרויס בלויז אויף עטלעכע טעג — האָט געזאָגט רעגינע — און מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל דיך שוין קיינמאָל נישט זען...

— אוי, רעגינע, רעגינע — האָט זיך אויף איר אָפּגעבייזערט איר מוטער — פֿאַרוואָס מאַכסטו אים אַזוי שווער דאָס האַרץ? ער וויל פֿאָרן, זאָל ער פֿאָרן. ווען איך זאָל זיין יינגער וואָלט איך מיך אַליין ערגעץ אויסגעקליבן צו זען א שטיקל וועלט. און דו, נעם זיך בעסער צו דער אַרבעט, אָנשטאָט צו רעדן נאַרישע רייד...

אַרבעט איז אין שטוב געווען א סך. זינט עטלעכע טעג איז אַלץ געגאַנגען ווי אויף רעדער. מען האָט געקאַלעכט און געוואַשן און געריימט, מען האָט געניייט און געהאַפּטעוועט, און עס האָט געהערשט אַן אויפגעדרעגטע שטימונג פֿון גרויסע צוגרייטונגען.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָב איך געפֿרעגט.

די מוטער האָט ווייליונגעריש צוגעשמייכלט איין אויג.

— מיר ווילן האָבן א חתונה אין שטוב — האָט זי געענטפֿערט.

אין אָוונט בין איך אַוועקגעפֿאָרן. דער קיעווער צוג איז געווען פֿול מיט פּאַסאַזשירן. מען האָט געשפּילט אויף האַרמאָניעס און גיטאַרעס, מען האָט געזונגען רוסישע לידלעך. איך בין געזעסן ביים פֿענצטער פֿון וואַגאָן, א פֿאַרטראַכטער, אַן איבערגעפֿילטער מיט געדאַנקען. איך האָב געקוקט אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל — ער איז מיר געווען נאָענט און אייגן: ווייל הימל און שטערן האָב איך געערבט מיט רעגינען דעם ערשטן אָוונט פֿון אונדזער באַקאַנטשאַפֿט.

ווייט נאָך דער האַלבער נאַכט בין איך אַנטשלאָפֿן געוואָרן. און ווען איך האָב מיך אויפֿגעוועקט איז שוין געווען גרויסער טאָג. אַנטקעגן אונדז האָבן געגלאַנצט אין דער זון די בייכיקע טורעמס פֿון מאָנאַסטיר פּעטשאַרסקע-לאַווריע.

מיר זענען געשטאַנען אויף די זייטיקע געליין פֿון דער באַן-סטאַציע. אויף וועלכער עס האָבן זיך געפֿאָרעט זעלנער.

די פּנימער פֿון די פּאַסאַזשירן זענען געווען צעטומלט און פֿאַרזאָרגט. פֿון מויל צו מויל האָט מען זיך איבערגעגעבן דאָס איינע וואָרט, וואָס איז אַזוי שווער געווען צו איבערחזרן — א גרויזאַם וואָרט: מ ל ח מ ה...

.10

איך האָב זיי געזוכט צווישן די פּוילישע און יידישע פּליטים אין טשעלאַבינסק און סאַראַטאָוו, אין בוכאַרע און פֿערגאַנע. קיינער האָט

נישט געקענט און נישט געהערט זייערע נעמען — פּליטים זענען דאָ געווען מיליאָנען.

אויפן שטאָט-פּלאַץ פון דער זוניקער שטאָט אַלמאַ-אַטאַ האָט איך איינמאָל דערזען פון דער ווייטן א מיידל מיט א גאָלדענעם צאָפּ. איך בין איר נאָכגעלאָפן הורד דעם געדיכטן המון פון הורכגייער. זי האָט געהאַט די זעלבע באַקאַנטע באַוועגונגען, דעם זעלבן חילוך, דעם זעלבן וווּקס. רעגינע... און די פרוי לעבן איר — אן עלטערע פרוי מיט לייכט געבויגענע פּלייצעס... איז עס נישט איר מוטער?

איך בין צוגעפאַלן צו איר און אָנגענומען זי ביי דער האַנט. זי האָט מיך באַגעגנט מיט א פרעמדיקן פאַרוווּנדערטן געזיכט — ניין, דאָס איז נישט געווען רעגינע.

איך האָב אויפגעהערט צו גלייבן אין דער מעגלעכקייט זיי צו געפינען. איך האָב אויפגעהערט צו גלייבן אין א גליקלעכן צופאַל, וועלכער וואָלט מיר געהאָלפן באַגעגענען זיך מיט זיי אין דעם דאָזיקן גרויסן לאַנד, וווּ כמעט אין יעדער שטיב זענען געווען ענלעכע צו מיר, בענקענדיקע, פאַרזאָרגטע, זוכנדיקע און וואַרטנדיקע אויף א גוטער ידיעה.

איך האָב אָבער נישט אויפגעהערט צו האָפן און צו גלייבן, אַז זיי לעבן, און אַז איך וועל זיי ווידער באַגעגענען אין אונדזער קליין שטעטעלע, אין א יאָר אַרום אָדער אין צוויי, ווען דער זיג איבערן פאַשיזם וועט אונדז דערלויבן אומצוקערן זיך און אונדזערע היימען.

עס איז פאַר מיר געווען קלאָר: נישטאָ אויף דער וועלט אַזאַ מערדער, וואָס זאָל וואַגן צו הייבן די האַנט אויף אונדזער מוטער. און ווער עס האַרץ, מעג זיין דאָס האַרץ פון ערגסטן מערדער, וועט נישט אויפשטיין אונטער דעם איינפלוס פון רעגינעס שיינקייט און גוטסקייט? קאָן זיין, אַז זיי ליידן הונגער, קאָן זיין אַז זיי ליידן טויזנט יסורים, געוויס ליידן זיי אין דער דאָזיקער אכזריותדיקער צייט — אָבער זיי לעבן און זיי וועלן לעבן. ווען איך וועל צו זיי צוריקקומען, וועל איך זיי אָפּפערן מיין לעבן. מיין מי, מיינע טעג און נעכט.

.11

דער צוג איז געלאָפן אויף מערב — אין יענער ריכטונג ווו עס איז איצט געווען דער פראָנט. אויף א ווייַלע האָט ער זיך פאַרהאַלטן לעבן א טונקעלער חורבה, וווּ עס איז אַמאָל געווען א באַן-סטאַציע. עטלעכע פאַרשיינע זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון די וואַגאָנען — די זאָווערכע

האָט זיי פאַרוויקלט אין א שנייאיקן שלייער. דער צוג האָט גערירט פון אָרט און איז באַלד פאַרשוואונדן אין דער ווינטערדיקער נאַכט.

איך האָב מיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון שטעטל און באַגלייט האָט מיך בלויז איין געדאַנק: צי לעבן זיי? וועגן גאָרנישט מער גייט עס דאָך נישט. מיר וועלן אויפבויען נייע הייזער אויפן אָרט פון חורבות, מיר וועלן דעריאָגן די צייט, וואָס די מלחמה האָט ביי אונדז אַוועקגערויבט. אָבער — צי לעבן זיי?

די פינצטערניש איז געווען א געדיכטע. דורך טיפן שניי און דורך בערגלעך חורבות האָב איך מיך דערשלעפּט ביז צום מאַרק-פּלאַץ און לאַנג געבלאָנדזשעט, נישט קאָנענדיק געפינען דאָס געסל, ביי וועלכן מיר האָבן געוווינט. ערשט נאָך לאַנגע זוכענישן האָב איך דערזען אַן איינזאַמען קוימען, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט פון דער וויסטעניש.

עטוואָס ווייטער איז געשטאַנען א האַלב איינגעפאַלן קעמערל, און אפשר איז עס געווען א צימער, אַן איבערגעבליבענער פון אַנדערע צי-מערן, וועלכע זענען חרוב געוואָרן. איך האָב זיך געלאָזט אין יענער ריכטונג.

ווען איך האָב געעפנט די טיר, בין איך געבליבן שטיין א דערשראָ-קענער. אין שיין פון א חלב-ליכטל, ביי א קליין אייזערן אייוועלע איז געזעסן אַן איינגעהויקערט געשטאַלט אין אָפּגעריסענע טראַנטעס. דאָס פּנים איז געווען אַלט און באַוואַקסן, דער קאָפּ באַדעקט מיט לאַנגע גרויע האָר, וואָס האָבן, ווער ווייסט ווי לאַנג, נישט געפילט אויף זיך קיין קאַם. דער מענטש האָט גלייכגילטיק א קוק געגעבן אויף מיר און נישט איבערגעריסן זיין אַרבעט: ער האָט געפּרוווט אונטערצוהייצן אין אויוון.

איך בין געשטאַנען ביי דער טיר און געוואַרט אויף א וואָרט. אָבער ער האָט געצעגערט. ענדלעך האָט ער זיך פאָרט אָנגערופן.

— איר זייט געקומען? אומבאַדערפטיק. דאָ איז שוין נישט פאַראַן קיין לעבעדיקער מענטש. איך אַליין לעב אויך שוין נישט. אייך דאַכט זיך בלויז, אַז איר האָט צו טאָן מיט א לעבעדיקן מענטשן...

איך האָב געקוקט אויף זיין פאַרקרומט געזיכט, אויף זיינע אויגן — גרויסע און אומרואיקע — און אויף די נערוועזע באַוועגונגען פון זיינע הענט. איך האָב געהאַט פאַר זיך א קראַנקן מענטשן. א משוגענעם?

— איר מיינט, אַז איך בין אַראָפּ פון זינען? אָ, דאָס וואָלט גאָר נישט געווען אַזוי שלעכט. אָבער דאָס ערגסטע איז, אַז איך ב י ן

ג י ש ט משוגע. אז איך קאָן נאָך פילן און טראַכטן פּונקט ווי יעדער איינער, פּונקט ווי איר. מיר דאַכט זיך, אַז איר האָט מיך נישט דערקענט. אָבער איך דערקען אייך. האָ, האָ, נאָך ווי אַזוי דערקען איך אייך...

ער האָט געענדערט דעם טאָן, פאַרביסן די ציינער — ער האָט איצט אויסגעזען בייז און האָט געוועקט אין מיר א פּחד.

— גייט צום טייוול! — האָט ער געשריגן — גייט וואָס גיכער! צו וועמען זענט איר דאָ געקומען? דאָ זענען אפילו קיין קברים נישט פאַראַן. נישט צו מיר זייט איר דאָך געקומען. איר זייט געקומען צו רעגינען, און איר וווּנדערט אייך, אַז איך ווייס עס. איך הייס — ז י ס ק י נ ד...

איך האָב אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם און געבעטן.

— זאָג, ווו איז רעגינע... פייניק מיך נישט! זאָג, ווו זי איז...

ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיינע הענט און צעלאַכט זיך מיט א פינצטערער געלעכטער.

— איך זאָג דאָך, אַז דו ביסט אומבאַרעכטיק געקומען. וואָס ווילסטו נאָך פון מיר? גיי צו אַלדע רוחות...

מיר זענען געשטאַנען אַנטקעגן זיך — נאָענטע און איינזאַמע, אויף א פאַרשיידענעם אופן דערשלאָגענע, און מיר האָבן שווער געאָטעמט פון אויפרעגונג. איך האָב פאַרהויכערט א פאַפּיראָס און מכבד געווען זיס קינדן. ער האָט געהויכערט גיריק, געשוויגן געגנג לאַנג און א ביסל זיך בארואיקט.

— און די מוטער? — האָב איך געפרעגט, דאָס מאָל שוין אָן ווילכער האָפענונג — די קינדער?

— די קינדער אויך. און דאָס אַלץ איז נישט מער ווי א טראָפּן אין ים.

— אפשר ווייסט איר ווו...

— איך ווייס נישט ווו. וואָס טויגן דיר זייערע קברים? גיי שוין!

— האָט ער זיך ווידער אויפגערעגט — גיי! קברים ווערסטו אומעטום באַגעגענען, ווו דו וועסט זיך נאָר קערן און ווענדן. די גאַנצע וועלט איז איין בית־עולם. און אומעטום ליגן אַזעלכע מיידלעך ווי רעגינע. אָדער אַזעלכע ווי מיין שוועסטער, די שיינע בת־יחידה. וואָס קאָנסטו ווייסן וועגן מיין שוועסטער? וועגן איר חן און וועגן איר האַרץ? גאָרנישט ווייסטו נישט. און אפשר ווילסטו זען אונדזער בית־הקברות. נישטאָ! שנייען האָבן אים פאַרווייעט און ווינט האָט פאַרטראָגן די מצבית, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען דריי הונדערט יאָר. מיט די דאָזיקע מצבות

האָט מען אויסגעפּלאַסטערט די גאַסן. אָבער נישט די מצבות זענען דער עיקר. די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך, איך האָב זיך שוין אָפּגעוווינט צו רעדן, איך ווייס אַליין נישט וואָס איך רעד.

— קומט מיט מיר — האָב איך געזאָגט — קומט...

— וווהין?

איך האָב אַליין נישט געוווסט וווהין.

— מיר וועלן גיין — האָב איך געענטפערט — מיר וועלן גיין צו מענטשן...

ער האָט נישט געהערט און אפשר נישט געוואָלט הערן מיינע ווער־טער.

— אַמאָל... אַמאָל בין איך געווען א יוריסט... — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק ערגעץ אין א זייט — אַמאָל האָב איך ליב געהאַט דאָס לעבן. און אויך דאָס ר ע כ ט. די גערעכטיקייט האָב איך ליב געהאַט. איך האָב געגלייבט אין איר, ווי אין א דאָגמע, וואָס זאָגט שטענדיק עדות וועגן דעם מענטשלעכן מין און האָ האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נישטאָ קיין שום רעכט און קיין שום גערעכטיקייט. ווען עס וואָלט געווען אַ גערעכ־טיקייט, וואָלט רעגינע היינט געלעבט. זי וואָלט געווען מיין פרוי, אָדער דיין פרוי...

און ער האָט גענומען איבערחזרן, ווי אַ געפּלאַצטע גראַמאָפאָן־פּליטע:

— דיין פרוי... אָדער מיין פרוי... דיין פרוי... אָדער מיין פרוי...

— שווייג!

— דאָס טוט ווי? האַ, דו מיינסט, אַז זיי האָט נישט ווי געטאָן? ווען עס זאָל געווען זיין אַ גערעכטיקייט אויף דער וועלט, וואָלט איך היינט געקושט די הענט פון מיין מוטער און פון מיין שוועסטער. אפשר וואָלט איך מיר געפינען אַן אַנדער רעגינע, מיט בלאָנדע האָר, אָדער מיט שוואַר־צע האָר. אָבער אַלע רעגינעס זענען טויט. פאַרוואָס וויינסטו? ווילסט זיך לייכטער מאַכן אויפן האַרצן? האָסט תמיד געהאַט מער גליק פון מיר. איך קאָן אפילו נישט וויינען.

איך בין אַרויסגעלאָפן פון ישוב. אויף דער פּוסטער גאַס האָט מיך אַרומגענומען דער פראָסט, די זאַווערוכע. געשטיקט האָט מיך דער ווינט און געשטיקט האָט דאָס געוויין.

זינקענדיק ביז צו די קניען אין שניי, בין איך געלאָפן פון דעם דער־מאָרדעטן שטעטל.

אומשטערבלעכקייט

ווען מלכה קליינמאַן האָט זיך אויפֿגעוועקט פֿון נאַרקאָטישן שלאָף, איז שוין געווען שפּעט נאָך מיטאָג. אינעם אָפֿענעם פֿענצטער פֿון שפּיטאָל־צימער האָבן זיך לייכט געוויגט אויפֿן ווינט די צווייגן פֿון צוויי סאָסנע־ביימער, עס האָט געשיינט די זון. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, אַ סוף־זומערדיקער.

מלכה האָט געהערט די טריט פֿון דורכגייער אויפֿן נישט־ווייטן טראָטואַר, דאָס געלעכטער פֿון אומזעבאַרע און אומבאַקאַנטע מענטשן און אויך די מוזיק פֿון ראַדיאָ־הילכערס. עס איז געווען דער זעלבער טאָג און די זעלבע וועלט, וואָס מיט אַ פּאָר שעה צוריק. די זעלבע זון, די זעלבע קלאַנגען און גערוכן, די זעלבע ווייסקייט פֿון די שפּיטאָל־בעטלער; אַלע איינצלהייטן פֿון אַרום זענען געבליבן די זעלבע, און דאָך... און דאָך האָט מלכהס לעבן אין משך פֿון אַ קורצער צייט אָנגעווווירן די גאַנצע זיכערקייט, און אפֿילו איטשע, דער בן יחיד אירער, וואָס זיצט אויפֿן בענקל לעבן איר בעט, איז שוין אויך נישט מער דאָס זעלבע קינד, מיט וועלכן עס זענען געווען פֿאַרבונדן אַלע אירע האָפֿענונגען. די דאָזיקע דריי שעה פֿון נאַרקאָטישן שלאָף האָבן גרינטלעך געענדערט די אַלטע פֿרוי. צוזאַמען מיטן בלוט, וואָס מלכה האָט פֿאַרלוירן בעת דער אָפּעראַציע, איז אויך פֿאַרשוווּנדן דער כּוח, מיט וועלכן זי איז געווען צוגעבונדן צום לעבן. עס האָט זי איצט אַרומגענומען אַ שרעק, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין איר מוח ווי אַ פֿאַרבייפֿליענדיקער געדאַנק, פֿון וועלכן מען דאַרף זיך אָפּיאָגן ווי פֿון אַ בייזער פֿליג. דער דאָזיקער געדאַנק איז אָבער געווען אַן עקשנותדיקער, ער איז ווידער און ווידער צוריקגעקומען.

אין מלכהס האַרץ איז שוין איצט נישט געווען בלויז אומרו — אַלץ האָט אין איר געציטערט פֿון פּחד. זי האָט געפֿילט אַז דאָס ערגסטע דערנענטערט זיך מיט יעדער שעה, מיט יעדער מינוט. זי האָט געוווּסט, אַז דאָס לעבן פֿאַרלאָזט זי, אַז מיט יעדן אָטעם פֿליט עס פֿון איר אַוועק

אַליין ווייטער. און זי האָט געוואָלט אויסציִען די אָרעמס און פֿאַרהאַלטן עס, דערווייטערן דעם אָפּגרונט, וואָס וועט זיך איינגיכן צעשפּרייטן צווישן איר און דער וועלט. זי איז שטענדיק געווען פֿאַרליבט אין לעבן און אין איר זון — די דאָזיקע ביידע באַגריפֿן זענען געווען נישט צום צעשיידן.

דער זון אירער איז איצט געזעסן לעבן בעט, זי האָט אים נישט געזען גענוי, ווייל מינוטנווייז האָט איר געשווינדלט פֿאַר די אויגן און די שטאַרקע קאָפּווייטיקן האָבן זי געצוווּנגען אַראָפּצולאָזן די וויִעס. נאָך שטאַרקער פֿון דעם קאָפּווייטיק איז געווען דער געדאַנק, אַז אַלץ וועט זיך איינגיכן אויסלאָזן אין דעם זונלאָזן שרעקלעכן נישטזיין. די זון וועט שיינען ווי תּמיד, יונגע פֿרויען וועלן אַרומטראָגן אין די אָרעמס זייערע קינדער, מענער וועלן קושן די הענט פֿון זייערע מוטערס, און דער לופֿט וועלן קלינגען געזאַנגען און געלעכטערס, אָבער זי, מלכּה קליינמאַן, וועט אויפֿהערן צו זען דאָס געליבטע געזיכט פֿון איר זון. זי וועט נישט קאָנען מער פֿילן אויף דער האַנטפֿלאַך דעם באַריר פֿון זיינע הענט, זי וועט נישט הערן זיין שטימע און וועט שוין נישט קאָנען לייענען פֿון זיינע שטריכן. אַפֿילו אירע דערמאָנונגען וועלן פֿאַרשווינדן אין דער אומענדלעכער טיפֿער און שווייגנדיקער שוואַרצקייט. און דערמאָנונגען האָט מלכּה גאָר אַ סך. יעדער טאָג פֿון איר לעבן האָט זיין אָרט אויף דער לאַנגער לענטע פֿון זכּרון. גאָר נישט אַזוי ווייט אין עבר איז זי געווען אַ קליין מיידעלע, וואָס פֿלעגט אין די אָוונטן איינשלאָפֿן ביי דער קלאַפּעריי פֿון דער ניי־מאַשין, אויף וועלכער איר פֿאָטער האָט גענייט פֿריערישע טאַנדייט־מלבּושים — אָך, וויפֿל מלבּושים האָט ער אין זיין לעבן אויפֿגענייט...

שפּעטער זענען געקומען די שיינע האָפֿענונגספֿולע מיידלשע יאָרן. די ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט יענעם פֿאַרליבטן בחור, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן איר מאַן.

צום יאָר נאָך דער חתונה, ווען איטשע איז געקומען אויף דער וועלט, האָט מלכּה נישט דערלויבט קיינעם דערנענטערן זיך צו זיין וויגעלע. זי איז געווען אייפֿערזיכטיק אויף יעדער צערטלעכקייט, מיט וועלכער עמעץ האָט געוואָלט צוגיין צו איר קינד. איטשע האָט אומטיילבאַר געהערט צו איר — ער איז געווען אַ טייל פֿון איר לייב, פֿון איר בלוט, פֿון איר נשמה. און אַזאַ איז ער פֿאַר איר פֿאַרבליבן ביז היינט.

אויפֿן בעט שטעקט אַ פֿאַרוויקלט קלומיקל באַנדאַזשן. מיט דריי שעה צוריק האָבן די דאָקטוירים אַמפּוטירט מלכּהס רעכטן פֿוס. איצט וועקט זיך דער ווייטיק נישט אין דער פֿאַרבאַנדאַזשירטער וווּנד, נאָר ער-

גען בידעריקער, ערגער דאָרט, ווו עס איז שוין נישט פאַראַן קיין ליב, חוץ עס איז בלויז פאַראַן דער פוסטער פלאַץ אויף וועלכן עס איז נאָך נעכטן געלעגן דער קראַנקער גליד. מלכהן דאַכט זיך, אַז צו איר מוח דערגייען ווייטיקן פון יענעם טייל ליב, וואָס איז פאַרבליבן אין אָפּעראַציע־זאַל, צווישן די פאַרבלוטיקטע שטיקער גאַזע און וואַטע.

— אַזויפיל מינים ליידן זענען פאַראַן אויף דער וועלט — טראַכט מלכה — און דאָך... און דאָך, ווען עס וואָלט נאָר געווען מעגלעך צו פאַרבליבן ביים דאָזיקן ווייטיק, ווען עס וואָלט נאָר געווען מעגלעך צו ליידן אַזוי ווי איצט און אפילו נאָך מער — אַבי לעבן... פאַרהאַלטן ביי זיך דעם דערוואַקסענעם זון, קאָנען מינדעסטנס איינמאָל אין טאָג זען אים לעבן זיך, פרייען זיך מיט זיין אָנוועזנהייט, פרייען זיך מיט זיין שמייכל...

אָבער מלכה ווייסט, אַז דאָס איז אוממעגלעך. זי קען גאַנץ גענוי דעם פּראָצעס, וואָס קומט איצט פאָר אין איר אָפּגעשוואַכטן קערפּער. אַמאָל, מיט יאָרן צוריק האָט אַ פאַרליבטער סטודענט איר געוויזן אַ פאַרביקן אַנאַטאָמישן אַטלאַס. קוקנדיק אויף דער געדיכטער נעץ פון אָדערן און בלוט־געפעסן, האָט מלכה געזאָגט:

— די דאָזיקע אָדערן זעען אויס ווי די צעפלוסן פון טייך מיסיסיפּי...

דער פאַרליבטער סטודענט, איר קומענדיקער מאַן, האָט געענטפערט:

— ביסט גערעכט, מיין קינד... ווען נישט דער טייך מיסיסיפּי און אַלע אַנדערע טייכן, וואָלט די וועלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויסטעניש...

מלכה, דעם שניידערס טאָכטער, פאַר וועלכער דער געלערנטער מאַן האָט אַנטפּלעקט פאַרשיידענע סודות פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט, פאַרשטייט, אַז אַלע טייכן ווערן פאַר איר איצט אויסגעטריקנט. דאָס בלוט אין די סקלעראָטישע אָדערן האָט אויפגעהערט נאָרמאַל צו פליסן. פון די פיס צעשפּרייט זיך די פאַרגיפטונג, דער דרוק פון דעם בלוט ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסער און אַלץ נענטער ווערט דאָס אומפאַרמיידלעכע, דאָס שרעקלעכע...

אַ טראַגישן אומזין געפינט מלכה אין דער דאָזיקער פעסטשטעלונג: אין אַ געוויסן טאָג, שוין גאָר אינגיכן, וועט איר איינציקער זון פאַרבלייבן אַליין אויף דער וועלט, אירע הענט וועלן שוין מער נישט באַרירן זיינע האָר, נישט זיין געזיכט, נישט זיינע ליפּן... ער וועט זיך אַרומבלאָנקען אויף די גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, פילנדיק זיין איינזאַמקייט צווישן

פרעמדע מענטשן. ער, מיט זיין לייכטגלויביקייט און עמפינדלעכקייט — אַ קינד...

מלכה טראַכט איצט וועגן דעם, צי איטשע וועט וויינען, צי ער וועט זיין פאַרצווייפלט. צי וועט ער זי דערמאָנען יעדן טאָג, יעדע שעה? צי וועט ער שטאַרק ליידן? ביז די צייט וועט פאַרהיילן די פרישע וווּנד און ווילד־גראָז וועט באַוואַקסן זיין מוטערס קבר...

איר קינד וועט ליידן. און זי האָט דאָך שטענדיק זיך באַמיט אָפּצו־היטן אים פון ייִעדער ברוטאַלקייט, פון יעדער זאָרג. אָך, ווען זי וואָלט עס געקאָנט באַפרייען אים פון אַלע אַנטוישונגען און פּיינען, וועלכע לויערן אויף אים אין דער צוקונפט. זי וואָלט אויף זיך גענומען אַלץ — אַלץ אַחוץ וואָס? זי וואָלט אים איבערגעלאָזט אַ ביסל פּיין נאָך זיך, נאָך זיין מוטער... מיט דעם דאָזיקן געדאַנק דערוויטערט מלכה אויף אַ ווײַלע די שרעק פאַר דער פאַרגעסנקייט. די שטאַרבנדיקע אַלטע פרוי וויל ניט פאַרגעסן ווערן.

— איטשע, בייג זיך צו...

דער זון בייגט צו זיין געזיכט צו איר געזיכט און קושט אירע ליפּן, וועלכע האָבן איצט דעם טעם פון הייסע טרערן. אַ וואַרעמע כוואַליע פון ליבשאַפט פילט אָן זיין האַרץ און זיינע אויגן.

אין מוח פון דער אַלטער פרוי דערוואַכט אַ געדאַנק: צי וועט ער באמת זיין איינזאַם? וועלכע פרוי וועט קושן זיין שטערן? זיינע ליפּן? אויף דער וועלט איז פאַראַן אַזויפיל שלעכטס...

— איטשע, זאָג מיר מיין קינד... איך האָב דיך אַמאָל געזען מיט אַ מיידל. זייער אַ שיין מיידל... וואָס איז צווישן אייך? האָסט זי ליב?

דער זון ווערט רויט און זיין שטימע איז אַ שעמעוודיקע.

— איך ווייס אַליין ניט, מאַמע. זי איז זייער אַ גוטע.

— אפשר וואָלסטו מיט איר חתונה געהאַט?

— כ'האָב קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן דעם, מאַמע...

— פאַרוואָס זאָגסטו מיר ניט, צי דו האָסט זי ליב?

— מיר דאַכט זיך, מאַמע, אַז דאָס איז ניט יענע ליבע, וואָס דו מיינסט...

די אַלטע פרוי שמייכלט גוטמוטיק.

— אַזאַ שיין מיידל. זאָג מיר צו, מיין קינד, אַז וועסט מיט איר חתונה האָבן... איך בעט דיך...

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און האָט איר צוגעזאָגט. ער האָט עס געטאָן מיטן פֿולן באַוווּסטזײַן, אַז ער זאָגט ליגן.

מלכּה האָט צוגעמאַכט די אויגן און זיך צעשמייכלט. זי איז איצט געווען רויִק. אין איר מידן מוח איז געבוירן געוואָרן אַ בילד פֿון אַ קליין קינד, פֿון אַ קליין ראָזעווע מיידעלע — דאָס וועט זײַן איטשע קליינמאַנס טאָכטער. דאָס וועט זײַן איר אייניקל. און נאָך איר וועט עס ירשענען דעם שיינעם נאָמען — מלכּה.

די אַלטע קראַנקע פֿרוי שלאָפֿט איין מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס לעבן פֿון מענטש איז קורץ און אָרעם, נאָר וווּנדערלעך איז די האָזיקע אייביקע פּאַסמע, וואָס ציט זיך פֿון איין דור צום צווייטן...

לייענענדיק דיין בריוו...

מיין טייערע.

לייענענדיק דיין בריוו, פיל איך, אז דו האָסט אים געשריבן אויף דער שוועל פון איינזאַמקייט. די דאָזיקע פעסטשטעלונג טוט מיר ווי. איינזאַמקייט איז אַ ים, וואָס שווענקט אונטער אונדזערע ברעגן.

איך קען דאָס דאָזיקע טרויעריקע געפיל. טיילמאָל קוק איך אין דעם שפּיגל, איך פאַרטראַכט זיך איבער מיינע גרויע שלייפן, מיין פּנים איז שוין אין קנייטשן און דער רוקן ווערט אַלץ מער געבויגן — אַזוי ווי עס פלעגט זיך אַמאָל זינגען אין די פאַרצייטיקע פאָלקס־לידער. איך קלער וועגן דעם, וואָס עס האָט מיר ערשט ניט לאַנג געזאָגט דער דאָקטער, איך פיל אַ דורכנעמענדיקן ווייטיק אין ברוסט־קאַסטן, און איך ווייס צו וואָס דאָס אַלץ דערנענטערט מיך. עס גייט דאָ ניט וועגן פּחד — עס איז עפּעס מערער. עס גייט וועגן דער פוסטקייט, וועגן דער הוילקייט, וועגן דער שטילקייט, וועגן אַ געשטאַלט, וואָס האָט נישט קיין שום געשטאַלט, וועגן אַ קאָליר, וואָס איז נישט קיין שום קאָליר, וועגן אַן אַבסאָלוט, וואָס איז אַזוי שווער, אַזוי זיכלאָז, אַזוי אומגערעכט.

צום גליק, מיין טייערע, צום גליק געדויערט עס נישט לאַנג, נישט מער ווי אַ ווײַלע. דערנאָך זעץ איך מיך ווידער אַוועק צום שרייבן, און די וועלט איז ווידער פול מיט האָפענונג, זי איז ווידער אייביק און אומשטערבלעך, און דאָס לעבן איז ווידער רייך, און ס'איז אַ ליגנט, אַז איך זיץ אין אַ קאַלטן צימער, אין געהויד פון ביכער און בילעקע פּאַפּיראָסן.

עס איז אַזוי, ווי איך וויל. אַזוי ווי איך באַגער. עס איז נישטאָ קיין איינזאַמקייט. יעדער ווינקל פון מיין צימער איז העל פון פרייד. אין פענצטער — דער בלויער הימל, אפילו די זון פאַרהאַלט זיך טיילמאָל אַנטקעגן מיר און באַשענקט מיך מיט פאַרגעניגן און פרייד. אין פענצטער — בליענדיקע פעלדער, דער ווינט ברענגט מיר זייער אַנטציקנדיקן גערוך. אין פענצטער — בושעווען ימען און אָקעאַנען, ווינטן און געוויטערס. בלומען

אַנטוויקלען זיך, טויזנטפאַרביקע — זיי זענען זיס און דופטיק. בלומען, וועלכע מען טאָר נישט פאַרניכטן. זיי לעבן אַן אומשולדיק לעבן און דעריבער זענען זיי הייליק.

מיין טייערע, טו זיך אָן. טו זיך אָן וואַרעם. מיר לאָזן זיך אין אַ ווייטער רייזע. מיר וועלן וואַנדערן דורך די שנייאיקע בערג פון טיבעט. אייל זיך צו. עס וואַרטן אויף אונדז וואַרעמע אינדזלען אויף ווייטע ימען. קליינע דערפלעך אין די געדיכטע אַפריקאַנישע וועלדער. אומעטום זענען פאַראַן אונדזערע פריינד. און צום סוף וועלן מיר זיך באַזעצן אויף די שטילע ברעגן פון אַנטאַרקטידע און מיר וועלן אויף דאָס ניי זיך לערנען דערקענען, ווו עס איז צפון און ווו דרום.

פאַרוואָס האָב איך אין דאָזיקן בריוו דערמאָנט דאָס וואָרט איינזאַמקייט? דו ביסט דאָך לעבן מיר, אפילו דעמלט ווען דו ביסט נישט דאָ? צוזאַמען אַנטדעקן מיר נייע קאָנטינענטן, אינדזלען מיט מאָדנע שטעט, אין וועלכע עס וווינט נישט קיינער, אָדער אַזעלכע, ווו עס וווינען איידעלע מענער און גוטע שיינע פרויען. פאַרשטייט זיך, אַז שענער פון אַלע ביסטו.

עס רינגלען דיך אַרום קינדער, אַ סך קינדער. זיי ווייסן, אַז דו ליבסט זיי. דו וועסט פאַר זיי אַנטפּלעקן די שיינקייט פון דיכטערישן וואָרט און וועסט זיי לערנען רעגירן, באַלעבאַטעווען איבער דער עקשנותדיקער וועלט. די דאָזיקע קינדער — ווען זיי וועלן דערוואַקסן, וועט נישט זיין קיין מלחמות. וועסט זיי אויסלערנען טיילן זיך מיט ברויט און מיט פרייד.

מיין שיינע, מיין אומבאַקאַנטע!

אין מיינע אויערן קלינגט שטענדיק דיין שיינער נאָמען. און נעמען האָסטו טויזנט, און געשטאַלטן טויזנט, און פּנימער אויך שמייכלען... דו ביסט די טאָכטער פון אַ יאַפּאַנעזישן פישער — דער ים האָט אים איינגעשלונגען דעם זעלבן טאָג, ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן.

אין יאָהאַנעסבורג, אין געטאָ פאַר נעגער האָסטו זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן, בכדי צו פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן פרייהייט און פאַרשקלאַפונג.

איך האָב דיך געזען אין סיציליע. ביסט געלעגן אין שפּיטאָל. מען האָט דיך פאַרוווּנדעט, קאַלטע מענטשן האָבן עס געטאָן דעם זעלבן טאָג, ווען די פויערים פון דיין דאָרף האָבן פאַרנומען אין באַזיץ די פּריצישע פעלדער — זייערע פעלדער.

דו ביסט געווען אַ קראַנקן־שוועסטער אין יענער שטאָט, ווו אפילו קליינע קינדער האָבן געקעמפט פאַר פרייהייט.

און ענלעך ביסטו צו מײַן שװעסטער, װאָס מען האָט זי פֿאַרברענט אין צװאַנציקסטן יאָרהונדערט אין אַ קאַלך־אױװן פֿאַר מיליאָנען לעבעדיקע מענטשן.

איך האָף און איך גלױב, אַז כאָטש דאָס אַלץ װאָס איך װײס װעגן דיר איז אמת, דאַרף שרעקסטו זיך נישט פֿאַר דײַן נאָמען, מיט װעלכן עס זענען פֿאַרבונדן אַזױפֿיל לײדן, אַזױפֿיל פּײַן.

אָ, לײדנדיק — לעבן מיר לענגער, און גענײענדיק אױף זיך דעם שמערץ פֿון מענטשן װײטע, פֿאַרברײטערן מיר אונדזער קלײן װעלטל אױף אַזױפֿיל מײל, װיפֿל װונדן מיר זענען גרײט צו פֿאַרטראָגן. שטאָלצע גרױסן זיך מיט זײערע קרײצן און אָרדנס — מיר זענען שטאָלץ מיט אונדזערע לײדן.

מײַן יונגע, מײַן שײנע.

איך דרינג אַרײַן אין דײַן עבר און אין דײַן קעגנװאַרט. איך זע דיך אינמיטן פֿון דער װעלט. עס איז װי אױף אַ יאַריד. די הענדלער רײסן זיך אַרױס פֿון די הענט שטיקער פֿלײש, אָדער שטיקער בלאָטע — עס דאַכט זיך זײ, אַז עס זענען טײַערע אײדלשטײנער. אָדער זעלטענע זיסקײטן פֿאַר דעם גומען. און דער גומען איז בײַ זײ אַ װאַזשנער, אַ מיוחסדיקער. אַדאַנק דעם גומען — שרײַען די הענדלער — אַדאַנק דעם גומען לעבן מיר.

און נאָך שרײַען זײ: אײַלט זיך צו, װײַל הײַנטער אונדז איז אַן עמוד־האש און אַן עמוד־האש איז פֿאַר אונדז. מיר זענען נישט מער װי אַ פּינק צװישן צװײ נעכט און אַלץ איז פֿליסיק, פֿליסיק, אַפֿילו די מאַטעריע.

עס איז געװען אַ טראָפּן אמת אין דעם, װאָס זײ האָבן געשריגן. נישט מער װי אַ טראָפּן. די נאַכט האָט אױסגעצױגן אירע לאַנגע געשפּענסטערהדיקע הענט, זי האָט אַרומגערינגלט דײַן בעט, אירע אָרעמס האָבן זיך פֿאַרפֿלאָכטן אַרום דײַנע ברוסטן, דאָס בלוט האָט געקאָכט אין די אָדערן, אין די שלײפֿן, עס האָט געבראַזשט און געקלאַפּט אין די אינעװײניקסטע געװעבן פֿון דער הױט.

ביסט געװען אַ דערװאַרטנדיקע. האָסט נאָכגעהאָרכט פֿון װאַנעט ער װעט אָנקומען, און צי ער װעט זײַן דער זעלבער, װאָס דאַרף אָנקומען. אָבער ער איז נישט געװען דער דאָזיקער, װאָס דו האָסט אױף אים געװאַרט.

דער, װאָס דו האָסט אױף אים געװאַרט, איז געװען נישט מער װי אַ געשטאַלט פֿון דמיון — דו אַלײן האָסט אים באַשאַפֿן מיט דײַנע

חושים. האָסט עס געטאָן אין אַ ליכטיקן פרילינגדיקן טאָג. האָסט אים באַשאַפן פון ווינט, וועלכער האָט זיך געטראָגן איבער די ראָזעווע קנאָספן פוןביימער, פון ווינט, וועלכער האָט זיך געטראָגן איבער דער גריניער וועלט — און נאָר דיינע אויגן האָבן עס געזען און אפשר נאָך די זון. און קיינער מער.

דערנאָך ביסטו פאַרבליבן מיט דיינע דמיונות.

אַ סך איז פאַראַן דמיונות אין אונדזער לעבן. זיי בילדן די אמתע העלדן פון אונדזערע חלומות. זיי זענען טיטאַנען, טרובאַדורן, זיי שפּילן טעאַטער און פירן מלחמות, זיי שטילן די בענקשאַפטן פון פאַרליבטע פּרויען, זיי פירן די מענטשהייט צו ליכטיקע צייטן, זיי פאַלן אין שלאַכטן און אין הוילן און ווערן ווידער לעבעדיק — פאַנטאָמען אומשטערבלעכע.

און ווייל מיר באַנוצן זיך מיט פאַנטאָמען, זאָגט מען, אויף אונדז אַז מיר זענען לייכטזיניק, און אַז מיר אַנטלויפן צו דער צייט וואָס איז שוין פאַרביי און צו די העלדן, וואָס זענען שוין פאַרביי, און צו ניגונים וואָס זענען פאַרביי. אָבער דאָס איז נישט וואָר. אונדזערע דמיונות לויפן ווייט אין דער צוקונפט, זיי זענען ווי די באַגערן וואָס קומען שטענדיק פאַר די טאַטן.

פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן פיינט דמיונות, טרוימערייען. זיי זאָגן: איר ווילט איבערפאָרעמען דאָס לעבן אין מיראַזשן, און דאָס ברויט ווילט איר פאַרוואַנדלען אין שוים פון ים. זיי זאָגן: ברויט איז רעאַל בלויז דעמלט, ווען מען קאָן עס צוטראָגן צום אייגענעם מויל; אַ שטיין איז רעאַל בלויז דעמלט, ווען מען קאָן אים וואַרפן אין אַ מענטשן. רעאַל איז בלויז דאָס וואָס געפינט זיך אין אונדזערע הענט. אַזוי זאָגן אַ טייל מענטשן, ווייל זיי פאַרשטייען נאָך נישט מער. אפשר וועלן זיי פאַרשטיין אין הונדערט יאָר אַרום.

מיין ליבע, דו שרייבסט, דו דערמאָנסט מיר, אַז וואָלקנס זענען די ראָזן דער וועלט. דו פרעגסט: ווער וועט אונדז העלפן פאַרגעסן ווען זיי? ווער וועט באַשענקען מיט אַ שמייכל די דערשראָקענע? ווער וועט דערמוטיקן די באַדראָטע? און צי וועלן מיר באַווייזן צו פאַרטרייבן די וואָלקנס? געווים, געווים וועלן מיר עס באַווייזן...

דורך אומזעבאַרע טירן גייען מיר אַריין אין די וווּנדערן און מיר זאָגן: דאָס לעבן וואָס איר לעבט איז אייער לעבן. דער הימל איז אייערער און די ערד און דאָס ברויט און די בלומען. די צערטלעכקייטן פון פרויען און די לידער. איר קאָנט מיט די דאָזיקע זאַכן באַשענקען דעם, וואָס

איז אייך ליב. איר קאָנט זיי נעמען פון די, וואָס האָבן אייך ליב. אָבער קיינער טאָר אייך גאָרנישט אָוועקנעמען מיט כוח, מיט געוואַלט. קיינער טאָר נישט פאַרשטעלן דעם הימל מיט אַ שוואַרצן וואָלקן, ווייל דאָס לעבן איז אייערס, צו אייך געהערט עס.

זים איז דאָס לעבן. ווייַן וואָס פאַרלירט נישט זיין קראַפט.

איך האָב געלעבט הינטער אַ גענץ פון אייזערנע קראַטן. דאָס ליכט האָט קוים געקאָנט אַריינדרינגען דורך דעם שמאָלן פענצטער פון דער קאַמער. דער שומר וואָס פלעגט דערלאַנגען דאָס שטיקל ברויט מיט דעם קריגל וואַסער — דער שומר האָט געשוויגן, ווייל ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז דער געפאַנגענער איז פאַרבענקט צו הערן אַ וואָרט. דער שטיינערנער באַלקן האָט זיך גיהעריק געבויגן, בכדי דער מענטש זאָל נישט קאָנען הייבן דעם קאָפּ. דער דיל האָט געקילט די פאַרפרוירענע פיס. לעבעדיקערהייט האָב איך געפוילט, און די שומרים האָבן געשפעט און חוזק געמאַכט אויס מיר. נאָך זייער פרייד איז געווען אַ קורצע. זיי פלעגן נאָך איר אַריינפאַלן אין אַ פאַרשטאַרונג, אין אַן אומרו, און דער פחד האָט אָנגעפילט זייערע אויגן, און דער פחד האָט אין זיי געוואָיעט ווי אַ משוגענער הונט. מיט שרעק זענען זיי געלאָפן, אַנטלאָפן פון זיך אַליין, באַהאַלטן זיך אין שונאה און אין שיכרות.

און מיך האָט צעשפּאַרט אַ פרייד — איך האָב געלעבט. פון זכרון פלעג איך באַפרייען שטראַלן ליכט, וועלכע האָבן פאַרטריבן די אמתע פינצטערניש. כ'האָב געוועקט צום לעבן ווערטער אַמאָליקע, פאַרגעדענקטע, ריינע, און שמייכלען צאַרטע, און בלומען הונטיקע, און פרייען־אָרעמס, אָרעמס פון שוועסטער, און זייערע צאַרטע באַוועגונגען. די וואַנט אַרום מיר איז געווען אַ דינע, אויך שפינוועבס, וואָס מען קאָן זיך פון איר באַפרייען מיט איין בלאָז.

איך בין געווען צווישן מענטשן און מענטשן זענען געווען אַרום מיר. האָב איך זיי געדאַנקט און געזאָגט: איך בין פריי דורך אייך, דורך אייער אָנוועזנהייט. זיי האָבן געקוקט אויף מיר אָן מיטלייד, אָן רחמנות. זיי זענען פון מיר געווען צופרידן. דאָס איז אונדזער מענטש — האָבן זיי געזאָגט. און קליינע יינגלעך האָבן מיך באַוווּנדערט און געטראַכט: ווען מיר וועלן אַ ביסל אויסטערוואַקסן, ווען מיר וועלן זיין אַ ביסל גרעסער, וועלן מיר אויך גיין מיט דעם זעלבן וועג.

די וואָס זענען געגאַנגען מיט דעם זעלבן וועג... זיי האָבן — ווי טרע־גערס — געצויגן די מאַסע פון דער וועלט צו האָריזאָנטן, וואָס זענען

נישט פאר יעדן אייניציקן געווען זעבאר. זיי האבן זיך נישט אומגעקוקט אויף קיינעם און אויף קיין שום זאך. ווייל צו וואס און נאך וואס? די אויגן פון די שומרים האט מען דאך געפילט אויפן רוקן, אפילו דורך דעם דיקן שטאף פון מאנטל. און אזוי זענען זיי געגאנגען צו די האריזאנטן, וואס זענען ווייט, ווי דער קבר פון משה רבינו. זיי האבן געשמייכלט צו די אייגענע טרוימען און די טרוימען האבן זיך שטענדיק דערווייטערט, און געווען איז עס גרויזאם און שיין.

טיילמאל פלעגט ווער פון די טרעגערס פארבלייבן, בכדי צו געפינען רו אויף דער ערד, וואס איז געווען אונדזער ערד. טיילמאל האט געסקריפעט די תליה, טיילמאל האט געדראשן א געווער — צען געווערן אין איין ברוסט. טיילמאל פלעגט ווער אומקומען מיט א גרויזאמען טויט — דערשטיקט דורך ליגנס, דורך נידערטרעכטיקן חשד.

פארוואס איז נישטא קיין אומשטערבלעכקייט?

אבער די, וואס זענען געבליבן לעבן, זענען אויך פארבליבן טריי צו זייערע טרוימען. טריי צו אזעלכע וועגווייזערס, וואס זאגן נישט קיין ליגן.

לאמיר זיך ווערן, לאמיר פארטיידיקן אונדזערע טרוימען פאר שפאט און לצנות. מיר זענען שוואך און קראנק. טיילמאל שרעקן מיר זיך. לאמיר גיין צו יענע האריזאנטן פונקט ווי נעכטן און אייערנעכטן. דאס וועט אונדז העלפן.

טרוימען זענען נישט אייגנזאם, כאטש זעלטן אנטשטייען זיי פון פרייד. גאר אפט קומען זיי פון ליידן, פון צער, פון דערפארונגען טרויעריקע, פון בענקשאפטן צו פארלוירענע געטער, פון ווידערשטאנד אנטקעגן שטייענדיקע וואסערן און אנטקעגן טויטע געשטאלטן.

וועגן וואס האבן געטרוימט אונדזערע אייגזאמע שוועסטער, געטריבענע אויפן שייטער? וועגן וואס — דער אלטער ייד, דער קאטוילישער גלח, דער יונגער אומגעבראכטער ציגיינער? דער נעגער, וועמענס פאטער האט פארנומען דעם עלעקטרישן שטול? וועגן וואס האט געטראכט דער אפיקורס, וואס האט פארלאזט זיין גאט, בכדי צו פאראייניקן זיך מיטן מענטש?

לאמיר פארטיידיקן אונדזערע חלומות, שוועסטער מיינע. יענע שטילע טרוימען, וואס זענען געבוירן אין בענקשאפט, און אויך יענע, וואס אין צער.

איך שרייב דיר וועגן זאכן אומעטיקע, נאר איך האף, אז די, מיין קלוגע, וועסט געפינען אין זיי א קערנדל טרייסט.

מיר לעבן אין צייטן, וואָס קיינער איז נישט אימשטאַנד זיי ריכטיק אָנצורופן ביים נאָמען. גרויזאַמע צייטן און טונקעלע. פּרעכטיקע צייטן, פול מיט ליכט, פול מיט שיין. צייטן פון איקאַרוס, פון פאַרשקלאַפונג און פון פרייהייט. פון ליבע און פון האַס. פון גערעכטיקייט און געוואַלט. פון לעבן און פון טויט. מיר לעבן אין דער מיט פון צייט און אין דער מיט פון דער וועלט.

פאַראַן אַ כינעזישע טויער — אויף יענער זייט טיילן זיך קינדער מיט ברויט און מיט שפּילעכלעך. אין פאַרכישופטע לאַבאָראַטאָריעס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זידט דאָס גיהנום — לאָמיר פאַרצייכענען אויף דער מאַפּע די פעלדער פון צוקונפטיקע זיגן און מפּלות. לאָמיר פאַרצייכענען די הימלישע שליאַכן — אויף די שטערן איז שטיל, שטיל און אָן קיין שום געפאַר. אַ נאַכט איז הינטער אונדז. אַ פינצטערניש. קבֿרים אונטער יעדן קעלער. ביינער פאַר אַרכעאָלאָגן, וועלכע וועלן קומען און אונדז אַנטדעקן. זיי וועלן זאָגן: דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט — אַן עפּאָכע פון געפערלעכע עפּידעמיעס. צי וועלן זיי אויך אַנטדעקן די מיק־ראָבן פון דער עפּידעמיע?

פינצטערניש איז הינטער אונדז — קיינער פאַרשטייט נישט וויאַזוי דאָס איז געשען. וויאַזוי דאָס האָט געקאָנט געשען.

אַ ביסל ליכט! מיר דאַרפן אַ סך ליכט. מיר ציען די אָרעמס צו דער וועלט, מיר ווילן זיך אָננעמען ביי די הענט, מיר ווילן געבן און ווילן נעמען — בכדי נישט צו זיין איינזאַם. בכדי נישט צו פאַרלירן זיך אין דער איינזאַמקייט.

און טאָקע דערפאַר דאַנק איך דיר פאַר דיין בריוו.

די וועלט איז אַזאַ, ווי מיר ווילן זי זען. און אַזעלכער איז אויך דער מענטש.

אַ גוטע נאַכט, מיין ליבע...

ערב פרילינג

צעווירענע דאָרפֿישע וועגן. דער גערוך פֿון ערד. בלומען, די ערשטע, די שענסטע. ערבֿ פֿרילינג. דער ווינט טרייבט אויפֿן הימל טאַבונעס ווייסע און גרויע, דער ווינט וויגט די נאַקעטע צווייגן פֿון די ביימער.

איך זע מענטשן. זיי גייען אַנטקעגן דעם ווינט, זיי פֿאַרמעסטן זיך מיט אים. אָ, גוט איז צו פֿאַרמעסטן זיך, גוט איז צו קעמפֿן און נישט צו בייגן זיך. גוט איז צו זיין שטאַרק און צו זיין גערעכט און צו זיין יונג.

איך בין יונג. גלייבט נישט, אַז דער מענטש עלטערט זיך. איך בין יונג, יונג — איך בין אַלט נישט מער ווי אַכצן יאָר, און איך ווייס נאָך נישט וואָס דאָס איז גרויקייט, און איך ווייס נאָך נישט וואָס עס הייסט אָפּמעסטן די אייגענע מעשים אויף דער וואָג פֿון רעכטאַבלקייט.

איך בין יונג. יעדן טאָג זאָג איך מיין תּפֿילה צום מאָרגנשטערן, וואָס הענגט צווישן די קאָנאַרעס פֿון דעם ווילדן בייוועניקן עפּל־בוים. יעדן פֿרי־מאָרגן צעשטער איך אויפֿדאָסניי די פּאַלאַצן און פֿאַבריקן, פֿון דער נאַכט רייס איך אַרויס די שטיינער, בכדי צו בויען באַריקאַדן. און אין אָוונט — אין אָוונט בין איך פֿאַרנומען מיט מיין מיידל, מיט מיין ליבשאַפֿט — זיס איז זי, און איידעלע שטריכן האָט זי, און סובטעל איז איר שווייגן און איר שמייכל — דער שענסטער שמייכל פֿון אַלע פֿרויען.

זי איז אָרעם, די געליבטע מיינע און בין איך אָרעם. זי איז אַ דינסטמיידל און איך בין אַ זון פֿון אַ שוסטער.

— עס וועט קומען אַ טאָג — זאָג איך צו איר — עס וועט קומען אַ טאָג, ווען איך וועל דיין האַלדז באַצירן מיט די שענסטע פּערל פֿון דער וועלט.

— איך וויל נישט קיין פּערל — זאָגט מיין אָרעמע פּרינצעסין — איך וויל בלויז דיך, מיין ליבער...

— דורך דיר וועל איך שטאַרבן... — זאָגט מיר מיין אָרעמער גוטער טאַטע, ווען איך קום אַהיים שפּעט אין דער נאַכט — וואָלסט דאָך גע־

קאַנסט תּחונה האָבן מיט אַ רײַך מיידל פֿון אַ נגידישער הײם, און מיר וואָלט אויך געווען לײַכטער. זעסט דאָך, אַז איך האָב שוין נישט קיין כּוח צו דער אַרבעט...

— איך זע, טאַטע, איך זע. מוזט אָבער זײַן געדולדיק. נאָך אַ יאָר, נאָך צוויי. אַלץ וועט זיך ענדערן. וועסט זען, טאַטע...

— ווען? וואָס רעדסטו דו? ס'וועט נאָך ווער הערן, וועט מען דיך אײַנזעצן...

— זײַ רואיק...

און אינדרויסן, אַרום אונדזער שטוב — איז נאַכט. עס איז קאַלט. פֿון די שמאָלע געסלעך טראָגן זיך די גערוכן פֿון אָרעמקייט.

דבורהלע ציטערט אין דעם לאַנגן פֿינצטערן קאָרידאָר. זי וואַרט אויף מיר. איך נעם זי אָן בײַ דער האַנט און מיר גייען אין דער נאַכט — אַרום אונדז בליִען די קאַשטאַנען, אַרום אונדז שמעקן די רויזן, מיר טרעטן אויף פֿוכיקע גראָזער, מיר שווימען אויף ריינע וואַסערן אין ליכט פֿון דער לבֿנה, און מיר פֿליִען איבער די דעכער פֿון אונדזער שטעטל, איבער די בלאָטיקע געסלעך, מיר זיצן אַ ווײַלע אויף דעם דאַך פֿון קלויסטער, מיר קוקן אַרײַן דורכן פֿענצטער פֿון דעם אַלטן בית־מדרש... דבורהלע, די שיינע דבורהלע, רוט אין מײַנע אָרעמס. איר שיינער ליכטיקער קאָפּ ליגט אָנגעלענט אויף מײַן פּויסט — די בעטאָן־בריק איז האַרט און קאַלט... איך ליב דיך, דבורהלע, איך ליב דיך...

— טו זיך אָן... — זאָג איך צו איר שטיל און איך וועק זי און איך רוף זי צוריק צו דער ווירקלעכקייט — עפּעס איז דאָרט געשען בײַ אונדז אין הויז. די דאָזיקע שריט — דו הערסט?

עס סקריפּען די שטיוול, מען קלאַפּט ערגעץ אין אַ טיר.
אַ רעוויזיע. זיי זוכן.

דער טאַטע הויכערט דעם ציבוק. ער שווײַגט, אָבער זײַן געזיכט ציטערט פֿון אויפֿרעגונג.

— צום טײַוול... — שרײַט ער — וואַרפֿט נישט אַרום די שטיי פֿון בעט. איר מאַכט אַ שמאָל אויס מײַן וווינונג...

— רעדט נישט צו פֿיל... — באַרואיקט אים דער פּאָליציאַנט.

— איך האָב נישט קיין מורא פֿאַר קיינעם — שרײַט דער טאַטע — דאָס זענט איר פּחדנים, אַ רוח אין אײַערע קדמונים... זעט נאָר, ווען זיי זענען געקומען אַרעסטירן און פֿאַר וועמען זיי האָבן מורא...

— גיי שוין, גיי... — **טרייבט מיך דער פּאָליציאַנט און מיר פאַרלאָזן די שטיב.**

די זעלבע נאַכט, אָבער אַז זענען די שטערן? געלע פלעקן ליכט שפּרייטן זיך צו אונדזערע פיס פון די קליינע הייזעלעך. אָרעם זענען זיי די געסלעך און אָרעם איז אונדזער שטעטל, און די וועלט איז אָרעם. דער ווינט פייפט אין די אויערן, עס סקריפּען די פאַרזשאַווערטע שילדן אויף די יידישע געוועלבלעך.

אָט איז דאָס ראָטהויז. אַ קעלער, טונקל איז דאָ און דעריבער זע איך נישט די טרעפּלעך און פאַל אַריין טיף אין דער פינצטערניש.

אין הינטער דאָזיקער וועלט איז נישטאָ קיין ליכט. פאַרוואָס איז אַזוי טונקל?

— ווער איז געקומען?

— דאָס בין איך — און באַלד דערקענען מיר זיך, מיר דערקענען די שטימען. מיר ציילן: צען, צוואַנציק... מיר ליגן ענג איינער לעבן צווייטן אויף דער הילצערנער פּריטשע, מיר הוסטן.

— שטענדיק באַגעגענען מיר זיך נישט מער ווי דריי, פיר פאַרשוין און היינט? זעט נאָר... אַ פולע קאַמער...

— ווי מיינט איר? זענען מיר טאַקע פאַרשיט?

— עך, נאַרישקייטן. מאָרגן וועלן זיי אונדז אַרויסלאָזן...

מאָרגן. היינט איז ערשט נאַכט. ביז מאָרגן איז נאָך ווייט.

ווי מיינט איר, וויאַזוי וועט אויסזען די רעוואָלוציע אין פּוילן? הא, מען זאָל דאָס קאָנען וויסן, ווען... און מיר דאַכט זיך, אַז...

איך מאַך צו די אויגן און זע אַ וועלט אַ נייע, אַ שענערע. און די שטערן שיינען אַריין אין הינטער פּאָליציייאישן קעלער, און די לבנה באַווייזט זיך פון צווישן די כמאַרעס, און עס ווערט ליכטיק הינטער הימל, עס וויגן זיך די ביימער און די ראָסע פּערלט זיך אויף זייערע קאָנאַרעס.

— גוט מאָרגן — וואָרקעט דער פּאָליציאַנט און פירט אונדז אַרויס פון דער קאַמער. מיר גייען צום פאַרהער.

אַ ברייט קיילעכדיק געזיכט, אַ באַקאַנט געזיכט — אפילו אין חלום פלעג איך אים אָפט באַגעגענען. מיר זענען געוועזן צו זיך צוגעבונדן זיבעט עטלעכע יאָרן. אונדזערע וועגן פלעגן זיך אָפט צוזאַמענטרעפן. מיר זענען געווען צו זיך צוגעבונדן ווי אַ הונט צו זיין פריץ. ניין, נישט איך בין געווען דער דאָזיקער הונט. איך בין געווען דער האַר — פון מיר איז געווען אָפּהענגיק דער שפּאַציר, פון מיר זענען געווען אָפּהענגיק ז ײ נ ע טריט.

איך האָב אים געקאָנט שלאָפֿן נאָך זיך אַ שעה אָדער צוויי אָדער דריי, איך האָב געקאָנט גיין אין רעגן אָדער אין דער היץ, אין שניי אָדער אין אַ זאַווערוכע — און ער איז געגאַנגען אויף מיינע שפּורן. ווען איך בין געבליבן שטיין, איז ער אויך געבליבן שטיין, ווען איך בין געלאָפֿן איז ער אויך געלאָפֿן, דער דאָזיקער שאָטן מיינער, דער דאָזיקער סימבאָל פֿון אַ שאָטן. ער איז געגאַנגען אָדער געלאָפֿן אַ פֿאַרסאַפּעטער, אַ קוים לעבע־דיקער — ער איז געווען אַ דיקער און שווער נישט קיין יונגער. ווען איך האָב געזען, אַז ער איז שוין זייער מיד, פֿלעג איך אים טײלמאָל געבן די מעג־לעכקייט אָפּצורוען זיך. ווייל פֿאַרוואָס דען נישט? ער האָט אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק און אַזוי נישט קלוג, אַז אַ רחמנות פֿלעגט ער דערוועקן אין מיין האַרץ. ער האָט זיך, זעט אויס, פֿאַרגעשטעלט, אַז רעוואָלוציעס מאַכט מען אויף אַ שפּאַציר מיט אַ מיידל אין אַ זומערדיקער נאַכט, ווען עס בליען בלומען און ווען עס זינגען די סאָלאָווייען. און איך — איך האָב שטענדיק געפֿילט זיין אָנוועזנקייט — איך האָב שטענדיק געוווּסט, ווען ער גייט הינטער מיר, איך האָב עס געפֿילט אויפֿן רוקן, ערגעץ צווישן דער רעכטער און לינקער לאָפּאַטקע. צי איז עס נישט מאָדנע?

איך האָב געפֿילט, ווען ער איז נישט געווען עטלעכע טעג — דאָס האָט טײלמאָל פּאַסירט. אפשר איז ער קראַנק געווען, אָדער אפשר האָט ער דעמלט געהאַט אַן אַנדערע באַשעפֿטיקונג. דעמלט פֿלעג איך זיך פֿילן ווי אַ מענטש, וואָס האָט פֿאַרלוירן זיין שאָטן. אָדער ווי אַ מענטש וואָס האָט פֿאַרלוירן זיין הונט. און אפשר בין איך דעמלט געווען אומרואיק, ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז עמעץ אַנדערש גייט איצט הינטער מיר, אַן אַנדערער שפּיצל, וואָס קאָן זיין נאָך געפֿערלעכער, ווייל איך ווייס נישט וויאַזוי ער זעט אויס און פֿאַר וועמען איך מוז מיך היטן.

און אָט זיצט ער אַנטקעגן מיר, דער באַגלייטער מיינער, דער שאָטן מיינער — ער זיצט צעשפּרייט אין פֿאָטעל, ער זיצט באַקוועם, זיין דיקער גוף איז ברייט צעגאָסן און זיין געזיכט שמייכלט.

— זעץ זיך....

ער האָט מיך באַטראַכט שווייגנדיק, געקוקט מיך מיט זיינע גראָע, וואַסערדיקע אויגן. וואָסאַראַ אינהאַלט האָט פֿאַרמאָגט זיין שווייגן. וועגן וואָס האָט ער איצט געקלערט? אפשר האָט ער מיר געוואָלט זאָגן אַזוי: פֿאַרוואָס פּייניקסטו מיך? צי זעסטו דען נישט, אַז איך האָב אַ פּלאַט־פֿוס און אַ דיקן בויך וואָס שטערט מיר ביים באַוועגן זיך... צי פֿאַרשטייסטו נישט, אַז איך האָב אַ פֿרוי מיט קינדער, און אַז פֿון צייט צו צייט

האָב איך אויך ליב צו טרינקען אַ גלעזל משקה. און אַז מיין פּרנסה־געבער, דער קאָמיסאַר באַוואַרפט מיך מיט טויטע קללות, ווען איך קום צו אים מיט ליידיקע הענט...

דער טייוול ווייסט, צי ער האָט טאַקע אַזוי און נישט אַנדערש געטראַכט, דער טייוול ווייסט, צי ער האָט בכלל וועגן עפּעס געטראַכט.

ער האָט פאַרוויקעלט אַ פּאַפּיראָס און מיך געוואָלט מכבד זיין, אָבער איך האָב נישט גערויכערט.

— איצט ווייסן מיר שוין אַלץ — האָט ער געזאָגט מיט אַ ברייטן פאַלשן שמייכל — דיר וועלן מיר גאָרנישט טאָן, דו ביסט נאָך יונג. וועסט זיך אָפּזאָגן פון די דאָזיקע ענינים און מיר, מיר וועלן אַלץ פאַרגעסן. דו מוזט אָבער אונטערשרייבן דאָס דאָזיקע פּאַפּירל...

איך האָב געשוויגן.

— דאַכט זיך מיר, אַז דו גלייבסט נישט... דו גלייבסט נישט, אַז מיר ווייסן אַלץ?

— איך ווייס, אַז איר ווייסט אַלץ. אָבער אַז איר ווייסט אַלץ, ווייסט איר דאָך מסתמא, אַז איך ווייס גאָרנישט...

— דו וועסט מיך נישט פירן ביי דער נאָז... — האָט ער אויסגעשריגן און גענומען באַליידיקן און זידלען מיין מאַמען און מיין באָבען און מיין עלטער־באָבען. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז ער איז מאַכט־לאָז, ער האָט נישט געהאַט אין האַנט קיין שום באַווייז.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער געענדערט דעם טאָן, און שווער אָטעמענדיק, האָט ער געזאָגט:

— איך מיין, אַז איינעם פון אונדז וועט הער שלאַג טרעפן... מיך, אָדער דיך...

— וויאַזוי גאָט וועט באַשערן... — האָב איך אים געענטפערט מיט אַ שמייכל.

אין אָוונט האָט מען אונדז אַרויסגעלאָזט. הבורהלע האָט אויף מיר געוואַרט לעבן ראָטהויז. צוזאַמען זענען מיר אַהיימגעגאַנגען און איך האָב הינם טאַטן פאַרגעשטעלט מיין כלה. ער האָט זי שטרענג באַטראַכט, אָבער זי האָט אים אַ קוש געגעבן אין דער האַנט — זי איז געווען אַ באַשיידן מיידל און זי איז אים געפעלן.

— קאָך אויף אַ ביסל טיי — האָט ער צו מיר געזאָגט און, באַטראַכ־טנדיק מיט אַ קענערישן בליק הבורהלעס האַלב־שוך, האָט ער צו איר גע־

זאָגט מיט אַ שמייכל: פרייליין, נעמט נאָר אַראָפּ פון פיס דעם רעכטן האַלב־שוך, וועלן מיר צושלאָגן אַ נײַ פלעקל.

און שוין האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף זײַן שיסטעריש בענקעלע.

דאָס אַלץ וואָס איך דערצייל דאָ האָט פּאַסירט ערב פרילינג.

דערנאָך זענען געקומען אַנדערע ערב־פרילינגס, ביטערע און פאַלשע. עס האָט געשיינט די זון און די פייגל זענען פרי צוריקגעקומען פון די וואַרעמע לענדער. אויף די פעלדער האָבן געשפּראָצט די ראָזעווע ווינטער־תבואות — אַ פריער פרילינג איז עס געווען און דאָך אַן אומעטיקער, אַן אומרואיקער.

מענטשן זענען געווען אומגעדולדיק, זיי האָבן נישט געוואָלט לײַדן. עס איז געווען שלעכט. איינע האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעט, אַנדערע — נאָך אַרבעטנדיק, האָבן שוין נישט געהאַט קיין ברויט.

אויף דער וועלט האָט זיך פאַרבונדן אַ גרויסע פאַרשווערונג אַנטקעגן דעם פּראָסטן מענטש, דאָס פאָלק האָט מתפּלל געווען, מען האָט געבעטן, גאָט זאָל צושיקן אַ גערעטעניש, אַ גערעטעניש אויף דער גאַנצער וועלט. האָט גאָט אויסגעהאָרכט די פּראָסטע תּפילות און האָט געשיקט אַ ברכה אויף דער מענטשלעכער פּראַצע. איז געקומען אַ גערעטעניש פון ווייץ און פון קאָרן, אַ פאַרפלייצונג פון תּבואה איז געקומען, דאָ, בײַ אונדז און אויך אין אַנדערע מדינות. שיינע תּבואה איז עס געווען, שיינע און ביליקע, אויף ברויט און אויף זעמל, און דערפאַר ווײַל זי איז ביליק געווען, האָט מען זי אַרײַנגעוואָרפן אין ים אַרײַן. ביליק איז געווען די תּבואה, אָבער די מענטשלעכע אַרבעט איז געוואָרן נאָך ביליקער, בחצי חינם איז זי געוואָרן און קיינער האָט זיך מיט איר נישט גערעכנט.

קלאָר איז דאָס געווען און פאַרשטענדלעך, און דאָך האָבן עס נישט געקאָנט פאַרשטיין די טונקעלע פויערישע קעפּ. האָט די מאַכט אַרויסגעשיקט צו זיי פּאָליציאַנטן, אַז די פּאָליציאַנטן זאָלן אויפקלערן און געבן צו פאַרשטיין יעדן פויער. די פּאָליציאַנטן האָבן אויסגעפירט זייער אויפגאַבע, זיי האָבן באַרויקט אַזוי ווי זיי האָבן געקאָנט און אַזוי ווי מען האָט זיי באַפוילן. עס זענען געווען לוויות, עס איז געווען אַ טרויער, און שטאַנד־גערינכטן זענען געווען, און אומלעגאַלע צײַטונגען מיט שוואַרצע ראַמלעך.

און נאָך אַנדערע פרילינגס זענען געווען. אַ פינצטערער פאַרדאַכט האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע שטעטל, ווי אַ גיפטיקע שלאַנג האָט ער זיך אַרײַנגעגליטשט אין די אַרבעטער־שטובן, געשאַפן דאָרט אַ וואַנט צווישן אַ מענטש קעגן זײַן בעסטן פרײַנד.

און טיילמאָל איז געווען פאַרקערט. אַ צוטרוי, אַ קלייכטזיניקער צוטרוי האָט געפירט צו פּראָט, פּראָט האָט געפירט צו נקמה. דאָס לעצטע וואָרט האָט געהאַט ראָס רעכט. געווען איז עס אָבער זייער רעכט, פאַר אונדז איז עס געווען אומרעכט.

דערנאָך זענען געקומען אַנדערע פרילינגס, און נישט נאָר פרילינגס. אָבער די קאַמער איז שטענדיק געווען גראָ, און דער פרילינג האָט שוין נישט געהאַט קיין שום פאַרבן. און אויך די יוגנט איז שוין נישט געווען מער קיין יוגנט.

פיר שריט איז געווען צום פענצטערל און פיר שריט צו דער טיר. לאַנגע שעהן און טעג. מאָנאַטן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין סוף. הצר מאַטע איז געווען ערגעץ ווייט, אין אַ וועלט וואָס האָט אויפגעהערט צו זיין רעאַל, ווייל רעאַל איז געווען בלויז די גראָע תפיסה-קאַמער.

ביינאַכט פלעג איך זען אין חלום דבורהלען — זי איז געווען שיין און רייציק. פון איין חלום צום צווייטן איז זי געווען אַלץ מער דערפאַרן אין איר ליבשאַפט, אין אירע צערטלעריייען — איך האָט זי געליבט, איך האָב זי געליבט פון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער און אַלץ שטאַרקער האָב איך צו איר געבענקט.

טיילמאָל פלעג איך וועבן חלומות וועגן דער צוקונפט. מאָרגן וועט אויסברעכן די רעוואָלוציע. מע וועט צעשטערן אַלע תפיסות, די וועלט וועט שטיין אין פלאַמען, און דאָס וועט זיין דער לעצטער קאַמף און די לעצטע שריפה. אַ נייע לעבן וועלן מיר דאַן אויפבויען, מיט גלייכע פליכטן און מיט גלייכן רעכט פאַר אַלע, און ברויט וועלן מיר האָבן פאַר אַלע, און די אַרבעט וועט זיין פול מיט פרייד און קיינער וועט מער נישט דערמאָנען מיט קללה דעם טאָג, ווען ער איז געבוירן געוואָרן.

אין ווינקל פון דער קאַמער איז געשטאַנען אַ שטינקנדיקער עמער. עמעץ האָט געהאַט אַ קראַנקן מאָגן. דער תפיסה-דאָקטער פלעגט אונדז באַזוכן צוויי מאָל אין חודש און פלעגט פאַר אונדז לייענען אַ קאַפּיטל פון דער ביבל, אָבער דאָס האָט קיינעם נישט געהאָלפן.

ביז עס איז ווידער געקומען דער אויסגעבענקטשטער ערב פרילינג. דורך דעם אָפענעם פענצטערל האָט געבלאָזן אַ ווינט — איר פילט? איר פילט דעם גערוך פון דער ערד? עס גייט דער פרילינג.

עד, וועלט שיינע, וועלט פרייע, פעלדער און וועלדער און טייכן... בענקשאַפט מיינע, בענקשאַפט אומגעדולדיקע, וואָס דריקט ביים האַלדז...

איך בין אַרויס פון דער תפיסה. געפרייט האָב איך מיך שטיל, קוים,

קוים, פונקט ווי איך וואָלט שוין פאַרלוירן דעם כוח צו פרייען זיך. דער־שלאָגן בין איך געווען און קראַנק.

דאָס שטעטל האָט זיך גאָרנישט געענדערט, און דאָך איז עס געווען אַביסעלע אַנדערש, אַביסעלע נאָך מער אומעטיק און אָרעם. מענטשן האָבן זיך געעלטערט. א טייל פון זיי האָבן אויף מיר געקוקט פאַרחידושט.

— זע נאָר, זע... דו ביסט שוין אויף דער פרייהייט? ווי שנעל די צייט אַנטלויפט...

אַזוי האָבן זיי געזאָגט און איך האָב שווייגנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. ווייל וואָס האָב איך זיי געקאָנט ענטפערן? די צייט איז שטענדיק רע־לאַטיוו...

איך בין געזעסן אויף דער שוועל פון שטוב. אַרום מיר איז געווען דאָס שמוציקע הייפל, מיט די קראַנקע קעץ, מיט דעם הינט וואָס האָט שטענדיק געגיוכעט אין מיסט־קאַסטן. אויף א טרעפּל איז געזעסן אן אַלטער בעטלער און ווי שטענדיק געגריבלט אין בוזעם.

איך האָב אויפגעהויבן דעם בליק צום ערשטן שטאָק און גענומען רופן:

— דבורהלע! דבורהלע...

אויף דער שוועל פון דער וווינונג, וו עס האָט געוווינט אונדזער באַלעבאָס, האָט זיך באַוויזן א יונג מיידל.

— וו איז דבורהלע? — האָב איך געפרעגט.

די אומבאַקאַנטע איז גיך אַראָפּגעלאָפן מיט די טרעפּ.

— ווער ביסטו? — האָב איך ווידער געפרעגט, באַטראַכטנדיק זי.

— איך בין דבורהס שוועסטער — האָט זי געענטפערט פאַרשעמט.

— און וו איז דבורה? — האָט איך נישט געקאָנט באַהערשן מיין אומרו.

— זי איז אינדערהיים, אין דאָרף. זי האָט געמוזט אַוועק. און דו? דו ווייסט גאָרנישט?

— ניין — האָב איך געענטפערט — איך ווייס נישט וועגן וואָס דו רעדסט.

— דבורהלע האָט א קינד. דאָס איז דיין קינד...

איך האָב א גלעט געטאָן די פרישע ראָזעווע באַקן פון מיין שוועגערין.

איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין. הינטער דער שטאָט איז דער וועג געווען צעווירן, די בלאָטע האָט זיך צוגעקלעפּט צו די פיס, אָבער די פעלדער האָבן שוין געשמעקט מיט פרילינג. דער ווינט האָט זיך געמאַטערט מיט די שווערע וואָלקנס, וואָס זענען ענלעך געווען צו מאַבונעס שאָף. דער

ווינט האָט געבלאָזן גלייך אין פּנים אַריין. און ביים וועג האָבן אַרויסגעקוקט פון דער ערשטער גרינקייט — ווייסע בלימעלעך. איך האָב אָפּגעריסן עט־לעכע בלומען און צוגעטראָגן זיי צום מויל. זיי האָבן געהאַט דעם גערוך און דעם געשמאַק פון דער געבענטשטער האָפענונג...

די שיינע העלענע

אין דער דאָזיקער פריער שעה האָב איך נישט דערזען קיין לעבעדיק באַשעפעניש אויף דער גאַס. עס האָט גערעגנט, עס איז געווען קיל און אומעטיק.

איך בין געווען בייז אויף זיך אַליין. צו וואָס און נאָך וואָס בין איך אַהער געקומען? קיינער האָט דאָ אויף מיר נישט געוואַרט. איך האָב שוין דאָ נישט געהאַט קיין פריינד און נישט קיין חברים. עס האָבן נאָך דאָ געוווינט פאַרשיידענע באַקאַנטע, אָבער נאָך אַזויפיל יאָרן האָב איך שוין צו זיי נישט געפילט קיין שום פאַראינטערעסירונג. איך האָב זיך נישט געוואָלט באַגעגענען מיט זיי, איך האָב געוואָלט אויסמיידן וועלכע עס איז אַנטוישונג און אויפרעגונג.

איך האָב זיך דאָ געוואָלט פאַרהאַלטן אויף א וואָך, צוויי, אין דעם איינציקן קליינעם האָטעלכל וואָס איז דאָ פאַראַן — און נישט דערקאָנט דורך קיינעם — האָב איך געוואָלט פאַרברענגען די דאָזיקע צייט מיט מיינע דערמאָנונגען, אויפלעבן זיי, אויפלעבן דאָס אַלץ וואָס איז מיר געווען אַזוי ליב און טייער און פון וועלכן עס איז היינט פאַרבליבן נישט מער ווי די לאַנדשאַפט, די דאָזיקע לאַנדשאַפט...

מעגלעך אַז איך האָב דאָ אויך געזוכט אַביסל אָפּרו. איך האָב געגאַרט צו שטילקייט. און געמיינט האָב איך, אַז עס וועט מיר געלינגען אויפצוּוועקן אין אייגענעם זכרון א דערמאָנונג, אַ רעפלעקס, א פונק פון דער יוגנט מיינער, און אפשר אויך א טראָפּן צוטרוי, א טראָפּן גלויבן אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער וועלט.

איך האָב געהאָפט, אַז אויב דער האַרבסט וועט זיין א שיינער, אַ זוניקער, וועל איך גיין ווייט הינטער דער שטאָט, צווישן די פעלדער, דאָרט וועל איך מיך אַוועקזעצן אויף אַ מיעדזע, צומאַכן די אויגן, בכדי צו דערמאָנען זיך דעם שמייכל און דעם קוש פון מיין מאַמען, איר זיס גע־

זיכט, אירע אויגן און ווערטער — ווי שטאַרק איך גאר צו זיי אויך היינט, כאָטש מיינע שלייפן זענען שוין גראָ.

אָט דערפאַר טאַקע האָב איך באַזוכט דאָס קליינע שטעטעלע און געטראַכט האָב איך: זיין וועט עס א געזעגענונג, ווייל קיינמאָל וועל איך שוין דאָך אַהער נישט קומען, ווייל צו וועמען און נאָך וואָס? זיין וועט עס אן אינטימע געזעגענונג, איך וועל וועגן דעם נישט שרייבן, איך וועל אַפילו קיינעם נישט דערמאָנען. אפשר וועט מיר געלונגען צו דערוועקן די קלוגע אומעטיקע אויגן פון מיין פאָטער, דעם שמייכל פון מיין שוועסטער, וואָס דער בימערער גורל האָט זי פאַרטריבן אין די ווייטע מדינות... איך וועל זיך דאָ געזעגענען מיט דעם אַלטן בית עולם, מיט דעם פאַרשוועכטן בית עולם וו עס זענען שוין אַפילו קיין מצבות היינט נישט פאַראַן, און אויך מיט דעם טייכל וועל איך מיך געזעגענען, מיט דער קליינער רוישנדיקער רעטשקע, ביי וועלכער עס איז געשטאַנען אונדזער אָרעמע ישטוב, אונדזער פּאַלאַץ אין וועלכן נויט און פרייד האָבן זיך געגעבן די הענט. אַזוי האָב איך געטראַכט.

און נאָך דעם וועל איך פאַרלאָזן דאָס קליינע שטעטעלע. איך וועל פאָרן אין אַנדערע שטעט, גרעסערע און פרייליכע, אָדער אפשר וועל איך זיך לאָזן אין א רייזע דורך אַנדערע קאָנטינענטן, דורך אַנדערע מדינות, דאָרט וו די ערד איז ערד און דער הימל איז הימל, און די זון איז זון — אָן שום סימבאָלן און אָן שום פאַרגלייכונגען און דערמאָנונגען.

אַזוי האָב איך געטראַכט ערשט נעכטן, פאָרנדיק אַהער. אָבער ביי נאַכט האָט זיך דאָס וועטער געענדערט און געענדערט האָבן זיך אויך מיינע פּלענער. עס איז מיר געוואָרן קאַלט און איך האָב זיך דערפילט שלעכט און אויפגערעגט. איך האָב שוין אָנגעהויבן צו באַדויערן מיין רייזע, מיין זינלאָזן סענטימענטאַלן אויספלוג.

דער ווינט האָט געשמיסן מיט האַרבסטיקן רעגן, דער האָריזאָנט איז געווען פאַרטראָגן מיט נעפּלען, מען האָט נישט געזען גאָרנישט פון יענע בערגיקע לאַנדשאַפטן, מיט וועלכע איך פלעג מיך דאָ שטענדיק אַנטציקן.

איך האָב געוואַרט — אפשר וועט מען ערגעצוו עפענען א רעסטאָראַן, וועל איך אַריינגיין און טרינקען אַ גלעזל טיי. אָבער די צוויי רעסטאָראַנען זענען נאָך אַלץ געווען פאַרמאַכט און אין האָטעל האָב איך זיך נישט וואָלט אומקערן, ווייל עס איז דאָרט געווען שמוציק און פרעמד. איך בין געווען אומגעדולדיק און אויפגערעגט.

דעמלט האָט זיך באַוויזן אין רעגן און נעפל א קליין נישט אָנזעעוו= דיק געשטאַלט פון א פרוי — איך האָב צוערשט דערזען אירע פּלייצעס,

איינגעבויגענע, כמעט אייגעהויקערטע, הינטער איר געזיכט — אַ געזיכט פון אַן אומגליקלעכן מענטש, פול מיט קנייטשן אין וועלכע עס זענען פאַרשריבן אַלע ליידן און אַלע זאָרגן. אין דער האַנט האָט די פרוי געהאַלטן אַ שירעם, און איך האָב באַמערקט, אַז די דאָזיקע האַנט, די דאָזיקע האַנטפלאַך איז שמוציק, און אפשר איז זי געווען אָפּגעבריִנט פון דער זון און פון שווערער אַרבעט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב קיינמאָל די דאָזיקע האַנט נישט געקענט, אַז איך האָב זי קיינמאָל נישט געזען. און אין אמתן איז געווען עפּעס אַנדערש: איך האָב זי נישט געוואָלט געדענקען, איך האָב זי נישט געוואָלט קענען. איך האָב נישט געוואָלט קענען דעם דאָזיקן יאָך, דעם דאָזיקן הויקער, וואָס האָט געדריקט צו דער ערד דאָס אָרעמע לייב פון דער פרוי. איך האָב זי באַטראַכט: עס איז איר שווער געווען צו גיין, זי האָט שווער געאָטעמט, עס האָט בײַ איר געפייפט אין די לונגען.

איך האָב זיך אומגעקערט אין דער צווייטער זייט, און גם האָט זיך געקאָנט אויסווייזן, אַז איך באַטראַכט די קליינע הײַזעלעך מיט די שמוציקע פענצטער, וואָס יעדעס פון זיי האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרקרימטע אומעטיקע מאַסקע. און אפשר האָב איך באמת געקוקט אויף דעם גרויען, האַרבסטיקן הימל, בכדי נישט צו זען דאָס פאַרמעטערנע געזיכט פון דער אַלטער פרוי.

שווייגנדיק, שטיל איז זי צו מיר צוגעקומען און אָנגערירט מײַן אָרעם. זי האָט עס געטאָן צאַרט, שעמעוודיק. איך האָב נאָך אַלץ נישט געקוקט אויף איר און דאָך בין איך געווען איבערצייגט, אַז זי שמייכלט.

— גוט מאָרגן — האָט זי געזאָגט רואיק — גוט מאָרגן... זעסט, איך האָב דיך זאָפאָרט דערקאָנט. דו האָסט זיך גאָרנישט געענדערט.

— העלענאַ... — האָט אויך געפּרוּווט צו שמייכלען — די שיינע העלענאַ.

גענוג לאַנג האָבן מיר געשוויגן. אַ ביטער שווייגעניש איז עס געווען, אַ פאַרטראַכטונג פול מיט צער. דער ווינט האָט געפּרוּווט אַרויסצורייסן פון איר האַנט דעם שירעם מיטן אַלטמאָדישן הענטל, עס האָט זיך מינוטנווײַז געדאַכט אַז אָט וועט דער ווינט דערהייבן פון דער ערד און אַוועקטראָגן העלענען צוזאַמען מיט דעם שירעם און צוזאַמען מיט אונדזערע פאַרשעמטע דערמאָנונגען.

— לאָמיר זיך שטעלן אונטער דער וואַנט, אָט דאָ שמייסט נישט אַזוי שטאַרק דער רעגן...

זי האָט זיך צוגערוקט עטוואָס נענטער און איך האָב געזוכט אין זכרון ווערטער, בכדי נישט צו שווייגן — בשום אופן נישט צו שווייגן.

— דו ביסט געווען דאָס שענסטע מיידל אין אונדזער שטאָט... — האָב איך געזאָגט.

זי האָט געשוויגן, אַ פאַרביטערטע און אַלטע.

— נו, יאָ... — האָב איך געצוויגן ווייטער — פאַרשטייט זיך... דאָס אַלץ איז שוין פאַרביי. אָבער געווען איז עס דאָך שיין און געדויערט האָט עס נאָר נישט אַזוי קורץ. מיר זענען דאָך נישט געווען קאַרג לגבי זיך. מיר זענען געווען גליקלעך. יאָ, גאַנץ אָפט זענען מיר געווען גליקלעך. אָבער קיין שום זאַך דויערט דאָך נישט אייביק. און דאָס, וואָס מיר האָבן צוזאַמען אַדורכגעלעבט... באַדויערסט דאָך נישט?

— ניין — האָט זי שטיל געענטפערט — איך האָב קיינמאָל נישט באַדויערט.

— דיר איז קאַלט... — האָב איך געזאָגט ,באַמערקנדיק, אַז זי ציטערט.

זי איז געווען פאַרנומען מיט איר'ע אייגענע מחשבות.

— דו ביסט תמיד געווען אַזאַ שעמעוודיקער. איך געדענק, דו ביסט געווען אַנדערש פון אַנדערע מענער. אַן איידעלער ביסטו געווען, אַ ריינער. קיינער האָט מיך נישט אַזוי ליב געהאַט ווי דו. ווען מיר האָבן זיך באַקענט, ביסטו נאָך געווען כמעט אַ קינד. דערנאָך, ווען דו האָסט מיך איבערגעלאָזט, ביסטו שוין געווען אַ מאַן. און היינט...

— זאָג! — האָב איך אויסגעשריגן — פאַרוואָס האָסטו זיך פאַרהאַלטן? זאָג: ווער בין איך היינט?

אָבער זי האָט עס נישט געזאָגט. זי האָט עס נישט אָנגערופן ביים נאָמען. זי האָט מיר נישט געוואָלט אָנטון קיין צער.

— זאָג עס מיר — האָב איך געבעטן — זאָג, אַז איך בין שוין אַלט. עס וועט מיר לייכטער זיין צו הערן עס פון דיין מויל...

אָבער איר'ע געדאַנקען זענען געלאָפן אין אַן אַנדער ריכטונג.

— עס איז מיר אַזוי שווער צו כאַפּן דעם אָטעם. איך בין קראַנק און מיד. טיילמאָל אין אָוונט זעץ איך מיך אַוועק אין דער פינצטער און איך וואַרט. אויף וועמען? אויף וואָס? דערנאָך גיי איך שלאָפן און איך בין צופרידן, אַז קיינער איז נישט געקומען. מיד בין איך. טיילמאָל דערמאָן איך מיר עפּעס. אָט געדענק איך למשל ווי מאָדנע און קאָמיש דו ביסט געווען... די גאַנצע וועלט האָסטו געוואָלט באַגליקן. פלעגסט בייגן

רעם קאָפּ אויף מיינע קניען און דערציילן אַזעלכע מאָדנע זאַכן. מענטשן מוזן זיין גלייך, האָסטו געזאָגט, מענטשן מוזן זיין גליקלעך. און איך האָב געהאָרכט, ווייל כ'האָב דיך ראָך ליב געהאַט. אוי, ווי איך האָב דיך ליב געהאַט. און היינט? זאָג מיר, היינט? טראַכסטו נאָך היינט וועגן די ראָזיקע ענינים?

עס איז מיר געווען אומעטיק, אומעטיק און פיינלעך.

— היינט בין איך שוין אַלט, העלענע. טיילמאָל איז מיר קאַלט, זייער קאַלט. און איך זוך יענעם פייער. עס איז געווען אַ הייליק פייער, העלענע.

— מען האָט געקוקט אויף דיר ווי אויף אַן אויסוווּרף. דאָס גאַנצע שטעטל... און איך בין געווען שטאָלץ, וואָס דו ביסט אַ קאָמוניסט...

— און היינט? — האָט זי ווייטער געפרעגט — היינט קעמפסטו שוין נישט?

אין איר פראַגע האָב איך איצט דערפילט אַ טאָן פון אַנטוישונג. זי האָט מיך געפרעגט פונקט אַזוי, ווי איך זאָל זיין אַ מענטש אַ באַשאַפענער תמיד צו קעמפן. האָט זי דען נישט געוווּסט, אַז אפילו דעמלט ווען איך בין געווען יונג און ווען איך האָב געקעמפט, האָב איך תמיד געבענקט צי רו און צו ליבע.

— דו ביסט נישט גערעכט, העלענע — האָב איך געענטפערט — דאָס לעבן ענדערט זיך און עס ענדערן זיך די פאָרמען פון קאַמף. צי ווילסטו דען, אַז איך זאָל היינט אויף דער עלטער ווייטער קלעטערן א יי די רעבער און פאַנאַנדערהענגען רויטע פענער? היינט פאַרנעם איך מיך מיט אַנדערע זאַכן. איך שרייב אַרטיקלען, איך טראַכט אויס קאָנפליקטן, איך שאַף העלדן און איך העלף זיי געפינען דעם ריכטיקן וועג. טיילמאָל ווילן זיי מיך נישט האָרכן, זיי בלאָנדזשען. טיילמאָל זענען זיי פאַרליבט און זיי געפינען זיך אין דער ליבע. איך בין אַ שריפטשטעלער און איך טרייסט מיך, איך רעד מיר עס איין — אַז דאָס וואָס איך שרייב וועט וועמען צו־נוץ קומען. טיילמאָל באַקום איך בריוו פון אומבאַקאַנטע פּראָסטע מענטשן. אָפט זענען עס בריוו פון מענטשן אַלטע און הערפּאַרענע. זיי שרייבן: גערעכט זענט איר, ווען איר זאָגט, אַז טראָץ אַלעם דאַרף מען לעבן און אַז נישט געקוקט אויף קיין שום דערפאַרונגען דאַרף מען ליבן, ווייל די וועלט פאַרלאַנגט א ים פון ליבע און אַ ים פון מיטגעפיל... אַזוי שרייבן זיי צו מיר. און זיי פאַרלאַנגען איך זאָל זיי פאַרזיכערן, אַז זיי זענען נישט איינזאַם.

— יאָ... — האָט זיך אָנגערופן העלענע — איך האָב געלייענט דיינס

אַ בוך. עס איז געווען זייער אַן אומעטיק בוך. איך האָב געוויינט לייענענדיק און שפּעטער האָב איך איבערגעלייענט אין אַ צייטונג, אַז דו ביסט אַ סובּ־טעלער איראָניסט. און אַז דיין שאַפונג איז פול מיט איראָניע און הומאָר...

זי האָט אָנגעהויבן הוסטן.

— דאָס איז אַסטמע. איך קאָן נישט קיין סך רעדן... —האָט זי זיך פאַרענטפערט — די מעדיקאַמענטן העלפן שוין נישט.

דערווייל האָט זיך געשטילט דער ווינט, עס האָט אויפגעהערט צו רעגענען.

— איך מוז שוין גיין — האָט געזאָגט די פרוי — מיין מאַן וואַרט אויף מיר. איך בין אַרויסגעלאָפן קויפן פּאַפּיראָסן. ער איז זייער אַן אויפ־גערעגטער, דער מאַן מיינער, און אָפט שלאָגט ער מיך.

— וואָס הערט מען דאָ, ביי אייך, אין שטעטל? — האָב איך גע־פרעגט.

— גאָרנישט — האָט זי געענטפערט — אַלץ איז אַזוי, ווי עס איז געווען.

— אַלץ? — האָב איך איבערחזרט מיט פאַרביטערונג — אַלץ אַזוי ווי עס איז געווען?

— אַלץ... נאָר דערמלט בין איך געווען יונג און געזונט... און היינט קאָן איך נישט דעם אָטעם כאַפּן. נו, איך מוז שוין גיין. זיי געזונט, מיין ליבער... ווי מיינסטו? וועלן מיר זיך נאָך וועו זען?

— איך צווייפל, העלענע, איך צווייפל... מיט מיין האַרץ איז אויך שוין נישט אין אָרדענונג. די דאָקטוירים זאָגן...

— איך מוז שוין גיין, מיין ליבער. זיי מיר מוחל.

— פאַרבלייב געזונט, העלענע...

— איך האָב דיך זייער ליב געהאַט. זייער...

— איך ווייס — האָב איך געענטפערט מיט אַ ווייטיק אין האַרץ — איך ווייס און איך דאַנק דיר...

זי האָט געפּרוּווט שמייכלען, אָבער אירע ליפּן האָבן געציטערט.

— מען טאָר נישט וויינען, העלענע... מיר מוזן נאָך אַביסל לעבן, כאָטש מיר זענען שוין אַלטע מענטשן. שטענדיק זענען מיר דאָך פאַר־עמעצן נויטיק אָדער נוצלעך...

— מען האָט שוין געעפנט דעם רעסטאָראַן. גיי און טרינק אַ גלעזל הייסע מילך...

— איך דאַנק דיר, העלענע. זיי געזונט...

זי איז אַוועקגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון קרעמל מיט פּאַפּיראָסן. פון צייט צו צייט האָט זי זיך נאָך אומגעקערט און באַשאָנקען מיך מיט אַ שמייכל. און איך האָב געטראַכט: אַן אַלטע און קראַנקע פרוי... די גוטע און אָרעמע העלענע. די שיינע העלענע...

איך האָב באַשלאָסן וואָס גיכער צו פאַרלאָזן דאָס שטעטעלע.

איך האָב זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דער באַן־סטאַציע, צוערשט בין איך געגאַנגען אַליין, דערנאָך האָב איך דערהערט עמעצנס גיכע טריט און עמיצעס שווערן אָטעם — העלענע...

— איך האָב דיך געוואָלט פרעגן... איך האָב זיך אַזוי פאַרסאַפּעט... זאָג מיר... זאָג מיר, צי ביסטו געווען גליקלעך אין דיין לעבן. איך וויל עס וויסן.

איך בין אַ ווייַלע געשטאַנען אַ דערשטויגטער און צעחושטער.

— אַזאַ פראַגע... — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט — אַזאַ גרויסע פראַגע... אַזאַ פראַגע האָט דאָך נישט קיין ציל. מיר זענען שוין אַלטע מענטשן און פשוט: מיר לעבן, מיר רייסן אַרויס די בלעטער פון אונדזער קאַלענדאַר. טיילמאָל... איך מוז עס דיר זאָגן: טיילמאָל שרעק איך מיך אַביסל פאַר יענער רחמנותלאָזער געשווינדיקייט פון דער פאַרבייגייענדי־קער צייט. אָבער די דאָזיקע געשווינדיקייט איז שטאַרקער פון אונדז. לאָ־מיר זיך טרייסטן, העלענע... מיר האָבן געלעבט רייך... געליטן אַ סך... געפרייט זיך אַ סך...

— יאָ... יאָ... — האָט שטיל געזאָגט העלענע — דאָס איז געווען שיין. כאָטש איך בין זיך מודה: אַזויפיל יאָרן זענען שוין פאַרביי און איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט... לעבן, ליבע, גליק, טויט... וואָס באַדייט דאָס אַלץ?

— איך ווייס אויך נישט, מיין ליבע... איך ווייס נישט... ווען מיר זענען געווען יונג, האָב איך פאַרשטאַנען פיל מערער...

זי האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט שטיל:

— איך וועל דיך באַגלייטן צום באַן־הויף... דערלויב, מיין טייערער...

מיר זענען געגאַנגען פּאַוואָלינקע, טריט ביי טריט, שווייגנדיק, אַזוי ווי מען גייט נאָך אַ לויה. עס האָט ווידער גערעגנט, דער וועג איז געווען פול מיט קאַלוזשעס און בלאָטע. ווען מיר זענען געקומען אויפן פעראָן איז שוין דער צוג געשטאַנען און העלענע האָט מיר געהאָלפן איינשטייגן. ווען דער צוג האָט גערירט פון אָרט, האָב איך אַרויסגענומען פון

מאַש מײַן פּושקעלע מיט מעדיקאַמענטן. דאָס האַרץ האָט בײַ מיר גע־שלאָגן זײער שטאַרק.

— נאָר נישט איבערנעמען זיך... — האָב איך געטראַכט — גאָר רואיק... איך מוז נאָך אײנמאָל צוריקקומען אַהײם...

און ערגעץ טיף אין האַרצן האָבן אין מיר געװײטיקט װײטע מקומות, האָריזאָנטן אומבאַקאַנטע, באַגערן נישט דערפילטע און אין װײַטן האָט זיך פאַר מיר באַװיזן דאָס פאַרגעפיל פון סוף פון יענער גרױסער פאַרבי־קער רײזע, װעלכע איז געװען נישט מער װי אַ קלײנער שפּאַציר פון אַ קינד, װאָס האָט מורא אַרײַנצוטרעטן אין הײַר פינצטערניש...

גאָטס פּרצוף

געווען איז עס באַלד נאָך דער מלחמה. איך האָב דעמלט געוווינט אין איינעם פון יענע הייזער, וווּ עס האָבן זיך געפונען מענטשן קראַנקע און צעבראָכענע, באַפרייטע פון די פאַשיסטישע טורמעס און לאַגערן. געפינען האָבן זיך דאָרט מענטשן יונגע און אַלטע, יידן און נישט יידן, אַפילו אַן עוואַנגעלישער גלח האָט זיך צווישן אונדז געפונען און טאַקע וועגן אים וויל איך דערציילן.

געוווינט האָט ער, דער דאָזיקער גייסטלעכער, אַנטקעגן מיר, אַנטקעגן מיין צימער און אַזוי ווי איך האָב שטענדיק געפילט א געוויסן אומחן צו מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך פּראָפעסיאָנעל מיט רעליגיע, דעריבער פלעג איך אויסמיידן יעדע געלעגנהייט מיט אים זיך צו באַגעגענען. ווען איך פלעג אַרויסגיין פון מיין צימער, פלעג איך די טיר עפענען שטיל, בכדי ער, דער שכן מיינער זאָל עס נישט הערן און עס זאָל אים נישט פאַרגלוסטן אַרויס־צוגיין מיר אַנטקעגן און פאַרפירן מיט מיר א געשפּרעך. ווייל וועגן דעם האָבן שוין געוווּסט אַלע שכנים: אַז ער איז א זייער געזעלשאַפטלעך געשטימטער פאַרשוין, אָבער — נעבעך אַ צעחושטער, אַ האַלב משוגענער.

און אָט אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר זיך טאַקע באַגעגנט פּנים אל פּנים — איך האָב געעפנט די טיר פון מיין צימער און ער איז שוין גע־שטאַנען אין דער אָפענער טיר פון זיין צימער, פונקט ווי ער וואָלט האָ אויף מיר געוואַרט. א הויכער, דאַרער, לייכט איינגעהויקערט, מיט אַן אסקעטיש פּנים און גרויע האָר. א פינק פון פרייד האָב איך דערזען אין זיינע אויגן.

— ס׳אַרא גליק, אַז מיר טרעפן זיך — האָט ער געזאָגט — מיר האָבן נישט געענדיקט אונדזער נעכטיקן שמועס. אויב איר וועט דערלויבן, פאַרבעט איך אייך אין מיין צימער אַריין...

איך האָב נישט געוואָלט אָננעמען די דאָזיקע איינלאַדונג, איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין כוח אָפּצוזאָגן דעם דאָזיקן זשעסט פון זיינע

הענט, איך האָב זיך אונטערגעגעבן זיין סוגעסטיווקייט און בין איבערגע־טראָגן די שוועל.

זיין צימערל איז געווען באַשיידן, א בוידעם־צימערל, אָדער ווי מען פלעגט ביי אונדז זאָגן א פּאַציאַטקע, מיט א קליין פענצטערל, דורך וועלכן מען האָט געקאָנט זען די בערג באַדעקטע זומער מיט גרינקייט און ווינטער מיט שניי.

— איך האָב וועגן אייך געטראַכט — האָט זיך אָנגערופן דער גלח

— איך האָב לאַנג וועגן אייך געטראַכט. אייערע אויפפאַסונגען און מיי־נונגען וועגן דעם זין פון פּאָעזיע זענען זייער אָריגינעל...

זייער אָריגינעל — אָט אַזוי האָט ער געזאָגט און איך האָב מיך בכלל נישט געקאָנט דערמאָנען ווען און ווו איך האָב מיט אים גערעדט וועגן פּאָעזיע צי בכלל וועגן ליטעראַטור.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביי א קליין קיילעכדיק טישל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט ביכער און מעטאַלאָגישע שריפטן אין פאַרשיידענע שפּראַכן. דער גלח איז אַרומגעלאָפן לעבן מיר אַן אויפגערעגטער, אין צימער איז געווען האַלב־טונקל און איך בין געווען מיד און שלעפעריק, און אפשר איז עס געווען אַזא שלאָפקייט ביי מיר, אַז איך האָב נישט געהערט אַלע ווערטער פון מיין שכן און אים אַליין האָב איך מינוטנווייז אויפגעהערט צו זען, זיין טונקל געשטאַלט האָט זיך מינוטנווייז אויסגע־מישט מיט דעם ובין השמשות און מיט די גרויע שאָטנס אין די ווינקלען פון בוידעם־צימער.

— מיר האָבן מיט אייך גערעדט וועגן דיכטונג...

איך האָב געזוכט אין זכרון און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ערגעץ ווייט און אַז ערגעץ אין דער טיפער פאַרגאַנגענהייט האָב איך רעציטירט אין דער דייטשישער שפּראַך, און געווען איז עס א פראַגמענט פון י. וו. געטהע. און אפשר איז עס גאָר נישט געווען מיין שטימע? אפשר האָט ער עס רעציטירט. כאָטש עס האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן אַז אין דאָזיקן אַלטן גוף זאָל קאָנען זיין אַזא יונג און קלינגענדיק קול...

„די אָרעמסטע אונטער דער זון

„זענט איר, אָ, געטער..."

— שטעלט אייך פאָר — זאָגט צו מיר דער עוואַנגעלישער פּאַסטאָר

— שטעלט אייך פאָר, אַז אין דער אַלטערטימלעכקייט פלעגט מען גלייבן יעדן דיכטער ווי מען גלייבט א נביא. פאַראַן געווען דיכטער וואָס מען האָט זיי אָפּגעגעבן כבוד, און דערצו נאָך וואָסערן כבוד... פאַרגעטערט

האָט מען זיי, די האַזיקע פּאָעטן, די דאָזיקע וויזיאָנערן און אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן שטענדיק געוואָלט ענדערן די וועלט, די דאָזיקע טרוימער און מיסטיקער, מיסטיקער און מיסטיפיקאַטאָרן, די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערן...

איך ווייס נישט, וואָס ער איז אויסן, דער דאָזיקער משוגענער אומגליקלעכער פאַנאַטיקער... אָבער פאַרוואָס איז ער אַזוי אויפגערעגט? — האָב איך געטראַכט און געפילט האָב איך, אַז איך בין שרעקלעך מיד, אַז עס מאַטערן מיך די דאָזיקע ווערטער זיינע, די דאָזיקע אַלטע שאַבלאָנווערטער, וואָס ווערן איבערגעחזרט אין יעדן דור און יעדער מדינה פון דער וועלט.

דער גלח איז מיך מכבד מיט אַ גלעזל קאָניאַק און שמייכלט איראָניש. מיין באַציונג צו אים, מיינע געפילן צו אים ענדערן זיך אַביסעלע. סוף כל סוף איז ער אַן אָרעמער און אומגליקלעכער מענטש, אַ קראַנקער מענטש, וועלכן עס מאַטערן פאַרשיידענע יסורים, מסתמא קאָן ער זיך נישט קיין עצה געבן מיט זיין ליבשאַפט און מיט זיין האַס, מיט זיין פרומקייט און מיט זיין שנעון.

דער קאָניאַק האָט מיר נישט געשמעקט, אַן עקלהאַפטיקע משקה איז עס געווען. און ער, דער באַלעבאָס מיינער, הייבט אויף איבער מיר זיינע טינקעלע אָרעמס און ער בענטשט מיך און ער רעדט ווידער, פאַר פייער, פאַר וואַסער, און איך פרוו צו פאַרשטיין דעם זין פון זיינע גיכע כאַאָטישע רייד.

— דיכטונג, צי ווייסט איר וואָס דאָס איז דיכטונג? דיכטונג איז די שפּראַך פון דער צוקונפט. דיכטונג איז דאָס טײַגלעך ברויט פון דער צוקונפט. אין אַ געוויסן טאָג וועט עס געשען. אַלע וועלן זיין דיכטער, אַלע וועלן זיין כוהנים, און אויב אַלע וועלן זיין, וועט דאָך קיינער זיי נישט דאַרפן... אַ סוף וועט קומען צו אַלע געטלעכע שליחותן, אַ סוף צו די געטער און צו די מזבחות זייערע, אַ סוף צו אַלע גייסטלעכע... — אַזוי האָט ער געשריגן, דער דאָזיקער אומגליקלעכער, און אַ שוים איז אַרויפגעקומען אויף די ווינקעלעך פון זיינע ליפּן.

איך האָב אַוועקגעלייגט די פויסטן אויף זיינע דאַרע אַקסלען און האָב אים געצוווּנגען זיך אַוועקצוזעצן. איך האָב אים דערלאַנגט צו די ליפּן אַ גלעזל וויין. ער האָט געטרונקען פון מיין האַנט, ווייל די פינגער זיינע זיינען געלאָפן און האָבן געציטערט. ער האָט קוים באַוויזן אַרויסצונעמען פון דער טאַש אַ טיכעלע און אָפּצווישן דעם שווייס פון שטערן.

און געקוקט האָט ער אויף מיר וואַרטנדיק אויף עפּעס, און איך האָב געזען אין זיינע אויגן אַ גרויסע בקשה און אַ גרויס ליידן.

— איין וואָרט... — האָט ער געכליפּעט —צי קומט דען מיר נישט כאָטש איין וואָרט. פאַר אַלץ וואָס איך האָב פאַרלוירן... פאַר מיין גאָט, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ שרעקלעכן טויט. פאַר דער גאַנצער פאַרלוירענער מיטאָלאָגיע... פאַר מיינע באַנקראָטירטע אידייען... פאַר מיינע יסורים און פאַר די יסורים פון דער גאַנצער וועלט... קיינער וויל נישט זאָגן קיין גוט וואָרט. אַפילו איר, מיין שכן, וועגן וועלכן איך האָב געמיינט, אַז ער איז אַ דיכטער...

אין קאָפּ האָט מיר גערוישט דער קאָניאַק, איך בין געווען אויפגערעגט, איך האָב שוין נישט געהאַט קיין געדולד.

— וועמען גייט אָן אייער משוגעת און אייערע ליידן? — האָב איך געזאָגט ברוטאַל — וועמען גייען אָן אייערע פאַרלוסטן? איר האָט פאַרלוירן אייער גאָט און ביי מיר זוכט איר טרייסט... צי ווייסט איר נאָך נישט, אַז אַלע געטער זענען שטערבלעך, נאָך מער שטערבלעך ווי די מענטשן...

— איר זענט אַ שלעכטער מענטש — האָט געזאָגט דער טעאָלאָג און זיין שטים איז איצט געווען אַ באַהערשטע און אַ נאָרמאַלע — איר זענט אַ ברוטאַלער מענטש... און אויך אַ קאָמעדיאַנט זענט איר. אַ ליגנער! איך געדענק אַ טאָג, ווען איר זענט נאָך נישט געווען אַזוי ציניש. איר געדענקט דאָס אויך. דורך שניי און אייז האָבן מיר זיך געמוזט דערהייבן אויף אַ הויכן באַרג, עס איז געווען שרעקלעך גליטשיק און די הילצערנע שיך האָבן נישט געקאָנט פאַרהאַלטן זיך, ווייל דער וועג איז געווען באַדעקט מיט אייז. האָט איר אויסגעטאָן די הילצערנע שיך און געטראָגן זיי אין די ציינער, ווי אַ הונט האָט איר זיי געטראָגן, און באַוועגט האָט איר זיך אויף אַלע פיר, נישט ווי אַ מענטש, נאָר ווי אַ ווילד באַשעפעניש. און עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פון אייך געלאַכט און זיי האָבן געשפּעט, און זייער געלעכטער האָט געקלונגען ווייט אין די בערג, אַ הילביק געלעכטער איז עס געווען און עס האָט געקלונגען פּונקט אַזוי ווי עס קלינגט דאָס געלעכטער פון נאָרמאַלע גוטע מענטשן, וואָס געהערן צו דעם מין האָמאָ סאַפּיענס. און איר זענט געקראָכן אויף אַלע פיר און באָרוועס, ווייל די הילצערנע שיך האָט איר נאָך אַלץ געטראָגן אין די ציין — איך געדענק נאָך מיט וואָסערע שטריקל זיי זענען געווען צוזאַמענגעבונדן. עס

האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט אײַך געגעבן אַ געזונטן קאָפּ אין דעם הינטערשטן טייל פון קערפּער, און דעמלט האָט איר אויסגעזען זייער קאָמיש; זיי, די מלאכי חבלים, האָבן נאָך מערער געלאַכט... און איר? איר געדענקט דאָס נישט?...

איך האָב געטרונקען און ער האָט דערציילט. און מיט יעדן אויסגעטרונקענעם גלעזל קאָניאַק האָב איך מיר אַלץ מער רעדמאָנט און אַלץ מער האָב איך פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן אומגליקלעכן מענטש.

איך האָב צוגעמאַכט די אויגן און — האָב געזען. אַן אָזערע, גרויס ווי אַ ים... אין טונקעלן שוואַרצן וואַסער האָט מען דאָ געהאָדעוועט העכטן. טיילמאָל פלעגט מען זיי זען — אין וואַרעמע זומער-טעג פלעגן זיי אַרויסשפּרינגען פון וואַסער און אין די זון-שטראַלן האָבן זיי אויסגעזען ווי באַשעפענישן פון אַ קינדער-מעשהלע. מען האָט דאָ דערציילט, אַז די דאָזיקע העכטן זענען געווען אומגעהויער גרויס און פעט זענען זיי געווען, און יעדער איינציקער פון אונדז האָט געוווסט פון וואַנעט די דאָזיקע פעטיקייט נעמט זיך ביי די דאָזיקע פיש, אָבער קיינער האָט וועגן דעם נישט געוואָלט רעדן.

און דער עוואַנגעלישער גלח האָט ווייטער דערציילט:

— איך בין אויך אין יענעם טאָג געגאַנגען מיט דעם זעלבן וועג. ווי אַ שלאַנג האָב איך מיך גערוקט אויף דער ערד און עס איז גאָר נישט קיין זיכערע זאַך, פון וועמען זיי האָבן געשפּעט — פון אײַך, צי פון מיר... מעגלעך, אַז איך האָב דעמלט געהאַט נישט מער ווי איין איינציקן פאַרלאַנג: נאָך איינמאָל צו דערגיין ביז צום שפּיץ פון באַרג, וווּ עס זענען געלעגן די פאַרשאָלטענע שטיינער, וואָס מיר האָבן באַדאַרפן צו טראָגן. און אויף דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם וועג האָב איך פּלוצים דערזען אייער פּנים — עס איז אין אייער געזיכט נישט געווען קיין שום מענטשלעך געפיל. איר פאַרשטייט מיך? איר מוזט דאָך עס פאַרשטיין... נישט אומזיסט שטיי איך יעדן טאָג אין דער אָפענער טיר און וואַרט אויף אײַך. איך נויטיק זיך אין אײַך, איך נויטיק זיך אין אייער געזיכט. דעמלט, ווען מיר האָבן געליטן אויף יענעם פאַרשאָלטענעם באַרג, דעמלט האָב איך מיך דערשראָקן פאַר אייער פּנים און פאַר די פּנימער פון אַלע מענטשן אַרום מיר און אויך פאַר מיין אייגן געזיכט האָב איך מורא געהאַט. איך — וואָס האָב שטענדיק געזען אין מענטשן אַ שטיקעלע געטלעכקייט. ווייל אויף גאָטס מוסטער איז דאָך באַשאַפן דער מענטש... אַזוי פלעג איך דאָך פּרעדיקן אין מיין קירכע...

— וואָס וויל ער? — האָב איך געטראַכט און האָב נישט געפינען אין זיך קיין כוח אים צו פאַרלאָזן — וואָס וויל ער פון מיר? פאַרוואָס פייניקט ער מיך, פאַרוואָס רופט ער אַרויס די זעלבע ליידן ווידער און ווידער?

פאַרוואָס קאָן איך דאָס נישט פאַרגעסן? — שרייט ער — אויף יענעם באַרג איז פאַר אונדז געווען די גרענעץ... די גרענעץ פון ליידן. יעדער מענטש האָט אַזאַ גרענעץ. דאָס איז דאָס אָרט, וווּ מען הערט אויף צו פילן אפילו די ערגסטע יסורים. און אויף דעם דאָזיקן באַרג האָבן מיר אויפגעהערט צו ליידן און אפשר האָבן מיר שוין דאָרט אויפגעהערט צו זיין מענטשן. אַ מענטש וואָלט דאָך דאָס נישט איבערגעטראָגן. איז אויב מיר זענען שוין נישט געווען קיין מענטשן, וואָסזשע זענען מיר פאַרט געווען? געטער, צי ווילדע חיות? אייער אוממענטשלעך געזיכט איז געווען באַדעקט מיט שווייס און פון אייער מויל האָט זיך געגאָסן רויטע סליונע...
ער האָט פאַרדעקט דאָס פּנים, אייננגעהויקערט זיך.

— טרינק, פריינד... — האָב איך אים דערלאַנגט דאָס גלעזל און צום ערשטן מאָל האָב איך זיך צו אים געוואָנדן ווייך און האַרציק — טרינק, דאָס וועט דיר גוט מאַכן...

— ניין — האָט ער אָוועקגערוקט פון זיך דעם וויין — דאָס וועט מיר נישט העלפן און איך וויל נישט עס זאָל מיר העלפן. איך וואָלט געמוזט אויסטרינקען אַ ים מיט קאָניאַק בכדי צו פאַרגעסן איין טאָג פון יענע טעג...

איך האָב זיך אויפגעהויבן און געוואָלט פאַרלאָזן דעם צימער, אָבער ער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים אָרעם.

— גייט נישט אַוועק. איר מוזט מיך אויסהערן. פאַרוואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי מאָדנע? אין יענעם טאָג איז צו נישט געוואָרן מיין באַגריף וועגן מענטש, וואָס איז באַשאַפן לויטן מוסטער פון דעם אלמעכטיקן גאָט. אין דריי טאָג אַרום האָב איך אָוועקגעשענקט מיין קליין לאַטייניש תהילימל, וואָס מיט גרוים מי איז עס מיר געלונגען מיטצוברענגען מיט זיך אין לאַגער אַריין. פאַרשטייט זיך, אַז איר, אַ פריידענקער, קאָנט נישט האָבן קיין אַנונג וואָס דאָס האָט פאַר מיר באַדייט. קאָנט איר היינט האָבן אַן אַנונג, וואָס איך האָב דעמלט איבערגעלעבט...
— און היינט? — האָב איך געפרעגט אַרומנעמענדיק מיט ביידע הענט דעם קאָפּ, וואָס האָט מיר געוואָלט פּלאַצן פאַר ווייטיק — וואָס קאָן איך אייך היינט העלפן?

— גאָט האָט אָנגענומען די געשטאַלט פון טייוול... — האָט אויס־געשריגן דער גייסטלעכער. — דאָס געטלעכע האָט אויפגעהערט צו זיין געטלעך.

דער געוועזענער גייסטלעכער איז צוגעגאַנגען צום פענצטערל. פון יענער זייט, אינדרויסן איז געווען נאַכט און קעלט. דער ווינט האָט זיך אַדורכגעריסן דורך די שפּאַרעס און לייכט געבלאָזן אין די דינע לייוונטענע פאָרהענגלעך.

מיין שכן האָט אָנגעשפּאַרט דעם שטערן צו דער קאַלטער שויב און נישט קוקנדיק אויף מיר האָט ער שטיל געזאָגט:

— איר זענט עלטער צו יענעם. צו יענעם יונגן מענטשן אין לאַגער געבענקט. דערפאַר האָב איך ליב אויף אייך צו קוקן. טייל מאָל דאַכט זיך מיר, אַז אין אייער געזיכט האָט יענער יונגער מענטש צוריקגעוואונען זיין איידלקייט, זיין מענטשלעכע שיינקייט. אַזוי רעד איך מיר איין, כאָטש ווייסן ווייס איך דאָך גאַנץ זיכער, אַז יענער איז געשטאָרבן. איך בין געווען לעבן אים אין שעה פון גסיסה.

— צי איז דאָס געווען אין אַ פרילינג? — פרעג איך, פונקט ווי דאָס וואָלט געקאָנט האָבן וועלכע עס איז באַדייטונג.

— יאָ, דאָס איז געווען אין פרילינג.

ערגעץ אין שכנותדיקע צימערן האָבן זיך געעפנט און צוגעמאַכט די טירן, און עמעץ האָט מיך גערופן.

— אַנטשולדיקט... — האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט — האָט נישט פאַריבל, איך מוז שוין גיין...

נישט קוקנדיק אויף מיר, האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ מאָדנע היס־טערישן געלעכטער און געענטפערט מיט אַ באַליידיקטן טאָן:

— אַ גוטע נאַכט. און אַ דאַנק פאַר דעם באַזוך...

קינדער דערציילן

אין איינעם פון די יידישע יתומים־הייזער האָב איך קורץ נאָך דער מלחמה געמאַכט נאָטיצן צו אַ ראָמאַן וועגן יידישע קינדער. אַ טייל פון די נאָטיצן נוץ איך דאָ אויס צום ערשטן מאָל.

א. ווען מען האָט דעם טאַטן דערהרגעט

...ווען מען האָט געוואָלט דעם טאַטן דערהרגענען, האָט די מאַמע אים פאַרשטעלט. האָט מען צוערשט דערשאָסן די מאַמען, און ערשט דערנאָך דעם טאַטן. און איך בין געווען אונטערן בעט און זיי האָבן מיך נישט געזען. אַ גאַנצן טאָג בין איך געלעגן אונטערן בעט און אַ גאַנצע נאַכט, און ווידער אַ גאַנצן טאָג און עס איז מיר געווען זייער קאַלט, האָב איך מיך צוגעדריקט צום טאַטן, אָבער דער טאַטע האָט שוין נישט געלעבט.

אין אָוונט בין איך אַנטלאָפן אין דער קירכע אַריין, ווייל איך האָב געוווסט, אַז דאָרט וועלן זיי נישט זוכן. דערנאָך איז אָנגעקומען דער גלח, אַזאַ אַלטער און דאַרער איז ער געווען, און ער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און אַוועקגעפירט אין קעלער אַריין. דער גלח איז געווען זייער אַ גוטער, אָבער אין קעלער איז געווען קאַלט און נאַס. איך האָב מורא געהאַט, און זייער אָפט האָט זיך מיר געחלומט דער טאַטע, ווי מען הרגעט אים, און אויך די מאַמע האָט זיך מיר געחלומט. איינמאָל האָב איך מיך פאַרקילט, און זינט דעמלט בין איך קראַנק אויף די נירן. אָבער דער גלח איז געווען זייער אַ גוטער און טיילמאָל פלעגט ער זיך מיט מיר שפּילן.

ב. איך וויל נישט איר געלט...

...איר זעט, ווי דיק איך בין. שטענדיק בין איך געווען אַזוי גרויס, אַז אַלע האָבן געמיינט, אַז איך בין עלטער ווי אין דער אמתן. אפשר טאַקע דערפאַר איז מיר געלונגען איבערצולעבן.

ווען די עלטערן זענען געשטאָרבן אויף טיפוס, ווייל דעמלט איז אין דער גאַנצער שטאָט געווען אַן עפּידעמיע, האָט מיין ברודער נאָך געהאַט אַ ביסל געלט. האָט ער דאָס געלט אַוועקגעגעבן אַ פּוילישער פרוי און זי האָט מיך אַוועקגענומען צו זיך. אַלץ האָט ער איר אַוועקגעגעבן, וויפל ער האָט פאַרמאָגט, איך ווייס אפילו נישט וויפל דאָס איז געווען, איך ווייס בלויז, אַז זיך האָט ער גאָרנישט איבערגעלאָזט.

אַ גאַנצן חודש בין איך געווען ביי דער דאָזיקער פרוי און עס איז מיר דאָרט זייער גוט געווען. ערשט איינמאָל, ביינאַכט, ווען איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן, האָב איך געהערט ווי די באַלעבאָסטע האָט געזאָגט צו איר מאַן, אַז עס קאָן זיין אַן אומגליק און אַז צומבעסטן וואָלט געווען מיט דער דאָזיקער קליינער צו מאַכן אַ סוף. דאָס הייסט מיט מיר. אָבער דער באַלעבאָס איז נישט געווען קיין שלעכטער, און איך האָב געהערט ווי ער זאָגט: „גיב איר אָפּ דאָס געלט און זאָל זי גיין ווו זי וויל. איך וויל נישט דאָס געלט און איך וויל גאָרנישט וויסן...“ הייַמלט האָט זי אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז בלויז אַ נאַר קאָן אַזוי זאָגן, ווייל איך וועל סייווי אומקומען און דאָס געלט וועט פאַרפאַלן ווערן. און ער האָט זיך ביי איר געבעטן, אַז ער קאָן דאָס נישט טאָן, ווייל דאָס האַרץ דערלויבט אים נישט, און אַז ער קאָן אפילו קיין הון נישט הרגענען. אַזוי האָט ער געזאָגט.

בין איך פון זיי דעמלט אַנטלאָפן. איך בין געגאַנגען ווייט, ביז צום דריטן דאָרף און דאָרט האָב איך באַגעגנט אַן אַלטע פרוי — זי האָט מיך גענומען צו זיך און איך האָב ביי איר געאַרבעט. זי איז געווען אַ גוטע, אָבער איך האָב געמוזט שווער אַרבעטן, ווייל זי איז שוין געווען אַלט, און אַרבעט איז געווען אַ סך.

נו, און קיינער האָט מיר נישט געוואָלט גלייבן, אַז איך האָב ערשט צוועלף יאָר. אַזאַ גרויסע בין איך געווען און אַ דיקע.

ג. איך האָב נישט געזען קיין מלחמה...

...איך האָב נישט געזען קיין מלחמה, ווייל די גאַנצע צייט בין איך געווען מיט די עלטערן אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט איז די מאַמע געשטאָרבן און דער טאַטע האָט איר נישט געקאָנט העלפן, כאָטש געווען איז ער אַ דאָקטער. דערנאָך, ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, זענען מיר צוריק געקומען אין אונדזער שטעטל. דאָרט איז שוין געווען זייער ווייניק מענטשן, אָבער אונדזער הויז איז נאָך געשטאַנען, נאָר עס איז אין דעם נישט געווען קיין שום מעבל און קיין שום זאַכן. אויך די שויבן אין די פענצטער זענען געווען צעבראָכן. אַלע האָבן זיך געוווּנדערט, דאָס הייסט אַלע שכנים, אַז מיר זענען צוריק דאָ, און איך האָב מיך זייער געפרייט, ווייל איך האָב שטענדיק געבענקט צו אונדזער היים.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען, האָבן מיר נאָך באַגעגנט אונדזער אַלטע קאַץ און זי האָט אונדז דערקאָנט און זי האָט זיך אויך געפרייט. און ביינאַכט איז עמעץ אַריינגעקראָכן דורך דעם פענצטער און האָט געהרגעט

דעם טאַטן. מיט אַ האַק האָט ער אים געהרגעט. און איך בין געבליבן אַליין. מען האָט דערהרגעט דעם טאַטן, כאָטש עס איז שוין געווען נאָך דער מלחמה, און כאָטש דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז איצט דאַרף מען שוין פאַר קיינעם נישט מורא האָבן.

ד. ווען מען האָט דעם טאַטן אַוועקגענומען...

...ווען מען האָט דעם טאַטן אַוועקגענומען, האָט די מאַמע זיך איבערגעטאָן אין אוקראַיִנישע מלבושים און זי האָט זיך געקויפט רויטע קרעלן און האָט אויך אָנגעהויבן זיך אַנדערש קעמען. ווען זי האָט שוין אַזוי אויסגעזען, אַז קיינער האָט זי נישט געקאָנט דערקענען, זענען מיר ביידע אַנטלאָפן אויפן צווייטן עק פון דער שטאָט. דאָרט איז געשטאַנען אַן איינגעפאַלן הויז, אַ חורבה אַזאַ, וואָס איז געווען פון איין זייט צעשטערט פון אַ באָמבע. אָבער פון דער צווייטער זייט איז נאָך געווען אַ גאַנצע שטוב און דאָרט האָבן מיר געוווינט. אינדערפרי פלעגט די מאַמע אַרויסגיין צו דער אַרבעט, און צוריקקומען פלעגט זי אין אָוונט. זי פלעגט גיין באַדינען איינעם אַ דייטש, אַ דייטשישן אָפיציר, וועלכער האָט נישט געוווּסט ווער זי איז און דעריבער איז ער געווען פאַר איר אַ גוטער. און איך בין אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין שטוב און האָב אויף איר געוואַרט. איך האָב מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון שטוב, ווייל איך האָב אַזעלכע רויטע האָר, געלע האָר האָב איך און זון־שפּרינקעלעך האָב איך, און עס וואָלט נאָך ווער געקאָנט דערקענען ווער איך בין.

אָבער שפּעטער האָב איך שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן. אין שטוב איז געווען טונקל, ווייל עס איז דאָרט פאַראַן געווען בלויז אַ קליין פענצטערל אויף צפון, און אין דרויסן... אין דרויסן האָט געשיינט די זון, און עס איז געווען וואַרעם און אָנגענעם. פלעג איך פאָרט טיילמאָל אַרויסגנבענען זיך אויפן הויף, איך האָב מיך אָבער געהאַלטן ווייט פון אַנדערע קינדער, ווייל איך האָב פאַר זיי מורא געהאַט. איך פלעג אַרויסגיין בלויז דעמאָלט ווען עס איז קיינער דאָרט נישט געווען.

און ווען די מאַמע פלעגט אַרויסגיין אין שטאָט אַריין, פלעגט זי זיך אַוועקשטעלן אויף דער שוועל און שרייען הויך, אַז אַלע שכנים זאָלן עס הערן: „סידי דאָמאַ, יאַ טאַבי הוסקו פּרינעסו...“ דאָס הייסט אויף ייִדיש: „זיץ אינדערהיים, איך וועל דיר ברענגען אַ זעמל“...

פלעג איך מיר אַזוי אַליין זיצן אויף דער שוועל און קוקן. אַנטקעגן אונדז איז געווען אַ קרעמל, און לעבן קרעמל איז געשטאַנען אַ באַנק, און

אויף דער באַנק איז אָפּט געזעסן אַן אַלטע פרוי און האָט שטענדיק געצירעוועט. טײלמאָל פלעגט קומען אַ באַלעגאָלע מיט אַ פערד און וואָגן און פלעגט ברענגען סעלצער־וואַסער. און אין די גערטנדלעך האָבן זייער שיין געקרייעט די הענער, איך האָב זייער ליב, ווען די הענער קרייען, ווייל דעמלט ווערט עפּעס פרייליכער אויפן האַרצן. און אין צווייטן הויז אויפן ערשטן שטאָק האָט עמעצ זייער שיין געשפּילט אויף אַ פּידעלע.

איינמאָל האָט מיך דערזען דער סוחר, וואָס צו אים האָט געהערט דאָס קרעמל, און איך האָב געהערט ווי ער האָט געזאָגט צו דער אַלטער פרוי: „זאָבאַטש פּאַני, טאָ יעסט טען באַכאָר. צאַלקיעם רודי...‟ דאָס הייסט, אַז איך בין אַ געלע. און די אַלטע פרוי האָט געענטפערט: „זי איז נישט קיין געלע. דאָס זענען קאַשטאַן־האָר און דאָס איז זייער אַ שיין מיידעלע.‟ און ער, דער אייגנטימער פון געוועלבל, האָט נאָך צוגעגעבן: „מיר געפעלט זי נישט, איך ווייס וואָס איך זאָג...‟ איך בין נאָך געווען קליין, אָבער איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן ווידער מוזן אַנטלויפן. און ער איז נאָך צוגעקומען צו מיר און האָט מיר געגעבן אַ צוקערל. „נעם דאָס צוקערל און זאָג מיר דיין נאָמען...‟ דעמלט האָב איך אָנגעהויבן צו וויינען, ווייל איך האָב מיך פאַר אים דערשראָקן. אָבער ווען די מאַמע איז געקומען האָב איך איר גאָרנישט געזאָגט, ווייל כ'האָב מורא געהאַט, אַז זי וועט וויינען.

און איינמאָל איז די מאַמע אינדערפרי אַוועקגעגאַנגען און זי איז שוין מער נישט געקומען. ביז היינט ווייס איך נישט, ווער עס האָט זי אויסגעגעבן און וויאַזוי מען האָט זי געכאַפּט. קאָן זיין, אַז עס האָט זי ווער דערקענט, ווייל מיר האָבן דאָך געוווינט אין דער זעלבער שטאָט און אַרויספאָרן האָבן מיר נישט געקאָנט, ווייל די מאַמע איז געווען אָרעם.

צוויי טעג האָב איך אויף איר געוואַרט. איך בין געזעסן אויף דער שוועל און האָב געוויינט. צוערשט האָב איך געוויינט נאָך דער מאַמען, און דערנאָך האָב איך געוויינט, ווייל איך בין שוין געווען זייער הונגעריק. דעם דריטן טאָג איז געקומען די אַלטע פרוי, וואָס פלעגט תמיד זיצן אויף דער באַנק לעבן קרעמל, און זי האָט מיך אַוועקגענומען צו זיך. שטענדיק איז זי געזעסן אויף דער באַנק אַזאַ שטילינקע און מיט קיינעם האָט זי נישט גערעדט און אַלץ האָט זי געוווסט. זי האָט געוווסט, אַז די מאַמע איז נישט צוריקגעקומען און אַז איך בין געווען אַליין און אַז איך האָב געוויינט.

די אַלטע פרוי האָט געהאַט אַ זון, ער איז געווען אַ מוזיקער, און

טעאַטער האָט ער געשפּילט און בשעת דער מלחמה האָט ער נישט געוואָלט שפּילן פֿאַר זיי, דעריבער איז ער געווען אַ געוויינלעכער אַרבעטער אין שלאַכט־הויז. ער איז געווען זייער אַ גוטער, ער האָט ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט מיר און טייל מאָל פֿלעגט ער מיך לערנען שפּילן אויף אַ פֿי־דעלע. זיי האָבן מיך זייער ליב געהאַט, ער און זיין אַלטע מוטער. נאָך די קינדער אויפֿן הויף זענען געווען זייער* שלעכט און זיי האָבן מיך געשלאָגן און נאָכגערופֿן נאָך מיר האָבן זיי, איר קאָנט אייך פֿאָרשטעלן, וואָס זיי האָבן מיר נאָכגעשריגן... פֿלעג איך שוין נישט אַרויסגיין פֿון דער שטיב. איך בין געשטאַנען ביים פֿענצטער און געקוקט צי די מאַמע קומט נישט אָן. אָבער די מאַמע איז שוין נישט געקומען. דערווייל האָט דער סוחר פֿון קרעמל דערציילט צו אַלע שכנים, אַז איך בין אַ געלע און אַז איך בין אַ ייִדישע און אַז דאָס גאַנצע געסל וועט פֿאַר מיר ליידן. און די אַלטע פֿרוי האָט דאָס געהערט און איר זון האָט דאָס אויך געהערט. און עמעץ פֿון די שכנים האָט זיך אָנגערופֿן, אַז מען דאַרף מיך איבערגעבן צו דער פּאָליציי, ווייל צוליב אַ „ייִדישן באַכאַר" קאָן מען נאָך וועמען אויפֿהענגען.

איך האָב דאָס אַלץ געהערט, ווי די אַלטע פֿרוי פֿלעגט אין אָוונט רעדן מיט איר זון, אָבער איך האָב שוין נישט קיין מורא געהאַט. און ער, דער זון פֿלעגט מיך נעמען אויף די קניען און קושן מיך, און ער האָט געזאָגט, אַז איך בין זיין קינד און אַז ער וועט מיך קיינעם נישט אָפּגעבן.

איינמאָל איז ער געקומען אַן אויפֿגערעגטער און האָט געזאָגט, אַז איצט קאָן מען שוין גאָרנישט העלפֿן, אַז איצט מוזן זיך שוין אַריינמישן די דייטשן. ער האָט געזאָגט אַזוי: „אָדער איך וועל גיין צו זיי און וועל די קליינע אָפּראַטעווען, אָדער זיי וועלן אַליין קומען, און דעמאָלט איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן. איז בעסער אַז איך זאָל טאַקע גיין צו זיי..."

ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז געגאַנגען צו יענעם דייטש, ביי וועלכן ער האָט געאַרבעט אין שלאַכט־הויז. ער האָט אים דערציילט, אַז עס איז פֿאַראַן אַן אוקראַיִניש קינד, וואָס איז אַ יתום, און אַז ער דערציט דאָס דאָזיקע קינד, און אַז די שכנים באַליידיקן דאָס קינד, כאָטש עס איז ריין אַריש, ער האָט אים אויך דערציילט אַז איך בין אַ געלע און דער דייטש האָט זייער געלאַכט, ווייל ער איז אויך געווען אַ געלער. איך ווייס נישט צי דער דייטש האָט אים געגלייבט, צי ער האָט אים בלויז געוואָלט העלפֿן. נאָך דעם זעלבן טאָג איז ער געקומען צו פֿאָרן און מיט דעם רעוואָלווער אין דער האַנט איז ער אַריינגעגאַנגען אין קרעמל פֿון אונדזערן שכן און האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט אים שיסן אויב ער, דאָס הייסט דער קרעמער, וועט

נאָך איינמאָל באַליידיקן דאָס אַריש מיידעלע מיט די געלע האָר. זייט יע־נעם טאָג איז דער קרעמער שוין געווען שטיל און אויך אַנדערע שכנים האָבן שוין גאָרנישט געהאַט קעגן מיר. אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען דער סוף.

אין א יאָר אַרום זענען די דייטשן אַנטלאָפן און עס זענען אַריינגעקו־מען אין שטאָט אַריין די סאָוועטישע זעלנער. דעמלט איז דער קרעמער געגאַנגען מעלדן, אַז דער מוזיקער האָט געאַרבעט מיט די דייטשן, און אַז ער איז געווען א מסור, וואָס האָט אויף דעם קרעמער אָנגעשיקט די דייטשע מאַכט. מען האָט געפרעגט עדות און די עדות האָבן זיך דערמאָנט און דערציילט, אַז עס איז אַזוי געווען. דעמלט האָט מען דעם מוזיקער אַרעס־טירט. די אַלטע פרוי, וואָס איך האָב איר גערופן באָבעשי, האָט א גאַנצע נאַכט געוויינט. אינדערפרי האָט זי מיך אָנגעטאָן און זי האָט געזאָגט: „דו ביסט שוין א קלוג מיידעלע און דו פאַרשטייסט שוין נישט איין זאך. קום מיר וועלן גיין צו די סאָוויעטן, און דו וועסט אַלץ דערציילן וויאַזוי עס איז געווען". מיר זענען געגאַנגען און איך האָב אַלץ דערציילט פון סאַמע אָנהייב, וויאַזוי מען האָט דעם טאַטן אוועקגענומען, וויאַזוי מיר זענען מיט דער מאַמען אַנטלאָפן, און וואָס עס האָט פאַסירט שפּעטער, ווען די מאַמע איז נישט געקומען, און אויך וועגן דעם דאָזיקן קרעמער האָב איך דערציילט און וועגן דעם דייטש. ערשט דעמלט האָט מען אַרויסגעלאָזט דעם זון פון דער באָבעשי און מען איז געגאַנגען זוכן דעם קרעמער. אָבער ער האָט שוין באַוויזן צו אַנטלויפן. ערשט שפּעטער, ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און די סאָוועטן זענען אַוועק, האָט זיך דער קרעמער ווידער באַוויזן, און האָט יעדן דערציילט, אַז די באָבעשי מיט איר זון האָבן אויף אים אָנגעשיקט די מיליץ.

איר פרעגט, פאַרוואָס איך בין נישט געבליבן ביי דער באָבעשי מיט איר זון. יאָ, זיי האָבן געוואָלט איך זאָל בלייבן און איך האָב אויך געוואָלט אָבער נאָך דער מלחמה האָט ער חתונה געהאַט און זיין פרוי האָט מיך נישט ליב געהאַט. זייער א שיינע איז זי געווען, זיין פרוי, אָבער פיינט האָט זי מיך געהאַט פונקט ווי דער קרעמער. „וואָס קאָן איך טאָן, אַז איך האָב זיי נישט ליב? איך האָב שוין דאָס אין בלוט, אַזוי האָט מען מיך הערצויגן" — אַזוי פלעגט זי זאָגן. דערפאַר בין איך פון זיי אַוועק. ווען איך האָב מיך מיט זיי געזעגנט, האָבן מיר אַלע געוויינט, איך און די באָבעשי און איר זון. נאָר זי, די פרוי זיינע האָט נישט געוויינט.

אינהאַלט

	זייט
מאַראַנצן	5
יאָסעלע	14
סענדער	24
פליטים	30
די מומע עלקע	36
געטרייע ליבע	43
דאָס ייִנגל פון מיידאַנעק	51
א דיאלאָג אין פרימאָרגן	58
אין בונקער	64
די טאָכטער	69
מצבות	76
די שוועסטער אנאסטאַזיע	81
אונטערוועגנס	90
רעגינע	95
אומשטערבלעכקייט	126
לייענענדיק דיין בריוו	131
ערב פרילינג	138
די שיינע העלענע	147
גאָטס פרצוף	155
קינדער דערציילן	162